STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11329

NAYE UN ALTE HEYM

Malka Apelbaum

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מלכה אפּעלבוים

נייע און אלטע היים

(דערציילונגען און בילדער)

ריאָ דע זשאַנעיראָ

1955

געווידמעט דער פּיאַנאָ־קינסטלערין

מרים גראָסמאַן

די שנור פון ר׳ דב דיאַמאַנטע, דער תּלמיד פון דעם וועלט־באַרימטן
אָסטראָווצער רבין הרב ר׳ מאיר יחיאל הלוי האלשטאָק

פּרעזענטאַציע

הגם די מחברטע פון אָט דעם ביכל איז ניט קיין פּנים חדשות אין די געמאַרקן פונעם יידיש-געדרוקט וואָרט, לפּחות ניט אין אונדזערע מקומות פון דרום-אַמעריקע, איז דאָס אָבער איר ערשטער אַרויספאָר צווישן טאָוולען. איז דאָס פאַר איינעם, וואָס שרייבט, א וויכטיקע געשעעניש, וואָס צייכנט-אָן א מיילשטיין אין זיין גאַנג צו שלימות און צו זיין לאָזן זיך הערן און דערקענען אינעם ברייטן פעלד פונעם קולטור-שאַפן.

ביז איצט האָט זיך די מחברטע, מלכה אַפּעלבוים, על-פּי-רוב געלאָזט הערן מיט איר וואָרט אויפן שווערן געביט פון קינדער-דערציונג מיט אַרבעטן, וועלכע זי האָט געדרוקט אינעם היגן „פאַרן פאָלקסגעזונט" און פונוואַנען זיי זיינען איבער-געדרוקט געוואָרן אין אַנדערע אויסגאַבן. דער איצטיקער אַרויספאָר איז אויפן פּרעטענציעזן-בעלעטריסטישן פעלד און ס'דערקענען זיך לייכט די ערשטע וואַק-לענדיקע שריט פון אן אָנפאַנגער, וועלכער לערנט זיך גיין...

איז דאָס ניט קיין גרויסער חסרון; אָנהויבן מוז מען דאָך, כדי אין דער אַרבעט גופא זיך צו פּערפעקציאָנירן, זיכערער ווערן אין און מיט זיך, דער רעשט וועט שוין קומען.

אונדזער יידיש-ליטעראַרישע טעריטאָריע ווערט אַזוי אַרום באַרייכערט מיט נאָך א ראַיאָן, א רעלאַטיוו-ווייניק באַקאַנטן, בראַזיל, מיט איר עקזאָטיק און איר רייץ, וועלכע וועט זיך איינרייען אינעם קראַנץ פון דער אינטעריטאָריעלער יידיש-מאַפּע, דער פאַרשידנאַרטיקער און פילקאָליריקער מאַפּע, וועלכע שיידט זיך אויס און קענצייכנט זיך מיט איר אומגעווייגלעכער עשירות און אַנדערשקייט.

מאַכן מיר דאָ די ערשטע פּרעזענטאַציע פון א נייער און יונגער שרייבערן, וועלכע וויל זיך לאָזן הערן אין דער יידישער וועלט. און הגם מיר האַלטן זיך ניט פאַר שטאַרק ראוי צו דערדאָזיקער ראָל, ווי אן אַריינפירער פון נייע פיגורן אין דער ליטעראַטור, מיינען מיר אָבער, אז מיר וועלן פון דער נייער שרייבערן האָבן נחת און פּונקט ווי זי צייכנט זיך אויס מיט איר הומאַניטאַרישן צוגאַנג אין אירע אַרבעטן וועגן מאָדערנעם קינדער-דערציונג, וועט זי אויך אויפן ניט-לייכטן געביט פון בעלעטריסטיק געפינען איר וועג און מיר וועלן ניט אנטוישט ווערן אין אונדזער מיין וועגן איר.

י. בירנבוים

ב. איירעס, יולי, 1955.

אויגן...

געוועז איז דאָס דעמאָלט, ווען אַ קילער ערנסטער אָוונט האָט אָנגעצונדן די וואָלקנס אין מערב, און צושמעקט אַלע בלומען אין גאָרטן, וואָס אַרום זייער פּראַכטפולן הויז. אויף די שפּיצן פון די בוימער האָבן געפלאַטערט די פון זון געקושטע בלעטעלעך, ווי גאָלדענע רענדלעך און געגרייצט נאָך מער זשוואַנ׳ס האַרץ, וואָס האָט געשפּאַרט פון דער ברוסט פאַר אויפלעבונג און מונטערקייט, צוליב דעם, וואָס זיינע עלטערן זיינען אוועקגעפאָרן, זיינען ווייט פון אים, אַזש אין נאָרד־אַמעריקע, און ער קאָן אומגעשטערט טון אַלץ, וואָס אים נאָר גלוסט. אַפילו פּאולאַ קאָן ער פאַרבעטן צו זיך אין הויז, און פאַרברענגען מיט איר גליקלעכע, זיסע שעה׳ן. וואָס מיר ייִד, ווער מיר ייִד, וואָס מיר רעליגיע, האָט ער געטראַכט. אירע אויגן! אירע אויגן האָבן פייער, אירע אויגן האָבן מיט זייער פייערדיקן רייץ פאַרכישופט זיין האַרץ. זיי האָבן זיך אַריינגעגנבעט אין דער טיפעניש פון זיין האַרץ און נשמה און זיינען ווי צוויי קליינע, גאָר קליינע פענצטערלעך וואָס קוקן אַריין אין זיין סודותדיקער נשמה.

פּאולאַ! ווי שיין זי איז. ווען עס באַווייזט זיך אַ שמייכל אויף איר פּנים, ווערט עפּעס אַזוי וואַרעם אויפן האַרצן און ס׳כאַפּט אָן אַ באַנגער, אַ נאָגענדע היימע בענקשאַפט זיך מיט איר צו פאַרייניקן, אַפילו קעגן דעם ווילן פון די עלטערן... ער שעמט זיך ניט אויסצוזאָגן, אַז נאָך אַלס קינד, ממש, נאָך אין דער שולע, ווען ער איז געווען אַ ייִנגל פון אַ יאָר צוועלף־דרייצן, איז ער שוין אין איר

געווען פאַרליבט. שוין דעמאָלט פלעגט ער זי זען אין זיין קינדערישן דמיון, אַלס זיין איינציקער און העכסטער אידעאַל, אַלס זיין גוטער מלאך, זיין גליק!... ווען ער האָט זי איינגעשלאָסן אין זיינע פעסטע מענער־אָרעמס, האָט זיך אים געדאַכט, אַז די גאַנצע וועלט איז זיינע, אַז אַלץ אַרום, איז געוואָרן שטיל. אפילו דער נאָענ־טער ים איז איינגעדרימלט געוואָרן, גלייך זיך אויסגעצויגן, ווי אַ שווער אומבאַ־וועגלעכער מעטאַל־פּאַנצער, כדי צו קענען אויפכאַפּן דעם שטילן שאָרך פון די צוויי אַזוי היימ־ליבענדע זיך הערצער, וואָס צאַפּלען פון ליבעס־געגנוס...

ווען זיינע עלטערן האָבן אים שפּעטער צוגעדריקט צו דער וואַנט, האָט ער זיך מודה געווען. דערקלערענדיק, אַז פּאַולאַס באַשולדיקונג איז אַן אמתע, צוליב וואָס ער איז געצוווּנגען וואָס גיכער מיט איר געזעצליך חתונה צו האָבן, ניט רע־כענענדיק זיך מיט גאָר און מיט קיינעמען.

מיט צעצונדענע אויגן און מיט אַ ווייסע זידיקע שוים אויף זיינע ליפּן האָט ישואַז געפרעגט זיינע פאַרווייַנטע עלטערן, פאַרוואָס זיי ווילן צעשטערן זיין גליק? פאַרוואָס האָבן זיי אים גראָד איצט, איצט ווען ער איז שוין אַ דערוואַקסענער, אַ מאַן פון עטליכע צוואַנציק יאָר, באַשלאָסן צו דערציילן און אויפקלערן איינצעל־הייטן פון זיין אָפּשטאַם, פון זיין רעליגיע, און בכלל וועגן יידישקייט? פאַרוואָס האָט איר מיך באַלד פון דער פריעסטער יוגנט אָן ניט דערצויגן אין יידישן גייסט? — האָט ער צאָרנדיק געשריגן. — פאַרוואָס האָט איר מיך ניט געשיקט אין אייער יידישער שולע? אפשר וואָלט איך דאָרט געווען געטראָפן אַ מיידל, אין וועלכער איך וואָלט זיך געווען פאַרליבט, פּונקט אַזוי, ווי כ'האָב זיך פאַרליבט אין פּאַולאַ? פאַרוואָס האָט איר ניט גערעדט צו מיר אין אייער שפּראַך? צו־וואָס האָט איר אויסבאַהאַלטן דאָס אַלץ פאַר מיר? איצט, איצט ווען איר האָט מיך דערצויגן אין אַזאַ פאַר אייך פרעמדן גייסט, איצט ווען איך בין שוין אַ זעלבסטשטענדיקער מענטש מיט אַן אייגענעם בליק אויפן לעבן, איצט, ווען איך האָב ליב אַ מיידל שוין אַזוי פיל יאָרן, ווען איך בין שוין מיט איר דורך אַלע ליבעס־פעדים פאַר־בונדן, ווילט איר מיך מיט געוואַלט פון איר אָפּרייסן? איר ווילט צושטערן מיין גליק, צוברעכן מיין לעבן, נאָר דערפאַר, ווייל איר האָט מורא, מ'זאָל אויף אייך אין דער געזעלשאַפט ניט ווייזן מיט די פינגער... — שרייט זשואַן, און זיינע אויגן צינדן זיך מיט פייערדיקן כעס — ניין, ניין, איצט איז צו שפּעט! די שולד איז ניט מיינע. ביי מיר איז פּאַולאַ ליב און טייער, כאָטש זי איז ניט קיין יידישע.

איך זע בכלל ניט קיין שום אונטערשיד צווישן איר און א יידיש מיידל. אויך זע איך ניט קיין אונטערשיד פון זייער היים ביז אונדזערע, טא וואס פאר א שטורם האט פלוצלינג אויסגעבראכן? וואס איז געשען? מיט וואס זענט איר הייליקער, ב'מיין, יידישער פון אירע עלטערן? מיט וואס? האט זשוען געשטעלט איין פראגע נאך דער צווייטער. האלט איר דען ניט פאר הייליק און יום־טובדיק דעם זונטיק־דיקן טאג? נעמט איר ניט אויף ספעציעל אין דעם דאזיקן טאג אלע אייערע אנגע־לייגטע וויזיטן? פארוויילט איר זיך דען ניט אין דער סילוועסטער נאכט? טאנצט איר דען ניט גלייך מיט זיי אויף די קאפיראס־ און קארנאוואל־בעלער? היט איר ידען עפעס אייערע יום־טובים און שבתים, ווען וועלכע איר האט מיר נאר־וואס דערציילט? די מאמע דערציילט מיר איצט, אז ביי יידן איז פאראן א „שבת", א שבת מיט א טראדיציאנעלער סעודה, און אז די באבע פלעגט יעדן פרייטיק אוונט אנצינדן ליכט, אזש זיבן שבת־ליכט פלעגט זי אנצינדן, און אז דער זיידע פלעגט מאכן קידוש און זינגען זמירות... אז כ'פארשטיי אפילו ניט, וואס איר רעדט צו מיר. איך האב דעם זיידן און דער באבען ניט געקענט, כ'האב דאך אפילו קיין אנונג פון זייער אויסזען, וואס פארשטיי איך פון יענעם שבת, וועגן וועלכן איר דערציילט מיר איצט מיט אזוי פיל ענטוזיאזם, ווען כ'האב עס אין אונדזער הויז קיינמאל ניט געזען. וואס האט איר זיך אנגעזעצט אויף מיר? וואס ווילט איר פון מיר פלוצלינג היינט? וואס ווילט איר מיר גראד היינט אנווארפן, ארויפצווינגען אויף מיר א נייעם גלויבן, א גלויבן, וואס וויל צושטערן מיין גליק, א גלויבן, וואס וויל צוברעכן מיין לעבן, כ'וויל ניט וויסן פון קיין זאך, כ'האב פאולא'ן ליב. כ'האב זי הייליק און אויפריכטיק ליב, און מיר זיינען שוין מאן און ווייב. ס'וועט אייך אבסאלוט גארניט העלפן. ניין, ניין, ס'וועט אייך גארניט העלפן — איז זשוען ארומגעגאנגען איבערן צימער און זיך אפילו ניט אומגעקוקט אויף זיינע עלטערן. — יא, פאולא איז מיין ווייב. זי איז מיין ווייב, שרייט ער אויס, מיט אזא פעסטקייט, מיט אזא דעצידירענדע זיכערקייט, אז עס מאכט אזש אויפציטערן זיינע עלטערן, וועלכע באפעלן אים גלייך צו פארלאזן זייער הויז אויף תמיד.

א ווייסע, קאכעדיק־זידיקע שוים נעמט זיך כוואליען אויף זשואנס ליפן, און א שפיי, א שפיי ווי אן אפגעריסענע כוואליע פון בלוטיקן הארץ איז געפאלן פאר די פיס פון זיינע דערציער, אלס צייכן פון פאראכטונג און האס...

דאס הויז פון די בלומס איז אין א געדיכטן נעפל איינגעהילט. נישטא מער קיין צייכן פון די אמאליקע דארט הערשענדע אויפגעהייטערטקייט. ס'הערשט א קבר־

דיקע שטילקייט, וועלכע ווערט פון צייט צו צייט איבערגעריסן פון א ווייטיקלעכן זיפץ, וואס שניידט דורך די געדיכטע לופט און בלייבט הענגען אינם געפל... בלויז צירלס מוטער, האט דורכגעשניטן דעם געפל פאר די אויגן פון איר טאכטער, און ווי פון אן אומזעבארן געוועב פון גאלדענע פעדים האט זיך אויסגעשיילט פונם גופים־קנויל קדושים, לעבעדיקערהייט באגראבענע דורך די נאציסטישע תליונים, און אנגעשטעלט אויף איר א פאר מאנענדיקע, צארנדיק־בייזע אויגן. אויגן פול מיט ווייטיק און צער. אויגן פרעגענדיקע וואס האבן גערעדט מיט לשון.

— וואס האסטו טאכטער געמאכט פון דיין זון? וואס האסטן אים געגעבן? פארוואס ווייניסטו איצט? האלסטו דען, אז דאס איז ניט א גערעכטע פארדינטע שטראף?

זיינען מיר דאך געגאנגען אויף קידוש השם, מיטן גלויבן אין אייך, אז איר, די גליקלעך־לעבנגעבליבענע וועט ווייטער שפינען די גאלדענע קייט פון אונדזער המשך, און צום סוף, האט איר זיך אין אייער רייכן לוקסוסדיקן לעבן אזוי פאר־גאלאפירט, אז איר האט ניט געזען, ווי דאס שענסטע, דאס טייערסטע פון אייער לעבן גייט פארלוירן. אין קוואל פון רייכטום האט איר דערטרונקען אייער אייגן גליק.

פארוואס האסטו ניט דערצויגן דיין קינד אין ישראל־גייסט? פארוואס האסטו פאר דיין זון פארהוילן, פרעמד פאר אים געמאכט זיין שיינעם אפשטאם, אים ניט דערציילט פון די יידישע העלדן פון אלע צייטן, וועלכע האבן עקשנותדיק זיך געקלאמערט אין זייער תורה און גלויבן, א דאנק וואס זיי האבן ווידעראמאל ארויפגעצויגן די ווייס־בלויע פאן איבערן לאנד פון זייערע אבות. וואס האב איך פון דיין נאציאנאלער מיטארבעט און פון דיין געלט געבן פאר מדינת ישראל, ווען דו האסט אוועקגעריסן א זייער שיינעם און געזונטן זון פון יידישן פאלק? דאס אלץ וואס דו טוסט כלומרשט פאר מדינת ישראל, איז שקר, יא, שקר — שרייט צירלס מוטער מיט איר איינגעפאלענעם ציינלאזן מויל, וואס זעט אויס ווי א הוילער אפגרונט אין דעם געלן פנים, וואס איז אדורכגעאקערט מיט געדיכטע שניטן, פאלדן און אפגעברענטע הויט, וואס הענגען ציימנוויז אריבער די גע־שוואלענע בלוטלאזע ליפן. — יא דו ביסט שולדיק! נאר דו, שרייט זי, און טרערן גיסן פון אירע אויגן־אויסשניטן. זי ביילט אירע הענט וואס זיינען פארלייגט ווי אין יאוש און פאדערט פון איר טאכטער א חשבון. צו דיין מאן האב איך נאר ניט, נאר צו דיר האב איך א טענה, שרייט זי מיט שוים אויף די ליפן, ווייל אלץ הענגט אן פון דער פרוי. די דערציונג ליגט אויסשליסלעך אין אירע הענט. איבער־הויפט די יידישע פרוי, די יידישע מאמע מוז שטיין אויף דער וואך און ניט פאר־

שעמען די אמאליקע יידישע פרוי, וועלכע האט זיך תמיד מקריב געווען פאר דער דערציונג פון אירע קינדער. די יידישע פרוי מיט איר ריין יידיש הארץ איז געווען א כח. יא, א געוואלדיקער גרויסער כח, — רעדט ווייטער צירלס מוטער און טראפן שוויים פינקלען אויף איר געפאלדעוועטן שטערן — ווען זי נעמט דערציילן וועגן דעם, ווי מ'האט אמאל געפרעגט דעם תנא אבא חלקיה פארוואס זיין ווייבס תפילה (אויף רעגן) איז פריער אנגענומען געווארן ווי זיין אייגענע תפילה, האט ער געענטפערט, אז די פרוי, ווארשיינליך, די פרוי, וועלכע האט אן עכט יידיש גוט הארץ, א ריין צניעותדיק הארץ, איז די ברכה פון איר הויז און פון איר פאלק, און האט אויך בעסערע אויסזיכטן פאר איר בקשה אפילו ביי גאט. און היינט. נעבעך, וויל די יידישע פרוי זיין מאדערנע, קלאגט די פארחושכטע זקנה, און זי מיינט, אז מיטן איבערשניידן דיווארצלען פון יידישן שטאם, וועט זי דערלאנגען די העכסטע פאזיציע פון מאדערניזם, און אזוי ארום ארייננקריגן זיך אין דער הויכער געזעלשאפט. דאס דערציען די קינדער אין זעלבן גייסט וואס איר באבע און עלטער־באבע האבן דערצויגן, וואלט געהייסן אפגעשטאנענקיים, פאנאטיזם, בלינדקייט טראכט די היינטיקע פרוי. איז טאקע אין דעם זכות פון פראגרעס און ציוויליזאציע, געקומען צו דער מדרגה, אז אייגענע קינדער שפייען אין פנים פון זייערע עלטערן, זאגט די געטלעכע געשטאלט, און פאכט מיט אירע אויסגעביינערטע הענט, גלייך ווי זי וואלט זיך פארמאסטן עמיצן צו שלאגן.

צירל ציטערט אינגאנצן... אוי די אויגן! איר מוטערס אויגן שטעכן זי ווי מיט שפיזן. זיי שטעכן איר אין פנים, אין הארץ, אין דער ברוסט און אין אינגאנצן גוף. די יסורים זיינען אזוי גרויס, אז די האר אויפן קאפ שטעכן ווי שפילקעס. די אדערן נעמען זיך קארטשען און זי פילט, אז זי הויבט אן פרירן. די פיס ווערן שוואך און נעמען זיך וואקלען. זי לאזט זיך אראפ אין דעם ווייכן פאטעל וואס שטייט נעבן איר, און ניט ווילענדיק פאלט איר בליק אין שפיגל, אין וועלכן זי דערזעט איר אייגן געשטאלט. זי דערזעט זיך, אבער אין גאנצן אן אנדערע, ווי דערשט מיט עטליכע טעג צוריק.

איר פנים איז חושכדיק, אונטער די אויגן בלוילעכע רייפן, די באקן איינגעפאלן, די נאז איז טאפלט גרויס און פארשפיצט. בכלל איז ס'גאנצע פנים עפעס געווארן אין אזא קורצער צייט דאר, לענגלעך און מיאוס, אזוי, אז זי אליין דערקענט זיך נים. זי קוקט אין אלע זייטן, ווי זי וואלט עפעס, אדער עמיצן געזוכט. זי קוקט מיט א שטארן בליק און ציטערט אינגאנצן. אוי די אויגן! מיין מאמעס מאנענדיקע אויגן פארקלעמען מיר ס'הארץ — שרייט צירל מיט א ווילד קול, ווי פון א משוגענער, — און עס דוכט זיך אויס, אז וויפיל הויך עס איז נאר נים,

איך שטימע, איז אלץ, איר מוטערס שטימע העכער, צאַרנדיקער און פול מיט כעס. אוי איר מוטערס רייד! פלאַמיק, אימה'דיק איז איר מוטערס מוסר, און דער כעס פרעסט איר ביינערדיקע וואַנט אין א פויסט. אירע בלויע, בלוטלאָזע ליפּן שפּריצן מיט פייער און גיפט. און יעדער טראָפּן פון דעם פאַרסמטן קוואל, שטעכט צירלען ווי א דאָרן אין לייב, ברענט ווי א פייער פונם שאול תחתיית. א שווי־דער, אן אייז־קאַלטער שוידער איז אדורך איר חוט־השדרה, און זי האָט דערפילט א באַגער, צו אַנטלויפן. אַנטלויפן פון איר אזוי שיין און רייך איינגעאָרדנט הויז, ווי עס באַגלייטן זי אויף טריט און שריט איר מוטערס צעריפולע אויגן. ס'האָט זי גענומען א גוואַלדיקער חשק צו אַנטלויפן פון איר הויז, אין וועלכן עס איז איר פּלוצלינג אזוי ענג געוואָרן. ענג, ביז צום דערשטיקט ווערן.

אוי די אויגן! לייב! — האָט זי געזאָגט צו איר מאַן, וועלכער איז געשטאַנען נעבן איר, און געהאַלטן אין איין באַרואיקן — אוי די מאַמעס אויגן מאַכן מיך משוגע. אוי לייבל, לייבל, האָט זי געקלאָגט, און פאַרשטעלט ס'פּנים מיט ביידע הענט, כדי ניט צו זען איר מוטערס אויגן, וועלכע האָבן צאַרנדיק געדראָט.

אַ איר שוואַרצע, צושמעקטע זומער־נאַכט פון ריאָ דע זשאַנעיראָ! אַ, איר, דורך די פאַעטן באַזונגענע, פון גאָט ווי צו ליבשאַפט באַשאַפענע! אַ איר הייסע, פול מיט ליבעס־געזנגס זומער־נאַכט! האָט זשואַן אויסגערופן פול מיט ענטוזיאַזם, שפּאַרענדיק זיין מיט כחות שפּע געבענטשטן קערפּער צו זיין ליבער פּאַולאַ, ווען פּלוצלינג האָט זיך פון דער פינסטער אויסגעשיילט זיין מוטערס פאַרווייִנטע אויגן. און זיין האַרץ האָט א שטאַרקן צאַפּל געטון. זיין האַרץ האָט א ציטער געטון, ווען ער האָט דערפילט א שרעקנדן כח, א כח, וואָס ער קען ניט זיין נאָמען, אָבער ער פילט, אז ר'איז אומבאַזיגנבאַר. ער האָט געפילט, אז קיינמאָל וועט ער דעם דאָזיקן כח ניט בייקומען, ווייל דאָס איז דער כח, פון זיין מאַמעס אויגן...

די קללה פֿון וויסן

שטיל, אַזוי שטיל איז אין דער איין־צימערדיקער וווינונג, אַז שייקע הערט אַזש דאָס קלאַפּן פֿון זײַן אייגן האַרץ. זײַן פּנים איז טונקל פֿאַר כּעס, זײַנע אויגן ברענען מיט אַ גרינעם פֿײַער ווי בײַ אַ נאַכטיקער חיה. ער קלערט, האַלט אין איין קלערן. טראַכט וועגן די פּראָבלעמען פֿון וועלט און מענטש, לעבן און ליבע, קאַפּיטאַליזם און אָרעמקייט, פּעסימיזם און אָפּטימיזם און זײַן געמיט ווערט וואָס אַמאָל שווערער. ער פֿילט אַ שוואַכקייט אין אַלע זײַנע אבֿרים און אין זײַן מוח שרײַט אַ קול: דו ביסט קראַנק, דו ביסט אויסגעהונגערט נאָך אַביסל צערטלעכקייט ליג זיך אין בעט, רו אויס דײַנע צעשרויפֿטע נערוון! יאָ, דאָס בעט איז די איינציקע רפֿואה, האָט שייקע געטראַכט און קרעכצענדיק זיך געלייגט. זײַן קרעכץ מישט זיך צונויף מיטן קרעכצן פֿון אַלטן דראָטענעם מאַטראַץ און הילט אײַן דאָס צימער אין פּחד. אָבער דער דאָזיקער פּחד איז אים, שייקען, ליבער ווי די לאַנגווײַליקע טעג, ווי די בעלער מיט די אָפּגעמאַלעוועטע, נודנע, פֿאַרפּומירטע פֿרויען וועלכע פֿלעגן זיך אַמאָל שדכנ'ען צו אים, מיינענדיק, אַז ער איז רײַך. דערוויסנדיק זיך אָבער, אַז אָנשטאָט אַ גראָב באַנק־ביכל האָט ער נאָר אַ פֿולע שאַפֿע מיט ביכער, האָבן זיי פֿון אים גענומען ווײַכן. יאָ, זינט דעמאָלט ווײַכן זיי פֿון אים. און ניט נאָר זיי, די פֿרויען, נאָר בכלל האָט קיינער ניט קיין שום אינטערעס פֿאַר אים. און אַפֿילו די יעניקע, וועלכע רעדן שוין יאָ מיט אים, הערן זיך כּלומרשט צו צו זײַנע דערקלערינגען און אויפֿקלערונגען האָבן אים אויך ניט גערן. ער פֿילט, דאָס זיי לאַנגווײַליקן זיך אין זײַן געזעלשאַפֿט. מיט איין וואָרט, ער פֿילט, דאָס ער איז אַן איבעריקער אויף דער וועלט. אַך, וואָס פֿאַר אַן איראָניע! וואָס פֿאַר אַ בלוטיקער שפּאַס פֿון גורל! ער שייקע, דער אַמאָליקער ישיבֿה־בחור, דער שפּעטערדיקער סטודענט

פון פילאָזאָפישן פאַקולטעט, דער שרייבער און דיכטער האָט ווייניקער אָנזען אין דער ועזעלשאַפט, ווי יאָסל דער שוסטער, וועלכער איז געקומען נאָך בראַזיל צוזאַמען מיט אים. און דאָס נאָר דערפאַר ווייל יענער האָט זיך ניט פאַרנומען מיט ביכער און צייטונגען, נאָר אַרייַנגעוואָרפן זיך מיטן גאַנצן ברען אין דער אַרבעט און געמאַכט גיך א פּאָר גרייצער. ניין! ניין, ער שייקע וועט דאָ אין בראַזיל ניט בלייבן. ער וועט פּרוּוון פאָרן קיין נאָרד־אַמעריקע, קאַנאַדע אָדער ערגעץ אַנדערשוווּ, אַבי ניט אין בראַזיל. אפשר דאָרט — וועט מען האָבן מער פאַרשטענדעניש פאַר אים, מער דרך ארץ פאַר זיין לערע און וויסן, וואָס איז ביז הייַנט־צו־טאָג דאָ אין בראַזיל פאַר אים א קללה.

דער ברייטער הימל טריפט מיט זון, זילבער און בלויקייט. די לופט איז רואיק. דער ים ליגט אויסגעצויגן ווי א שפּיגל, אויף וועמענס וואַסער־פלאַך עס גליטשט זיך לאַנגזאַם די שיף, שפּיגלענדיק זיך אין דער בלענדנדער ליכטיקייט פון טאָג. אך ווי שיין, ווי שיין דאָס דאָזיקע בילד איז — טראַכט שייקע זיצענדיק אויפן דעק.

איצט פאַרשטייט ער ערשט ריכטיק דעם „ברכי נפשי", וואָס ער פלעגט זאָגן ווינטער שבת פאַרנאַכט, וואָס איז איין גרויסער לויב און באַוווּנדערונגס־געזאַנג פאַר דער נאַטור. גאַנצע טעג זיצט ער שייקע אַזוי, קוקט, אָבסערווירט און שרייבט, שרייבט לידער, וועמענס עכאָ ער הערט פון זיין זינגענדיקער נשמה. אך ווי גוט ס'איז אים דאָ אויף דער שיף. א שאָד, א גרויסער שאָד, וואָס מ'דערנענטערט זיך שוין צו די ברעגעס פון ניו־יאָרק, טראַכט שייקע. ער וואָלט אַזוי אייביק געוואָלט פאָרן. נאָר לייִדער רוקט זיך די שיף שטאַרק גיך, און אָט דערזעט ער ווי די פּאַסאַזשירן פון דער ערשטער קלאַס, דאַמען פון דער בעסערער געזעלשאַפט, דיקע הערן מיט בינאָקלען און פאָטאָגראַפיר־אַפּאַראַטן שטייען איצט מיט אומגעדולד. אַלע זיינען פול מיט קוריאָזיטעט צו זען די פרייהייטס־סטאַטוע, די „סטעטשו אָף ליבערטי". אויך ער שייקע קוקט שוין ניט מער רעטראָספּעקטיוו, ער האָט שוין מער ניט אין זינען די שיינקייט פון דער נאַטור, נאָר מיט נייגער, קוקט ער פאָרויס, וועלענדיק דערזען ניו־יאָרק. און פּלוצלינג! פּלוצלינג א ספּאָנטאַנער אויסגעשריי פון פרייד און צופרידנקייט פון גאַנצן עולם. אָ! אָט איז זי, די פרייהייטס־סטאַטוע!

שייקע, וועלכער איז געווען א בחור אַן איינזאַמער, ניט קיין גרויסער פאַרדינער, א שטיקל בעל־חלומות, איז איצט געווען יום־טובדיק געשטימט האָפענדיק, אַז זיינע חלומות וועלן דאָ אין ניו־יאָרק מקוים ווערן. ער וועט איבערייסן מיטן אַלטן שטייגער, ניט מער אין זינען האָבן קיין ביכער נאָר נעמען זיך צו דער אַרבעט

מיט דער פולער ענערגיע, מאַכן א פּאָר דאָלאַר און דאַן... דאַן א לעב טון! געגוג שוין געוועזן א בעל־חלומית, עס בענקט זיך אים נאָך א טאָג עולם־הזה. ער האָט בטחון, אז דאָ אין ניו־יאָרק, ווו קיינער קען אים ניט, וועט ער דאָס באַווייזן. ער וועט זיך ניט שעמען פאר קיינעם. ער וועט אלץ טון, אבי צו פילן דעם טעם כאָטש פון איין גוטן טאָג. ווייל וואָס איז דען מ'שטיינסגעזאָגט ס'גאַנצע לעבן? „צום אָנהויב די אומענדלעכע שטילקייט, צום סוף די זעלבע שטילקייט. דאָס לעבן איז נאָר א קורצער און זייער טומלדיקער איבערגאַנג פון איין שטילקייט צו דער צווייטער". אזוי זאָגט ז. שניאור אין זיין ראָמאַן „א טאָג עולם הזה". יאָ, א סך גוטע געדאַנקען האָט שייקע ארויסגענומען פון אָט אָ דעם בוך אין וועלכן ס'לעבן ווערט פארגליכן צו אַן ענגן פאַראָם מיט אָנגעשטעלטע פעסער און אָנגעלייגטע זעק, מיט שטופּעניש פון פערד און גראָבע יונגען, מיט ריח פון קו־מיסט... אָבער באַלד נאָכן אריבערפאָרן, קומט די רחבות, די גרויסע באפרייאונג. און וואָס ס'לעצטע הייסט, ווייסט ער געווי. א נו, זאָל ער, ווי לאַנג ער לעבט נאָך עפּעס כאָטש געניסן פון לעבן.

לײדער, האָט אָבער אויך דאָס מאָל דער גורל אים פארפּאַלגט. זיין ברוך הבא איז ניט געווען קיין גוטער. מ'האָט אים געפירט קיין „עלים איילאַנד" דער טרערן־אינדזל (וועגן וועלכן ער האָט שוין געהאַט זייער א סך געלייענט), ווו ער האָט פארבראַכט גאַנצע דריי טעג און איינגעזאַפּט אין זיך א סך הייסע טרערן, וועלכע האָבן אים ווידעראמאָל אַריינגעפירט אין זיין אלטער פארצווייפלטער שטימונג. אין אזא מין אפאטיע וואָס גרענעצט זיך מיט אויסגעשפּראָכענעם פעסימיזם, מיט האָפענונגסלאָזיקייט. ער איז געווען אזוי פארביטערט, אז דאָס גרויסע און שיינע ניו־יאָרק האָט ביי אים אין די אויגן אויסגעזען ווי א משוגעים־הויז. ער האָט ניט געקענט פארנעמען דעם טומל, די שיינע סקווערן און פאַנטאַנען זיינען אים ניט געפעלן געוואָרן. „מעיסים" איז א גאָר מיאוסער יאריד, די „רעדיאָ־סיטי" איז עפּעס א מין כישוף־אָרט, האָט ער געזאָגט צו זיין „ציצערע", זיין לאַנדסמאַן, וועלכער האָט אלץ געטון, אבי אים ארויסצופירן פון זיין מוראַדיקער שטימונג. דאָס איינציקע, וואָס אים איז יאָ געפעלן געוואָרן, איז דער „אויטאָמאַט", ווייל אין ניו יאָרק זשאַנעיראָ איז אים אמיינסטן נמאס געוואָרן דאָס זיצן אין רעסטאָראַן אָדער קאַפע־הויז און וואַרטן ביים לײדיקן טישל ביז דער „ג אַ ר ס אָ ן" א פארשוויצטער באַ־ענגט צו דאָך באַשטעלטע. און דאָ גייט מען צו צום אויטאָמאַט און מ'נעמט זיך אלץ אליין, דאָס וואָס ס'האַרץ גלוסט. אויך א גוטן און זיסן נקמה־געפיל האָט ער געפילט אין זיין האַרץ אין די פארנאַכטיקע שעה'ן, פאַרענדיק אין

מ ל כ ה   א פ ע ל ב ו י ם

דער אונטערגרונט־באַן און זעענדיק די פאַרמאַטערטקייט, די דערשלאָגנקייט און מידקייט וואָס קוקט אַראָפּ פון די פרויען־פּנימער, פון די פרויען, וועלכע קערן זיך צוריק פון זייער אַרבעט אין שאָפּ. יאָ, זיין גרעסטע פאַרביטערטקייט פילט ער צו זיי. א משרת וויל די פרוי בעסער זיין ביי א רייכן, איידער חתונה האָבן מיט א מענטשן, וואָס איז ניט אַזאַ גרויסער פאַרדינער, האָט שייקע געטראַכט. דער גאַנצער צאָרן און צער זיינער, וואָס האָט זיך אין אים אָנגעזאַמלט, דער האַרטער שטיין פון פאַרדרוס, וואָס איז אין אים געוואַקסן, זינט זיין כלה האָט אים פאַרלאָזט שמעלצט זיך אין א ווארעמען נקמה־שטראָם, זעענדיק די קרענקלעכע אויסגעהאָ־ עוועטע פרויען־פּנימער מיט די מידע, שיקלענדיקע מאַטע אויגן... אין זיין פאַרדריסלעכקייט האָט ער אפילו פאַרגעסן דאָס, וואָס ער האָט געטראַכט מיט א פּאָר שעה פריער. אז ניט נאָר די פרויען טראָגן די גאַנצע שולד פון זיין פריצייטיק פאַרוועלקטן לעבן, נאָר די לײַ־ע זיינע, דאָס טראַכטן און איבערטראַכטן, דאָס אריינקלערן, דאָס חשבונ׳ען, דאָס איבערעכענען אַלץ, וואָס עס פּאַסט יאָ, און וואָס עס פּאַסט ניט האָט א גרויסן חלק אין זיין פאַרשפּילטער יוגנט. ס׳איז די קללה פון וויסן.

א יאָרצייט-ליכט

עס איז געווען א שיינער זומער־טאָג. די זון האָט גאַנץ פרי ארויסשפּאַצירט פון איר געצעלט און מיט א ליכטיק, מילד פּנים אראָפּגעקוקט אויף די אויסגעוואַקסענע ביימער, בלומען און גראָזן, צערייסענדיק, צעטרייבענדיק די ערטערווייז פארשפּרייטע נאכט־וואָלקנס, האָט זי זיך געשפּיגלט אין די גלאַנציקע טוי־טראָפּנס, וואָס האָבן געפּינקלט מיט א פּראכטפולער בונטפארביקייט. זי האָט מיט איר וואַרעמקייט און ליכטיקייט געוועקט די שיינע, רומפולע שטאָט ריאָ דע זשאַנעירא.

א מידע, א צעבראָכענע נאָך דער שלאָפלאָזער נאכט, איז שרה'לע שטיל אראָפּ פון בעט און פארוקט דעם סטאָר ביים פענסטער. כאָטש זי האָט גענוי געוווסט, ווי געזונט עס איז אין אזא טאָג פרי אויפצושטיין, האָט זי דאָך געוואָלט, אז איר ובקה'לע, איר איינציק טעכטערל זאָל וואָס לענגער שלאָפן. ווייל זי האָט ניט געהאט קיין געלט פארוואָס צו קויפן עפּעס צו צום פארטריקנטן שטיקל ברויט, וואָס איז שוין אלט געווען עטלעכע טעג. און אוועקלייגענדיק זיך צוריק אויפן בעט הויבט זי אָן וועבן פארשידענע פּלענער, ווי אזוי צו שיצן איר קינד פון נויט. אמת טאַקע, אז ביז היינט האָט עס אויך געלעבט אין שלעכטע באַדינגונגען, ווייל זי האָט עס קאַרג דערנערט, אָבער קיין נויט האָט עס ניט געליטן. איצט אָבער איז אלץ דער־שעפּט. איר שטוב איז פּוסט, זי האָט שוין ניט מער וואָס צו פארקויפן, ווייל די פאַר ווערטפולע זאכן האָט זי פארקויפט פאר איר מאַנס אוועקפאָרן קיין באַהיא, פערנאַמבוקא, ווו ער האָט געזאָלט אָנהויבן פּריש האַנדלען בכדי צו פאַרדינען אויף פּרנסה. דאָ אין ריאָ, האָט ער געזאָגט, גייט אים עפּעס ניט, אפשר דאָרט, דאָרט וועט ער מאכן געשעפטן מיט זייגערלעך, צירונג און אנדערע חפצים. איז דאָך זיין דבר אזוי ארום רייך געווארן, אפשר וועט אים אויך געלינגען, וועט ער דאַן ארי־

בערנעמען זיין ווייב און קינד. און די איבעריקע זאכן האָט זי פארקויפט אויף גרויט. קיין פאך באזיצט זי ניט, קיין קליענטעלע גלוסט איר ניט צו ארבעטן. עפּעס פילט זי א ווידערווילן צו דעם מסחר בכלל און פאר פרויען בפרט. טאָ וואָס בלייבט איר צו טון? — טראכט די מידע, פארצווייפלטע מאַמע, וועלכע אָבסערווירט איר גלייך אויסגעמאגערט קינד — ווי אזוי מיידט מען אויס צו הערן די צוויי טרויעריקע ווערטער: „מיך הונגערט". און אפשר וואָלט געווען א יושר, א פּלאן צו באגיין זעלבסטמאָרד — פליט דורך א געדאַנק אין איר מוח. אפשר וואָלט דאן בעסער געווען פאר איר קינד, ווייל א יתומה וועקט די סענטימענטן און רופט ארויס גרויסן רחמנות... עס לויפן, עס איילן די געדאַנקען. עס איילן אין איר מידן מוח פלענער, איינער נאָכן אנדערן, און צוזאַמען מיט זיי די שעה'ן...

א ליכטער קלאַפּ אין טיר רייסט ארויס שרה'לען פון איר אומעטיקן סלערן, פון איר פארצווייפלטער פארטראכטקייט. זי שפּרינגט שנעל אראָפּ פון בעט און נעמענדיק אייף זיך א לייכט מאָרגן־קליידל מאַכט זי אויף דאָס קליינע טיר־פענסטערל דורך וועלכן דער בריוו־טרעגער דערלאַנגט איר א בריוו אין וועלכן זי דערקענט איר מאַנס האַנטשריפט, וואָס מאַכט זי אזוי צעטומלט, אז זי וויל פּשוט כאַפּן קושן דעם בריוו־טרעגערס האַנט. — ענדלעך פון אים א בריוו! ענדלעך! קוים זיך דערוואַרט א בריוו — זאָגט זי, אָפּזיפצענדיק שווער. און פארמאַכנדיק דאָס קליינע פענסטערל, נעמט זי מיט א פארכאַפּטן אָטעם לייענען דעם בריוו, אויף וועלכן זי האָט געוואַרט גאַנצע פיר יאָר...

אָבער וואָס איז געשען? צי שווינדלט איר פאר די אויגן? זי לייענט איין מאָל, א צווייט מאָל, די אויגן בלאָנדזשען שנעל איבער די שורות, אָבער זי פארשטייט עפּעס נאָרניט. וואָס טוט זיך דאָ? האָט זי פארלוירן דעם געדאַנק? — טראכט שרה'לע. גאָט! מיין גאָט! זאָל דאָס זיין אמת? איז טאַקע איר מאַן טויט? איז ער טאַקע טויט — שרייט זי אויס מיט א ניט נאַטירלעך קול. לעבט ער שוין ניט מער? ליגט שוין זיין שלאַנקער קערפּער אין פינצטערן קבר? געפינט ער זיך שוין טאַקע ניט צווישן די לעבעדיקע? — יאָ, אזוי איז עס — זאָגט זי מיט א שטילער, ווייניגדיקער שטים נאָכן איבערלייענען דעם בריוו. און פארברעכענדיק די הענט, וואַרפט זי זיך אויפן בעט, אין וועלכן עס ליגט איר ביז גאָר דערשראָקן קינד, און צודרייקענדיק עם פעסט צו איר ברוסט, זאָגט זי איר טעכטערל די טרויעריקע בשורה, דאָס זי איז געוואָרן א יתומה. דו האָסט שוין מער מיין קינד קיין פאָטער! — זאָגט זי צו איר, גלעטענדיק אירע פעך־שוואַרצע הערעלעך, וועלכע זיינען געווען נאַס פון איר כוטערס טרערן.

טרינקענדיק זיך אין א ים פון טרויער און צער, נעמט זי מיט ציטערדיקע הענט דעם בריוו און הויבט אן ווידעראמאל לייענען. זי לייענט פון אנהויב — ווי ער שרייבט, דאס ווען זי וועט האלטן דעם בריוו אין האנט, וועט ער שוין זיין טויט. זי שלינגט די טרערן, וואס שטיקן איר אין האלדז און לייענט ווייטער וועגן זיין גוואלדיקער בענקשאפט צו איר און צו זייער קינד אין די ערשטע טעג נאך זייער צעשיידונג, און ווי וויטיקלעך־פיינלעך עס זיינען פאר אים געווען די טעג און יאך ערגער די נעכט, ווען ער פלעגט שעה׳ן־לאנג טראכטן וועגן זיין היים, וועגן זיין אזוי אים ליבער היים, וועגן זיין ווייב און קינד.

וויל אבער דער טייוועלשער גורל — שרייבט ער, אז גראד זאל אים זיין חבר באקענען מיט זיין שוועגערן, אן עלטער מיידל, וועלכע איז געקומען פון ריא דע זשאנעירא דארט זוכן ס׳מזל, און זי, די פיין־דאפיגירטע פרוי, האט אים גענומען אין דער ארבעט אריין. צום ערשט איז אים ניט געקומען אויפן געדאנק, אז פעלא איז אין אים פארליבט, און אז מיט איר גוטער האנדלונג איז זי נאר אויסן איר אייגענע טובה — נעמלעך זי זאל מיט איר אפפערוויליקייט וועלן אים פאנגען. ניט נאר, וואס ער האט וועגן דעם ניט געטראכט, נאר ווען עס זאגט אים ווער אזעלכעס, וואלט ער אויך געזאגט, אז ס׳איז ניט אמת. ער וואלט ממש יענעם אין פנים אפ־געשפיגן. ווייל פעלא ווייסט דאך, אז ער האט א פרוי מיט א קינד. אבער נאך מער ווי אויף פעלאן, וואלט ער ניט געגלויבט אויף זיך זעלבסט, דאס ער זאל קענען ביי זיך פועלן צו גיין און לעבן מיט א צווייטער, פארגעסנדיק זיין געזעצלעכע פרוי און קינד, וועלכע זיינען געבליבן אין ריא דע זשאנעירא. און דאך! און דאך איז עס געשען — שרייבט ער. אבער ניט דערפאר, וואס ער איז געווען אזא לייכט־זיניקער, אדער א דאן־זשואן, פארענטפערט ער זיך, נאר ווייל פעלא איז געווען א פרוי א דעמאן. און ער שילדערט, ווי זי פלעגט תמיד אים אפווארטן און באגעגענען מיט א שעלמישן בליק און פארפירערישן שמייכל. און ווי זי פלעגט מיט איר ראַ־פינירטקייט וועקן זיינע ליידנשאפטן, פון וואס ער איז סוף־כל־סוף געפאלן א קרבן, — א מיאוסער קרבן!

און צום סוף שרייבט ער וועגן דעם מבול פון צרות און ליידן מיט וואס פעלא האט אים באשאטן, ווי זי האט אים געיאגט און געפלאגט צו ארבעטן ווי א פערד, אבי איר נאכצוקומען אין אלץ. און ווי די זעלבע פעלא, וועלכע האט אין די ערשטע צייטן אזוי שיין גערעדט וועגן איר הייסער ליבע צו אים, און גלייכצייטיק אים באַ־ווארפן מיט א ים צערטלעכקייטן, האט שפעטער אים באשמוצט און א באשפיגענעם אים פארלאזט, אפזוכענדיק זיך א צווייטן. אבער ניט ווייל יענער איז געווען שענער

פֿר־ער רייכער, נאָר פּראָסט פּשוט, ווייל די נאַטור פֿון אַזאַ פֿרוי איז שוין אַזעלכע. דערמאָלט ווען זי ווייסט, ווען זי פֿילט, אַז זי האָט שוין איר קרבן גוט פֿאַרכישופֿט, פֿעסט צוגעשמידט צו זיך, ווען זי ווייסט, אַז אָן איר וועט אים שוין זיין שווער צו לעבן — וואַרפֿט זי אים אַוועק. וועלענדיק, אַז ער זאָל קומען צו איר און בעטן, פֿאַלן צו די פֿיס, אָדער ער זאָל אַרויסרופֿן איר פֿרישן קרבן אויף אַ דועל. אַזאַ פֿרוי האָט ליב שטורמישע איבערלעבונגען. סענסאַציעס, דראַמעס און נאָך אַ סך אַנדערע טומלדיקע געשעענישן. און זעענדיק, דאָס ניט איך קום, ניט איך בעט, ניט איך סני פֿאַר איר און ניט איך רוף אויף אַ דועל, האָט זי זיך ווייזט אוים געפֿילט גע־קרענקט, באַליידיקט און טיף געטראָפֿן, טאָ אַלס נקמה האָט זי אויסגעטראַכט אויף מיר אַ בלבול, און מען האָט מיך אַריינגעזעצט אין תּפֿיסה, ווו די פֿייכטקייט און קאַלטקייט פֿון די תּפֿיסה־ווענט האָט אָפּגעפֿרישט און אויסגענכטערט מיין פֿאַר־שיכורטן מוח און דערמאָנט מיך וועגן מיין פֿרוי און קינד, צוליב וועמען איך האָב דערפֿילט בייסיקע נשמה־פֿאַרוואָרפֿן און שטאַרקע געוויסנס־ביסן, וועלכע האָבן מיך געצוווּנגען אָנצונעמען אַ באַשלוס צו מאַכן אַ סוף פֿון מיין לעבן, פֿון מיין יונג פֿאַרשפּילט לעבן.

בעט ער דעריבער, אין די לעצטע ווייטיקלעכע מינוטן פֿון זיין לעבן, אַז ניט זי, די פֿרוי זיינע, זאָל אים מוחל זיין, ווייל אַזעלכעס איז ער גאָר ניט דרייסט אַפֿילו צו בעטן, נאָר אַז זי, שׂרה'לע, זאָל אין זיין קינד ניט איינפֿלאַנצן קיין האַס צו אים, און אַז זי זאָל זיך צוגעוויינען יעדן יאָר — אין טאָג פֿון זיין טויט — אָנצוצינדן אַ יאָרצייט־ליכט. דאָס איז זיין לעצטע בקשה, אַז זיין רבֿקה'לע, זיין איינציק קינד, זאָל נאָך אים אָנצינדן אַ יאָרצייט־ליכט...

צוליב קאָרטן...

ווענן די סיבות פון גט׳ן זיך, האָט מען שוין געשריבן גאַנצע ביכער. אויפן ערשטן אָרט, פאַרשטייט זיך, קומט די עקאָנאָמישע לאַגע. קומט דער דלות אריין דורך דער טיר, אַנטלויפט די ליבע דורכן פענסטער. אַזאַ מין גלייכוואָרט געפינט איר אין פאַרשיידענע שפּראַכן, דערנאָך קומט די משפּחה־שווינגערס, וואָס מישן זיך, אָדער גאָר שווענערנס א. א. וו., אָבער מ׳זאָל זיך גט׳ן צוליב קאָרטן, דאָס איז אַ שפּאָגל־נייע סיבה. מ׳קען עס אָנרופן אַ מאָדערנע סיבה.

און אַזוי ווי חנה׳טשע איז טאַקע אַ מאָדערנע פרוי, אַ הייסע אָנהענגערין פון כּלערליי מאָדעס, האָט זי אין אַ שיינעם העלן פרימאָרגן דערקלערט איר סענדערן, אַז זי האָט שוין נענוג דאָס בידעווען ביי אים, און אַז זי וויל זיך גט׳ן...

ס׳האָבן ניט געהאָלפן קיין שום טענות, אַז זי זאָל האָבן געדולד, אַז ס׳איז קיינמאָל ניט צו שפּעט צו האָפן, אַז מיט דער צייט איה״ש וועט ער אפשר קענען דערפילן איר פאַרלאַנג און איינאָרדענען אַ שיין אויפנאַם־צימער אַ „ליווינג רום״ ווי זי רופט עס...

ניין, ניין זי קען ניט וואַרטן זאָגט זי. זי ווערט פשוט פאַרברענט פון בושה, ווען ס׳קומען צו איר אריין אירע חברטעס און זעען איר נעבעכדיק־אָרעמע איינ־ריכטונג. זי וויל אויך האָבן די מעגלעכקייטן צו פאַרבעטן צו זיך אין הויז אויף אַ קערטל. וועלכע מאָדערנע פרוי שפּילט דאָס ניט אין קאָרטן? טאָ פאַרוואָס זאָל איך תמיד דאַרפן אַוועקגיין צו אַנדערע? זאָלן זיי אַמאָל קומען צו מיר, רעדט זי מיט שוים אויף די ליפּן, אַ סך גרויסע פאַרגעניגנס גיסטו מיר, טענה׳ט זי — און טרערן, הייסע טרערן נעמען זיך קייקלען איבער איר מיט אַ גרימאַס פאַרצוינגענעם פּנים.

סענדער האָט אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ און געטראַכט. הייסט דאָס, אַז אומזיסט און אומנישט אַרבעטן דענקנדע קעפּ איבער לערע, איבער גייסט און וויסן. דאַכט זיך, אַז דער כּישוף פון פאַלשן גלאַנץ באַזיגט אַלץ.

די גאַנצע קולטור גייט אונטער. אַלע גייסטיקע ווערטן ווערן ווערטלאָז לגבי דעם כּישוף פון געלט און קאָרטן... סענדער האָט אַ פּיר־געמטן זיינע פינגער איבער זיינע צעפּאַטלטע האָר, און מיט אַ געזאָלצן שמייכעלע באַטראַכט זיין ווייבל, זיין חנה טשע, וועלכע פּלעגט אַמאָל אַזוי שיין ריידן וועגן געטריישאַפט, אידילִיע און ליבּע בּו׳ויט מיט וואַסער — פּלעגט זי זאָגן — אַבי צו זיין מיט אַ ליבנדן מענטשן צוזאַמען. אירע אויגן פּלעגן גליען בעת מעשה, ווי ביי אַ הייליקער. און איצט, איצט איז זי גאָר אויסגעוואַקסן צו אַ העלד, אַ זיגרייכן העלד, וואָס קומט און דערקלערט אים, סענדערן, אַ מלחמה, אַן אולטימאַטום. אַ „ליווינג רום" אָדער אַ גט! זי חנה'־טשע, ר' משה לייב'ס טאָכטער, וועלכע פּלעגט שבת ניט קעמען אירע האָר, איז גרייט אויסצוטוישן איר ליבע, איר מאָראַל, אויף געשמאַקלאָזע קאָמפּלימענטן, אויף רייכע מאָלצייטן אין גוטע רעסטאָראַנען, אויף באַקוועמלעכקייטן, וואָס זאָלן שאַפן אַ באָדן פאַר אַלע אירע ווייבערישע שוואַכקייטן. טראַכטענדיק אַזוי וועגן דעם אַלעם, נעמט זידן זיין בלוט. אַ ווילדער כּעס באַהערשט אים. זיינע אויגן ווערן צאָרנדיק און ער ציטערט אַזש אינגאַנצן.

ניין, שרייט אַ שטימע אין זיין האַרץ. ניין, ער וועט זי ניט מער בעטן, ער וועט זי ניט בעטן און ניט איינרעדן איר גילדענע גליקן. עס לוינט ניט! ניין, ער וועט באַקעמפן דעם פיזישן און גייסטיקן וויטיק פון אָפּרייסן פון זיך אַ האַלבן גוף, ווי אויך דעם נאַרישן פאַלשן שטאָלץ, וואָס מ'וועט זאָגן, אַז זי האָט אים אוועקגעוואָרפן — און זאָל געשען דאָס, וואָס עס דאַרף געשען!

סענדער האָט פאַרלענגן נעגלעט זיינע צעשויבערטע האָר, און טיף אין האַרצן מודה געווען, אַז טעאָריע איז פיל לייכטער ווי פּראַקטיק.

ער האָט געפירט אַ קאַמף מיט שלעכטער שטימונג און מיט איינזאַמקייט.

ער האָט געקעמפט מיטן וואָרעם פון בענקשאַפט וואָס האָט גענאָגט דעם מאַרך פון זיינע ביינער און געצויגן ס'בלוט פון זיין רואינירט האַרץ.

ווי זאָגט ז. שניאור? „דער זכרון און די געוווינהייט זיינען שטאַרקער, מעכטיקער פון אַלע ליבעס איז דער וועלט.

די גרעסטע שרפות פון ליידנשאַפטן קען מען איינלעשן, נאָר קיין שום וואָ־

סערן אין דער וועלט זײַען ניט אימשטאנד אײנצולעשן דעם טליענדיקן פֿײַערל פֿון געוווינהייט".

א שוימענדיקער צאָרן האָט באַהערשט זײַן גאַנץ וועזן, ווען ער האָט גענומען בלעטערן אין זײַן פֿאַרגאַנגענהייט, ווענן זײַן חנה'טשעס הייסער ליבע צו אים. יאָ, די ליבע, וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס ליבע־ערזאַץ, אַלס שונד־ראָמאַן, און דאָס ווען? ווען זיי האָבן שוין צוויי קינדער. וווּ איז די חרפּה? די חרפּה פֿאַר די קינדער גופֿא! ניין, ער קען מער ניט טראַכטן, ער פֿילט, אַז זײַן מוח שפּאַלט זיך אים.

א ים פֿון שנאה פֿלייצט אין זײַן בלוט. א שנאה צו זײַן ווייב און צו אַלץ און אַלעמען.

די אָפּגענאַרטקייט האָט אים אומברחמנות'דיק געפּייניקט, אַרויפֿגעלייגט אויף אים אַ שווערע משא, געמאַכט אים פּשוט פֿאַר אַ גייסטיקן און פֿיזישן אינוואַליד.

טראָץ דעם, וואָס ר'איז נאָך געווען יונג, לעבצט ער ניט מער נאָך קיין שום פֿרוי. פֿאַרקערט, ער האָט היינט חרטה, וואָס ער האָט אַמאָל אַזוי געצאַפּלט נאָך ליבע, געפֿירט אַ קאַמף מיט זײַנע עלטערן צוליב זײַן חנה'טשען, צוליב ליבע, וועלכע ער האָט געהאַלטן אַלס אַ קולט. ער האָט געמיינט, אַז דער געווינס פֿון צוויי פֿאַרליבטע ווערט גייט איבער אין אַזאַ מין רעליגיעזן עקסטאַז, וואָס אַפֿילו דער גרעסטער שרייבער, אָדער פּאָעט קען דאָס ניט ברענגען צום אויסדרוק. עס איז עפּעס הימלישעס, אַ הייליקייט, און צום שלוס האָט די ווירקלעכקייט, די פּראַקטיק אים אַנטוישט, ביטער אַנטוישט.

א קלאַפּ אין טיר האָט אים ווי אויפֿגעוועקט פֿון זײַן פֿאַרטראַכטקייט. ער האָט אַ קוק געטון אויפֿן זייגערל, דערזען, אַז ס'איז שוין שפּעט, איז ער פֿלינק אויפֿגעשטאַנען פֿון דער סאָפֿע, אויף וועלכער ער איז געלעגן און מיט אַ נערוועזער שטימע אויסגערופֿן: אַרײַן! אין טיר איז געבליבן שטיין מערי. איר קרענקלעכער אויסזען האָט אים נאָך מער צעטומלט. ער האָט דערפֿילט אַזאַ שטעכיקן ווייטיק, גלייך ווי ס'האָט וואָלט זיך אין אים אָפּגעריסן, און צוזאַמען מיטן ווייטיק האָט ער אויך דערפֿילט אַ נקמה־געפֿיל, אַ געפֿיל פֿון נקמה צו דער מאַמען אירער, וואָס האָט צעבראָכן ניט נאָר זײַן יונג לעבן, נאָר אויך ס'לעבן פֿון זייערע קינדער. און איבער וואָס? איבער וואָס אימשטיינס געזאָגט? איבער טויטע כלים, איבער גלאַנציקע

קרישטאלענע כלים, איבער פראכטפולע לעמפלעך אויף די נאכט־טישלעך, וואס שטייען נעבעך א לעבן לאנג פארשעמט, ווייל זייער באלעבאסטע קלערט נאר ניט פון ליענען א בוך אין אנבליק פון זייער שיין. איבער שיינע ווערטפולע פלאקאנען און פערסישע טעפיכער, איבער גלאנציקע חפצים ווערט פארטונקלט דער הימלי־שער שטראל פון אידילישן פאמיליען־גליק. צום טיוול מיט אזא ארט לעבן, טראכט ער.

יא, דער געדאנק זייגער ארבעט מעשים, לעולם פילט סענדער, אז דאס וואס ס'איז פארגעקומען איצט, איז געווען בלויז א פסיכאלאגישער צופאל, ווייל דא האט זיך ניט נאר געהאנדלט אין וועלן האבן א שיין און רייך איינגעארדנט אויפ־נאם־צימער בכדי צו קענען אויך פארבעטן צו זיך אירע חברים און חברטעס אויף צו מאכן א קערטל, נאר ס'האט עקספלאדירט דער גליענדיקער בארג פון אנגע־זאמלטע עוולות, וואס ער האט איר נאך ניט געהאט געקויפט קיין פוטער־מאנטל, א סך צירונג, איידלשטיינער, שיינע חפצים, וואס ער שיקט זי ניט אין די ווארעם־בעדער, וואס ער נעמט זי ניט אפט אין טעאטער א. א. וו. איר אייביקע אומצופרי־דענקייט, איר תמיד פארביטערט ווארטשען האט אויפגעריסן און ארויס פון די ברענן.

יא, דעם באגאבטסטן שרייבער וועט טיילמאל ביים גרעסטן אנשטרענגען זיך, ניט געלונגען צו שאפן אזא דערציילונג, ווי די, וואס דאס לעבן גופא שאפט, האט סענדער געטראכט און בשום אופן ניט געקענט פארגעסן זיינע גליקלעכע טעג מיט חנה'ניו׳שען אלס חתן־כלה.

אוי די יוגנט! די יוגנט וואס פארגייט אין געלויף פון צייט. אירע חלומות לאזן אים ניט רוען. ווי אויף צו להכעיס שווימען זיי אויף פון צייט צו צייט אין זיין זכרון.

די פארגאנגענע צייט רייסט זיך ארויס פון דער פארגעסנקייט און ווערט ווידער לעבעדיק... ער האט זיך אויפגעהויבן אויף די פליגלען פון זיין פאנטאזיע און אוועקגעטראגן זיך פון דאנען אין דער אלטער היים.

פארקליבן זיך אין הויז פון חנה'טשעס עלטערן. אך, ווי ליב עס איז אים אמאל געווען דאס קליינע הייזל, דאס געסעלע, די שטיינער פון געסל אפילו זיינען אים געווען ליב! און פונקט ווי תמיד, האט ער אויך איצט געטראפן איר פאטער ביי דער אפענער גמרא. יא, ער איז געזעסן ביי דער אפענער גמרא און געלערנט מיט א ניגון.

דאס קול איז אריינגעדרונגען טיף אין דער נשמה און זיך ארויסגעטראגן אין גאס אריין.

טיף אין דער נאַכט אַרײַן האָט ער געלערנט. געלערנט מיט התמדה. דער עיקר — פלעגט ער טענה'ן — איז דאָך, צו דערגרונטעווען דעם פסוק. קלאָר און דײַטלעך צו דערגיין דעם סאַמע גרונט פון דער תורה, איר הייליקייט, ריינקייט און עליימערטקייט.

אך! ווו האָט דער ייד גענומען אַזוי פיל באַגייסטערונג פאַר דער תורה?

אויף יעדן בלעטל איז אויסגעגאָסן ביבלישע שיינקייט, גוטסקייט און מענטשלעכקייט — פלעגט ער זאָגן. אויך פלעגט ער זאָגן, אַז גליקלעך וועט זײַן דער בחור, וואָס וועט קריגן זײַן חנה'טשען, זײַן בת־יחידה'קע, פאַר אַ ווייב. ער האָט זייער געהאַלטן פון זײַן טאָכטער, וועלכע האָט פלייסיק געלערנט חומש און תנ"ך. ער האָט זי ממש פאַרגעטערט. און איצט, דאַכט זיך סענדערן, זיצט דער אַלטיטשקער ר' משה־לייב אויף דער ערד אין צעריסענע מלבושים און וויינט, קלאָגט אויף דעם יידישן חורבן און אויך אויף דעם גורל פון זײַן טאָכטער, וואָס איז אַזוי נידעריק געזונקען צוליב קאָרטן...

אַלפרעד איז שוין אַלט געווען עטלעכע דרייסיק יאָר, ווען ער האָט באַקענט מערין. נאָך אַ פריער קאָמפּליצירטער יוגנט, האָט דאָס דאָזיקע ברונעט־גראַציעזע מיידל אים שטאַרק אַנטציקט. מערי איז געווען שיין, זי האָט ניט געווירקט אויפפאַלנדיק, אָבער אין אירע שוואַרצע גלאַנציקע אויגן און אין אירע באַוועגונגען איז געלעגן זייער אַ סך חן און פרישקייט, וואָס האָט ממש געכישופט...

בעת ער האָט צו איר אָנגעהויבן רעדן, האָט זי געקנייטשט מיטן שטערן און אים שטאַרק געבעטן, אַז ר'זאָל זי ניט באַלעסטיקן מיט אַזעלכע פוסטע שאַבלאָן־פראַזן, חוזק'נדיק פון זײַן נאַאיווער ליבע־דערקלערונג, וואָס ער רופט אָן גליק...

יאָ, אַ סך מענער האָבן מחמת מאַנגל אין פּסיכאָלאָגיע, דאָס שענסטע, דאָס טייערסטע און בעסטע פון זייער לעבן פאַרשוועדעט, האָט מערי געזאָגט, טראַכטענדיק בעת מעשה וועגן איר אייגענעם פאָטער, וועמען זי האָט גרענעצלאָז ליב, נאָר ניט וועלנדיק פאַראַטן איר אינערלעכן געדאַנק, האָט זי אויסגעבראָכן אין אַ העל געלעכטער. די מענער זײַנען אַלע גלייך, האָט זי געזאָגט לאַכנדיק. פאַר יעדער פרוי זײַנען זיי גרייט צו קניען. זיי זײַנען פול מיט ענטוזיאַזם און שיינע ליבעס־אויסדרוקן, האָט זי ניט אויפגעהערט פון אים שפּאָטיש צו חוזק'ן. אָבער אַלפרעד איז אַלץ ניט אָפּגעשטאַנען, נאָר טאָג־איין און טאָג־אויס איר נאָכגעגאַנגען, פעסט אַנטשלאָסן צו פּרוּוון זײַן גליק...

און ווען ער האָט באַמערקט, אַז מערי איז שוין אַנטוואָפנט, האָט ער געבעטן

זיינע עלטערן, אז זיי זאָלן אים מער ניט מוטשען מיט שדכנים און שדוכים, ווייל ער האָט שוין א מיידל.

זיין צוערשט שעמעוודיקער קול איז געווארן צוטרוילעך, און ער האָט מיט שטאָלץ דערציילט וועגן זיין ראָמאַן מיט מערין. אוי א ווייטיק צו מיינע יאָרן האָט אלפרעדס מוטער אויסגערופן, כאַפּענדיס זיך מיט ביידע הענט פארן קאָפּ, אוי, מיט חנה׳משעס טאָכטער ווייל ער דאָך גאָר חתונה האָבן, האָט זי געזאָגט צו איר מאַן, וועלכער איז געזעסן און געלייענט א צייטונג.

וואָס, ווילסט אויך אַזוי אויסזען ווי סענדער שפּילבערג? האָט זי מיט צאָרן געפרעגט איר זון. ווי זאָגט מען עס: „וואָס פאר א מאַמע, אזא טאָכטער”.

ניין מאַמע, ניט שטענדיק שטימען די פאָלקס-גלייכווערטלעך מיט דער ווירקלעכקייט, האָט אלפרעד פּארלעגן געזאָגט. אלע סימנים זיינען נאַראָנים, בלויז סימן דלות בלייבט. מערי איז א פּרעכטיקע שיינקייט, און זי איז אויך קלוג און אויפריכטיק, נאָך צופיל אויפריכטיק, און זי וועט מיר זיין א גוטע, ליבע און געטריי לעבנס-באַגלייטערין! אָבער ניט קוקענדיק, וואָס ער האָט גערעדט מיט אַזוי פיל זיכערקייט אין זיין שטימע, מיט אַזוי פיל אנטשלאָסנקייט וועגן זיין הייסער ליבע צו מערי׳ן, האָט ער דאָך דערפילט גרויס עגמת-נפש און אויך אן אינערלעכן קאמף מיט זיך גופא, ווייל פונקט, ווי צו מערי׳ן, האָט ער אויך געפילט א הייסן ליבעס-געפיל צו זיינע עלטערן, וועלכע זיינען געווען דורכאויס קעגן דעם שידוך. אָבער ווי אויף להכעיס, וואָס מער זיי זיינען געווען קעגן, אלץ מער איז אין אים געשטיגן דאָס ליבעס-געפיל צו דער יונגער חנ׳עוודיקער מערין, וועלכע איז געווען שטאַרק באַשיידן אין איר גאַנצער האַלטונג.

און פונקט ווי „באַשיידענקייט איז די קרוין פון אלע טוגנטן”, אַזוי איז אויך מערי געווען די קרוין פון אלפרעדס לעבן... זי האָט אין זיין הארץ אזא פלאַם אָנגעצונדן, דאָס ער האָט געפילט, אז ער איז אירער, הונדערט פּראָצענטיק אירער מיט זיין גאַנצער פלאַטערנדער ריינער נשמה... עס האָט אים געצויגן צו איר מיט טויזנטער פעדים. איר געשטאַלט האָט אים פארפאָלגט בייטאָג און ביינאַכט. ער איז ממש אויסגעגאַנגען פון בענקשאַפט צו איר. און וואָכן-לאַנג איז זיין הארץ צעריסן געווען אין צווייפל און ספקות. ער האָט נאָכגעקלערט צי זינדיקט ער ניט אמאָל מיט זיין ליבע.

ס׳זיינען געווען מאָמענטן, וואָס ער האָט זיך געפילט דערשלאָגן, וואָס ר׳איז געווען טויט בלאַס און אויף זיינע ליפּן האָבן געציטערט פראגן: איז באמת זיין וואַלדיקע ליבע צו מערי׳ן אזא חטא? איז טאַקע א זינד ליב צו האָבן א מיידל, וואָס אומגליקלעכערווייזע האָבן זיך אירע עלטערן גע׳גט? ניין, ניין האָט אן אינער־

נייע און אלטע תיים

לעבע ליבע־שטימע געשריגן. ניין, ס'איז ניט קיין חטא. ס'איז ניט קיין שום זינד! ליבע איז גליק. יאָ, ס'איז א גליק צו ליבן און זיין געליבט...

א ציטער גייט דורך איבער זיין קערפּער. זיינע אויגן צינדן זיך אין בין־השמשות־געוועב, ווען ער טראכט וועגן דעם קאמף, וועגן דעם שווערן קאמף, וואָס ער דאַרף בייקומען...

און ווען ר'האָט שוין אלע שוועריקייטן באַזייטיקט, ווען אלץ האָט אים שוין אויסגעזען הימליש־שיין, ווען די גאַנצע וועלט האָט דאכט זיך צו אים געשמייכלט, ווען זיין מערי, זיין ליבע מערי איז געשטאַנען אין איר ווייסן חופּה־קלייד ביי זיין רעכטער זייט, און מיט איר שלאַנקער פיגור ווי א סטאַטוע אויסגעזען ווי א מלאך, ווען אירע אויגן האָבן זיך געצונדן ווי אויפגייענדיקע שטערן, ווען איר בליק האָט אים געוואַרעמט, ממש געבריט, דערמאָלט, ווען ער האָט דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן דערפילט אזא נאָענטקייט פון א באמת ליבענדער פרוי. האָט זיך אפּגעשפּילט איינע פון די סאמע הארצרייסנדסטע פארצווייפלונגס־סצענעס. געשען איז דאָס אין מאָמענט, ווען דער שטאָט־רב, האָט ווי תמיד פארן געבן חופּה־וקדושין אפּגע־לירט צו דער כלה, דאָס זי זאָל גוט געדענקען די הייליקייט פון דער דאָזיקער נאכט. זי זאָל זיין יידיש, צניעותדיק, אָפּהיטן הייליק די ריינקייט אין פאמיליען־לעבן, און זי זאָל זיך פירן ווי איר מאמע.

אַט־אָ די לעצטע ווערטער האָבן ווי אן אָנגעגליטער דינער שפּיז אויפגעריסן די אייטערדיקע געשוויר, וואָס זיין מאמע האָט אויסגעהאָדעוועט אין זיין מוח.

עס האָט זיך אלפּרעדן א שטאַרקער מיש געטון אין די געדאַנקען. פארשידנ־פארביקע רעדער האָבן גענומען טאַנצן פאר זיינע אויגן, וועלכע האָבן זיך פּלוצלינג מאָדנע ברייט פונאַנדערגעעפנט.

א ווײַלע האָט זיין שטאַרער בליק געבלאָנדזשעט. געבלאָנדזשעט איבער אלץ און אלעמען, און באַלד ווי פארגליווערט געוואָרן. א ביטערער גרימאַס האָט אויס־געקרומט זיין מויל, פון וואַנען עס האָט זיך צו ערשט דערהערט א צאַרנדיקער ציין־געקריץ, וואָס איז שפּעטער איבערגעגאַנגען אין א משונה'דיק־ווילד געלעכטער.

ס'האָט ניט געהאָלפן דעם רב'ס באַפעל צו זאָגן הרי את, און אפילו ניט מערים ליבע־רייד. טו אויס די ווייסע תכריכים האָט אלפרעד מיט שוים אויף די ליפּן געשריגן צו מערי'ן: טו אויס! און לאַכענדיק משוגע־ווילד האָט ער צעפּאָכעט זיינע אויסגעבײלטע פויסטן און אנטלאָפן פון אונטער דער חופּה...

א בלוטיקער שפאס

בערטא האט געשטאמט פון זייער ארעמע עלטערן, אבער דורך די אלע יארן פון נויט, קאמף מיטן טאג־טעגלעכן לעבן, האט זי קיינמאל ניט אויפגעגעבן די האפענונג, וועלכע זי האט דעפאזיטירט אין איר שיין ליאלקע־פנימל, אזוי, אז תמיד פלעגט זי נאר גיין שפאצירן, ניט האבענדיק אפילו קיין חשק זיך צו לערנען. זי איז געווען מער אין דער גאס, ווי אין דער שול אדער אין הויז. און ס'איז איר גע־לונגען. גליקלעכערווייזע איז איר מער ווי געלונגען. האט דאס טאקע זי ארייגעפירט אין אזא מין עקסטאז, אז ניט נאר וואס זי האט שטארק געהאלטן פון זיך, ניט נאר וואס זי האט געהאט אין זיך די פולע הונדערט־פראצענטיקע זיכערקייט, נאר זי האט זיך אליין פארגעטערט, פארהייליקט זיך פשוט, פארגעסענדיק צומאל, דאס איר מאן איז א זייער געלערנטער און אינטעליגענטער מענטש, און תמיד האט זי נאר אים געוואלט דיקטירן, אים איבערצייגן, אז כאטש זי איז ניט אזא געלערנטע, כאטש זי איז ניט קיין אדוואקאט, קען זי א סך בעסער דאס לעבן ווי ער. און איז בכלל קליגער פון אים. א פאקט — איר שטענדיקער דערפאלג.

אין טאקע מאנועל געשטאנען א שטארק־בלייכער און נערוועאיש געביסן די ליפן, ניט ענטפערענדיק איר מיט קיין איין איינציק ווארט, אויף אירע קולות, דאס ער זאל גיט פירן קיין מלחמה מיט די קינדער וועגן לערנען, ער זאל זיך בכלל ניט מישן אין דעם דערציונגס־פראבלעם, ווייל דאס געהער אויסשליסלעך איר, נאר איר, און זי איז גענוג קאמפעטענט!

און זי זשאנעטע איז געזעסן ביים טיש מיט א ספארט־צייטונג אין האנט און הוצפה'דיק געשמייכלט, בעת איר מאמע האט מיט א פארשנורעוועט פיסקל גע־האלטן אין איין שרייען און ליארעמען, און דערקלערן איר מאן, אז מ'דארף די

יוגנט לאָזן גיין אויף זייער — דורך זיי אליין — אויסגעוויילטן וועג, ווייל זיי ווייסן בעסער ווי די עלטערע, זיי זיינען מאָדערנער, זיי זיינען קלוגער און מ׳דאַרף זיי נים שטערן. און אויב זשאַנעטע וויל שוין נים מער לערנען, איז א סימן, אז זי האָט שוין גענוג. מסתם ווייסט זי, אז מ׳דאַרף נים מער. אדרבה ואדרבה, זאָלן זיין א סך אַזעלכע ווי זי, האָט בערטא געזאָגט מיט כעס, און גלייכצייטיק מיט שטאָלץ, וואָס זשאַנעטע איז איר קאָפּיע...

די אטמאָספערע אין שטוב איז געווארן אזוי אָנגעצויגן, אז ס׳האָט זיך געדאכט, דאָס מ׳האָט ארויסגעפּאָמפּעט די לופט און אָנגעפילט די שטוב מיט עפּעס אַזאַ מין גאַז אָדער עטער. מ׳דאַרף נים האָבן א צו שארפן בליק, מ׳דאַרף אויך נים זיין א צו גרויסער תלמיד חכם — האָט מאַנועל געטראכט — בכדי אויפצוכאַפּן דעם גאַנג פון די צוויי היפּכדיקע פּראָצעסן, אינם לעבן פון זיין ווייב.

פון איין זייט האַלט זי, אז וואָס ווייניקער מ׳קען, געזונטער איז, און דערפאר מאַכט זי זיך נים קיין עגמת נפש וואָס זשאַנעטע וויל נים מער לערנען. זי שעמט זיך אפילו נים, וואָס אַזאַ דערוואקסן מיידל אָן עין הרע האָט נים צומאָל קיין גימנאַזיום-קורס פאַרענדיקט. פון דער צווייטער זייט, ווידער, זוכט זי א שידוך צו טון, דווקא מיט א בחור וואָס האָט א פרייע פּראָפעסיע, ווי א דאָקטאָר, אן אדוואָקאַט אָדער אן אינזשעניער... זי האָט פון דער גאַס מיטגעבראַכט אַזאַ חיה׳שע זעלבסטשטענדיקייט, אַז זי האָט אים, מאַנועלן קיינמאָל נים געלאָזט קומען צום וואָרט. קיינמאָל מיט זיין מיינונג זיך נים גערעכנט און דאָס האָט אים ווי געטון. האָט ער זיך אָנגענומען מיט מוט, און ווען זי האָט זיך אביסל באַרואיקט און אויפגעהערט גוואַלדעווען, האָט ער א קלאַפּ געטון אין טיש און מיט צאָרן אויסגעשריען: ניין, איך וועל נים דערלאָזן, אַז זשאַנעטע זאָל חתונה האָבן מיט א געלערנטן מענטשן, ווייל זי וועט נים זיין גליקלעך, זי וועט זיך מיט אים קיינמאָל נים קענען פאַרשטענדיקן, נים אפילו זיך אדורכרעדן. ניין, ניין האָט ער געשריען און געהאַלטן זיך ווי א דעמב, ווי א פעסטער דעמב, וואָס האָט נים קיין מורא פאַר זאַווערוכעס. ער האָט זיך נים קיין וואַקל געגעבן. עס האָבן זיך אויפגעעפנט ביי אים באַהאַלטענע רעזערוואַרן פון ענערגיע און קעגנשטעלונג־קראַפט. ניין, כ׳וועל נים דערלאָזן א צווייטן צו מיין שטאַנד, ניין, כ׳וועל נים דערלאָזן — האָט ער גערעדט מיט כעס. איך וועל יאָ פירן א מלחמה מיט מיינע קינדער, ווייל ווען מען סריגט זיך, איז א סימן, אז מען קריגט זיך פאַר עפּעס. עס איז א סימן, אז עפּעס האַלט נאָך צוזאַמען. אז ס׳איז נאָך דאָ אַן „עפּעס" קיין אָרט פאַר קריגערייען איז גאָר דעמאָלט נישטאָ, ווען אַלץ איז שוין צעטיילט, דערווייטערט, צעריסן איינער פון צווייטן, צוויי באַזונדערע וועלטן. כ׳וועל נים דערלאָזן, אז דו זאָלסט פאַרקריפּ־

לען איר יונגן געדאנק, איינרעדענדיק איר, אז די הויפּט-אויפגאבע פון דער פרוי איז נאָר צו קולטיווירן און קאָנסערווירן דאָס שיינע פּנים׳ל בכדי אזוי ארום צו פאנגען א חתן, חתונה האָבן, און פארטיק.

לוידער איז ווי תמיד, מאנועל געבליבן דער באַזיגטער. מיט א חוזקדיקן שמייכל האָט בערטא געקוקט אויף איר מאן, ווען ער האָט גערעדט וועגן דערציונג, וועגן קינדער־געדאנק וועלכן מען דאַרף שטודירן, צו וועלכן צוועק מ׳דאַרף זיך אריינלאָזן אין אן אומענדלעך ריזיק פעלד פון קינדער־פּסיכאָלאָגיע, וועגן קינדער־פּראָבלעמען, וועלכע זיינען דער אָביעקט פון דעם קינדס געדאנק, און וועגן נאָך אזעלכע ענלעכע זאכן, און ווען ער האָט פארענדיקט, האָט זי אין קורצע ווערטער אים ־ערקלערט, אז זיין אדוואָקאַטישער קאָפּ איז נאָר פעאיק צו לייזן געריכטס־פּראָבלעמען, און ניט די לעבנס־פּראָבלעמען. שוטה דו איינער, טפּש, ווי אזוי קען א מיידל באווייזן צו זיין געלערנט, אויב ביי פופצן אָדער זעכצן יאָר האָט זי שוין חתונה, האָט בערטא געפרעגט. כ׳ווייס האָט זי ווייטער גערעדט, כ׳ווייס, אז דו ווערסט געווים זאָגן, אז ס׳איז טאַקע לעכערלעך, נאַריש, חתונה צו מאכן א מיידל אין אזא עלטער, דו ווערסט געווים אויפקלערן אויף דיין פילאָזאָפישן שטייגער, אז אזא יונג מיידל איז נאָך ניט פעאיק צו דערפילן דעם פליכט, וואָס דאָס חתונה געהאַטע לעבן ליינט אויף איר ארויף, כ׳ווייס דיינע אלע „אָבערס״ נאָר וואָס קען מען טון, ווען די בחורים ווילן דווקא אזעלכע יונגע מיידלעך. און פון אן עלטערער, מעג זי זיין קלוג און געלערנט לאכן זיי זיך אויס. א נו, וואָס זאָגסטו איצט, האָט זי נצחונדיק געפרעגט, זעענדיק ווי ער בלייבט ווי אָן לשון.

איך... איך זאָג... כ׳זאָג שטאַמלט מאנועל, אז שחרית האָט צו מנחה, מיטן רוקן זיך א קער געטון, און לויט מיין אויפאסונג איז דאָס א זייער שלעכטער סימן פאר דער צוקונפט פון דער פרוי. ממש א דערנראדירונג, אויף וועלכן זיי כאפּן זיך ניט.

די מענער־וועלט האָט, זעט אויס, מורא פאר דער דינאַמישער פרויען־ענערגיע, פאר איר שטייגן וואָס אמאָל העכער און העכער אויף אלע געביטן און אין אלע צווייגן פון לעבן. זיי, די מענער האָבן מורא, אז די פרוי זאָל זיי ניט איבערשטייגן, דעריבער ווילן זיי די פרוי צוריק צובינדן ווי אמאָל אין די אלטע צייטן צום וויגל און צו דער קיך, האָט מאנועל מיט איבערצייגונג אין זיין שטימע געזאָגט.

ניי, לאָז זיך אָפּ פון שווינדל, לאָז איבער דיינע טעאָריעס און שיינע רעדענ

פארן געריכט־זאל, האט גערטא מיט א פעסטער שטימע געזאגט, מ'דארף נאכגיין דער מאדע, מ'דארף ניט אריינקלערן וואס דער מארגן וועט ברענגען. היום — היינט און חי געלעבט.

שוין שיינע עטלעכע וואכן, ווי זשאנעטע מיט אירע דריי קינדער זיינען ביי אירע עלטערן, ניט וועלנדיק אהיים גיין צו זיך אין הויז. זי וויל ניט, זאגט זי, זיין צוזאמען מיט איר זשאקאבן, וועלכער קוקט אויף איר פון אויבן אראפ, האט קיינמאל ניט וואס צו רעדן מיט איר, שעמט זיך מיט איר צו קומען אין דער געזעלשאפט, שעמט זיך אפילו מיט איר פאר זיין סעקרעטארין. מאכט איר יעדער רגע אויפמערקזאם אויף איר ניט אידעלער און אפט גרייזיקער אויסשפראך א. א. וו. גיין, גיין זי וועט ניט אהיים גיין, זי וויל ניט אוועקגעבן איר אזוי־יונג לעבן אלס קרבן אויפן מזבח פון ווינקל און קיך... זי וויל ניט מער הערן פון אים, ווייל זי קען שוין ניט אויסהאלטן מער אזא מין דערנידעריקונג...

א כעס, אן אינערלעכער צארן, באהערשט זי. א שנאה צו איר מאן, און צו זיך גופא, וואס זי האט ניט געפאלגט איר פאטער, הלמאי זי האט זיך ניט צוגעהערט צו זיינע קלוגע רייד, אז ער גלויבט זיך ניט צו, אז זי מיט זשאקאבן זאלן קענען לעבן צוזאמען. אים דאכט זיך, פלעגט ער זאגן, אז דאס איז בלויז א חלום, א שפאס... און איצט, איצט האט די ווירקלעכקייט באשטעטיקט זיין אויסדרוק. ס'איז א שפאס, א בלוטיקער שפאס...

א דועל מיטן גורל

מאַקס איז א שיין אויסגעוואקסענער בחור, א זייער קלוגער, ענערגישער, א ווילנכפולער, מיט א רייכער, שיינער פּאַעטישער נשמה.

ניט קוקענדיק אויף זיין טרויעריקער לאגע, אויף זיין פאַריתומקייט, ניט סר־קענדיק אויף זיין שלעכטן גורל, וואָס האָט ווי אויף צו להכעיס אים על פי רוב צו־געזונגען ניגונים פון עצבות, האָט ער זיך געהאַלטן שטאַרק און מוטיק. עפּעס ווי ער וואָלט געפילט, אינסטינקטיוו געפילט, אז עס איז פאַראַן אין לעבן פון יעדן טראַגישן מענטשן אזא מין רגע, ווען די לײדן זיינע ווערן פאַרוואַנדלט אין א שפּיל, אין אן אזאַרט. די לײדן ווערן גאָר א סך מאָל אינטערעסאַנט. ער וויל אליין זען, וויפל א מענטש קאָן אויסהאַלטן. עס שרעקט אים ניט דאָס, וואָס ער פילט, אז א פּאַטים יאָגט אים. ער וועט פרוון קעמפן קעגן אָט דעם פאַטום — האָט ער גע־טראַכט. עס וועט זיין העכסט שפּאַנענד זיך צוצוקוקן, ווי אזוי עס זעט אוים א דועל צווישן מענטש און גורל.

ער האָט זיך טיף געביסן די ליפּן. און וואָס מער זיינע אלבאַסטער־ווייסע געזונ־טע ציין האָבן זיך איינגעשניטן אין זיי, אלץ מער הנאה האָט ער געפילט. יעדע לאָ־גיק איז אָפּגעטראָטן, עס האָט בלויז געהערשט אינסטינקט. און טאַקע אינסטינקטיוו זיינע זיינע לײדן ביי אים פאַרוואַנדלט געוואָרן אין נאַטירלעכקייט. ער האָט אוועק־געיאָגט די מרה שחורה און איינבייסנדיק זיך מיט זיינע ציינער אין האַרטן גורל פלעגט ער אפילו אין גאָר שווערע מאָמענטן פון זיין לעבן צוזינגען א פריילעכע מעלאָדיע... ער פלעגט זיך א סך מאָל אליין וווּנדערן, טראַכטן און וועלן זיך דער־טראַכטן, פון וואַנען עס נעמט זיך צו אים אזא ווילן צו נגינה, וואָס איז גאָר א

באשטאנד־טייל פון חסידות, אין דער צייט, וואָס ער איז אפילו קיין רעליגיעזער ניט. יאָ, קיין רעליגיעזער איז ער ניט, קיין חסיד אודאי ניט, אָבער דאָך געפעלט אים די חסידישע ליטעראטור, וועלכע איז פול מיט מאמרים, וואָס ווייזן ווי וויכטיק נגינה איז א באַקעמפונגס־מיטל. ער ווייסט, אז מיט נגינה קען מען עפענען אלע טויערן פון הימל, און מיט עצבות קען מען זיי אלע שליסן. ער ווייסט, אז מיט מוט און נגינה קען מען עפענען טויערן און ברעכן אפילו מויערן, אזוי פלעגט תמיד זאָגן זיין רבי. ער ווייסט אויך, אז כאָטש ר' נחמן בראסלאווער האָט געטראָגן אין זיך דעם גאנצן צער און צאָרן פון דער וועלט, איז ער געווען פריילעך און געהייסן אויך אַנדערע פריילעך זיין. און טאָקע דערפאר האָט ער, מאקס, זיך געקלאַמערט אין נגינה, און ניט געמאכט זיך הערן, ווען מ'האָט אים אריינגעזאָגט, אז ר'איז געקומען קיין ישראל, ווייל היטלער האָט אים געיאָגט, אין ניט אויס בענקשאַפט צו ציון. ער האָט אלס ענטפער נאָר אונטערגעזונגען א שיין פּאלקסלידל, אָדער שעלמיש געשמייכלט, פון וואָס א סך האָבן געדרונגען, אז די שרייפלעך אין מוח זיינען אים פונאנדערגעשרויפט. עפּעס ניט מיט אלעמען, ניט אויסגעהאלטן נעבעך די גיהנומדיקע היטלער־יסורים, געדרייט אויפן קאָפּ, פלעגן די ארומיקע מורמלען אונטער זיינע פּלייצעס, פּונקט ווי אין ריאָ דע זשאנעיראָ.

אָבער ער, מאקס, האָט זיך ניט געמאכט הערן, ניט געמאכט זיך פון דעם קיין עגמת נפש. און ווען ס'האָט אים שוין אמאָל יאָ א ברי געטון אזא ענלעכער אויס־דרוק, פלעגט ער זיך א כאַפּ טון צו די ביכער. שעה'ן גאנצע לייענען. דאָס לעצטע איז געווען זיין בעסטער צייט־פארטרייב. ער האָט שטארק ליב געהאַט צו לייענען. די ביכער זיינען געווען זיינע בעסטע חברים, פונוואנען ער האָט בשפע געשעפּט אלע מאָל נייע עצות אויף צו קענען אויסהאלטן דעם עקזאמען, אויף צו קענען זיך זועלירן מיט זיין גרויזאמען גורל, וועלכער האָט זיך אָנגעזעצט אויף אים, און דוקא געוואָלט אים צעברעכן. אויך די נאטור האָט ער מאקס פון אייביק אָן ליב געהאַט. דעריבער פלעגט ער טאָקע אין זיינע מאָנאָטאָנע ארבעטסלאָזע טעג, אויף שעה־לאנגע פארפאלן ווערן אין פעלד, וואלד אָדער גאָרטן, און צערטלען די בלויע קאָרן־בלימעלעך, די פּראכטפולע רויזן, די שיינע מארגאריטקעס, כריזאנטעמעס און די קליינע „פארגעס מיך ניט". און ס'האָט זיך אים געדאכט, אז יעדעס בלימעלע, יעדעס גרעזעלע, האָט זיין איינענע, באַזונדערע, טיפזיניקע אינטעליגענץ, זיין איי־גענעם נאַטור־זמר. און צוזאַמענגענומען אלע, און דורך אלע אינאיינעם ווערט באַ־שאפן א ניגון. אזא מין הארציק־פיינפילנדער ניגון, אויף צו טרייסטן אומגליקלעך איינזאַמע מענטשן — אזעלכע ווי ער, וואָס זיינען אזוי אומברחמנותדיק באַוולט

געוואָרן פון גורל, וואָס זיינען דורכן לעצטן מיט כח אַרויסגערופן געוואָרן אויף אַ דועל...

אַ צווייטן טראַגישן מאָטיוו האָט אים דער גורל אונטערגערוקט, אין פאָרם פון ליבע... פון הייסער און אויפריכטיקער ליבע צווישן אים און דער געזונטער, שיינער שוואַרץ־אויגיקער צאַברא. זיי זיינען געווען צוויי פונקט פאַרקערטע טיפּן. עפּעס מער ווי פאַרקערטע. הונדערט פּראָצענטיק היפּוכדיסע. ער — אַ צאַרטער, מיט אַן אײדעלער, דעליקאַטער נאַטור, האַרט אין קאַמף מיטן גורל, אָבער ווייכהאַרציק אין לעבן. תמיד אַ הומאָרפולער, תמיד אַ גוטער, אַ בענקנדער נאָך צערטלעכקייט...

זי — אַ תמיד שטרענגע, מיט אַ האַרטער, טרוקענער נאַטור. ענערגיש, מעטיק, ברוויזגריק, פול מיט קראַפט צו באַצווינגען, באַהערשן און אפילו אַ סך מאָל אונטערדריקן. אייביק חוצפה'דיק.

ניט געקוקט אויף דעם, וואָס זיי האָבן זיך הייס ליב געהאַט, פלעגט זייער צוזאַמענלעבן אָפט פאַרוואַנדלט ווערן אין צאָרן, אין טרויער, אין פיינלעבן צושטאַנד, האָט פלעגט ביידן ברענגען מער טרויער, פיין און שוועריקייטן, ווי גליק און פרייד. אין אַזעלכע מאָמענטן פלעגט דער צאַרטער מאַקס, אָדער מרדכי, ווי זיין ווייב פלעגט אים רופן — זיך פילן ווי אין לאַנגער אונטער דער הערשאַפט פון די נאַציס. ער פלעגט זיך פילן פאַרלוירן, איינזאַם, און פלעגט זיך גוויסן אין פּאַראַלישער הילף. זיינע צעשרויפטע נערוון פלעגן אין אַזעלכע מאָמענטן דערפירן אים צו פאַרשידענע קאַפּריזן, צו אַ קראַנקהאַפטן צושטאַנד, פון וואָס ער פלעגט זייער אַ סך ליידן, און דאָך ניט אונטערגעבן זיך, וויטער פאַרגעזעצט דעם קאַמף, דעם שווערן קאַמף מיט זיין גורל, ניט אויפגעבענדיק די האָפנונג. מיטן גאַנצן ברען זיינעם, מיט דער גאַנצער ענערגיע זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט. געווען אַקטיוו, שעפעריש און פּראָדוקטיוו. געווען צופרידן מיט דער שיינער, רייכער קאָלירפולער בילדלעכקייט, מיט וואָס די נאַטור האָט באַשאָנקען די געגנט, ווו ער האָט געוווינט. ר'איז אויך געווען צופרידן, שטאַרק צופרידן, וואָס עס איז אים סוף־כל־סוף געלונגען בייצושטיין דעם נסיון, וואָס ער קאָן פועלן ביי זיך, און איינהאַלטן זיך און ניט ענטפערן זיין בתיה'ן, ווען זי נעמט זיך מיט אים קריגן.

פאַרקערט, יוען זי, בתיה, איז צעטראָגן, נערוועז, צאָרנדיק און רעדט מיט כעס און פאַרביטערונג, שמייכלט ער גאָר. ער שמייכלט צו איר, בתיה'ן, גוטמוטיק און קוקט אויף איר מיט מיטלייד, מיט צאַרטע ליבעס־בליקן, פון וואָס זי ווערט זייער צעטומלט. זי שטוינט, זי האָט בשום אופן ניט געקאָנט פאַרשטיין, פונוואַנען עס נעמט זיך צו מרדכי'ן, דעם שווער פון גורל געפּרוווטן, אַזוי פיל גע־

דילד, אזוי פיל איינגעהאלטנקייט, וואָס איז א גייסטיקער אוצר. זי איז געוואָרן אויסער זיך פון זיין האנדלונג, זיין פיינקייט, זיין איידלקייט האָט זי ממש איבער־ ·אשט און ארויסגערופן א סך, זייער א סך ביסיקע, געהיימע געוויסנביסן, ווי אויך ··וים פארדרוס, צוליב איר הארטער און באצווינגערישער האנדלונג, אויף וואָס זי האָט געבעטן פארצייאונג.

זי האָט געבעטן איר ליבן מרדכי'ן, דאָס ער זאָל פארגעסן, געגצלעך פארגעסן אין די שווערע, שאָטנדיקע, טרויעריקע טעג. ער זאָל פארגעסן די אומזיסטע ליידן, וואָס זי האָט אים פארשאפן מיט איר שטענדיקער באפעלערישקייט, און בכלל מיט איר ניט גוטער און ניט טאקטישער האנדלונג. זי האָט אים צארט ארומגענומען, און טוליענדיק זיך צו זיין ברוסט, האָט זי פארשעמט געבעטן, אז ער זאָל איר מוחל ··ין, אויף וואָס מרדכי האָט געענטפערט מיט א לאנג דויערנדיקן קוש, וועמענס עכאָ עס האָט ווי באשאפן א שיר השירים, א ניגון פון גליק, צופרידנקייט און נצחון איבערן גורל.

א קוק אויפֿן זייגער

עליזאבעט הערט ניט אויף צו מאטערן איר מוח, בכדי צו דערגיין פארוואס איר מאן, וועלכער האט זי תמיד אזוי היים אויפריכטיק ליב געהאט, איז פלוצלינג צו איר געווארן אזוי אייז־קאלט, אזוי גלייכגילטיק, אפאטיש, ממש אן אומחן אויף איר געווארפן. די דאזיקע האנדלונג זיינע איז פאר איר געווען א זייער שטארקע באליידיקונג, וואס האט רואינירט, ממש צעבראכן, און פארמיאוסט איר ס׳לעבן.

זי פאלט אוועק אויפן דיוואן און שליסט צו די אויגן. אירע שלייפן קלאפן ווי מיט קליינע העמערלעך און לאזן זי ניט טראכטן, כאטש זי ווייסט טיף אין זיך, אז זי דארף איצט קאנען אלץ איבערטראכטן, איבערקלערן, גענוי אויסרעכענען, ווי אזוי זי האט מיט אים צו פירן דעם אפענעם שמועס, צו וועלכן זי גרייט זיך. ניין, זי איז איצט ניט בכח אויף קיין שום אנשטרענגונג, נאך דעם, וואס ער איז היינט נאך מיטיק ארוים פון שטוב בלויז זאגנדיק א גוטן טאג, ניט געבענדיק איר אפילו א קוש, פון העפלעכקייט כאטש א קוש אין האנט. ניין, אזא גרויסע באליידיקונג קען זי ניט איבערטראגן. ניין, זי קען איצט וועגן גארניט טראכטן. דער קאפ טוט איר שטארק וויי, ניט נאר דער קאפ, נאר איר גאנצער גוף איז איר שטאר־ק אנגעווייטיקט. איר, עליזאבעט, וואס איז ניט אזא מיאוסע, איז אויך א קענע־ן אין די דראבנע שווארצע פינטעלעך, האט גרוים אנזען אין דער בעסערער געזעלשאפט, זאל דאס טרעפן, איז מער ווי שרעקלעך. יא, ווען מען זאגט כאטש, אז זי איז אן אלט־מאדישע פרוי, א שמוציקע, א תמיד אפגעלאזענע, מילא, אבער איר, איר זאל דאס קומען אונטער די אויגן, זי זאל דארפן זוכן סיבות, אדער נאר א מיטל אים צוצוהאלטן, יא, ס׳איז שוין אך און וויי צו דער פרוי, וואס דארף זוכן די סיבה פון איר מאנס אפגעקילטקייט צו איר, פון זיין גלייכגילטיקייט, און

דארף זיך קלינגלען אויף צוצוהאלטן אים, זאָגט עליזאַבעט צו זיך זעלבסט, שוין ניט מיט איר אמאָליקן פאריסענעם טאָן און בלייבט ווייטער ליגן אויפן דיוואן א צעבראָכענע, א באַליידיקטע. ניין, זי איז איצט ניט בכוח אויף גאָר. פאַרפאַלן. זאָל זיין וואָס עס וויל, זי וועט אויסטון דאָס שעם־היטל. סיי ווי סיי איז איר ס'לעבן אומדערטרעגלעך, אַן עק! א סוף! זאָל געשען אפילו דאָס ערגסטע, זאָל זי אפילו פון עגמת נפש פּלאַצן און שטאַרבן, עס גייט איר איצט מער גאָרניט אָן. פאַרקערט, דער טויט וואָלט זי אפשר נאָר אויסגעלייזט. אָט דער געדאַנק באַרואיקט זי אביסל, ווייל ס'זיינען פאַראַן מאָמענטן, ווען דער רעיון וועגן טויט איז א זייער גרויסער טרייסט. דער באַרימטער פילאָזאָף ניטשע האָט אפילו זיך אמאָל אויסגעדריקט, אז „בלויז דער געדאַנק וועגן טויט גיט אים די מעגלעכקייט רואיק איבערצושלאָפן די נאַכט".

יאָ, נאָר דער טויט קען זי באַפרייען, האָט זי געטראַכט, און פעסטער גע־כוועמשט די אויגן־הייטלעך בכדי ניט צו זען די שיינע גאָלדענע זון, וועלכע האָט זיך ווי מיט כח אריינגעריסן דורך די דיקע פאָרהאַנגען אין איר צימער און ווי געררייצט זיך מיט איר, גלייך ווי זי, די זון, וואָלט א מענטשלעך לשון באַקומען, און מיט שמאָלץ דערציילט איר, ווי מחיהדיק עס איז איצט אין אָנבליק פון אירע שטראַלן. זי האָט איר דערציילט די פריילעכקייט, די מחיהדיקע שטיפערישקייט וואָס עס פילן די אלע, וואָס ליגן איצט אויפן ווייס־געלן זאַמד ביים ראַנד פון ים, און דאָס קילע ווינטל גלעט זייערע צעקאָכטע, ברוין־אָנגעגליטע לייבער.

און אפשר זאָל איך זיך טאַקע אָנטון און צופאָרן אביסל צום ים, אפשר וועט די ים־לופט באַרואיקן מיינע צעשרויפטע נערוון, בליצט אויף אין איר מוח א שפּאָגל־נייער געדאַנק.

אפשר טאַקע אים, מוזין צו להכעיס? אפשר אַזוי אַרום אים מאַכן אייפער־זיכטיק? אפשר, וואַרט... און אפשר, אפשר איז דאָס טאַקע געווען די סיבה, הויבט זיך אָן צייטיקן א צווייטער געדאַנק...

אפשר האָט מיין צופיל אויפגעריסנקייט אים אָפּגעקילט? אפשר טאַקע דאָס צופיל פוצן זיך, דאָס שמירן און פאַרבן זיך, האָט קאַליע געמאַכט און צעשטערט איר שיר־השירים'דיקן שלום־בית? אפשר טאַקע די צו־דעקאָלטירטע קליידער אירע, די אומבלויזקייט, האָט אים אָפּגעקילט, געהאַט א פאַרקערטע ווירקונג? יאָ, יאָ זי דערמאָנט זיך איצט טאַקע, ווי ער פלעגט תמיד זאָגן, אז ווען פרויען וואָלטן גע־וווסט וויפיל רייץ, וויפיל חן זיי פאַרלירן צוליב זייער נאַקעטקייט, וואָלטן זיי באַ־שיידענע קליידלעך באַשאַפן, אפילו דעמאָלט, ווען עס וואָלטן אַזעלכע אויף דער וועלט נאָר ניט געווען. זיי וואָלטן אליין באַשאַפן א נאָט פון קליידונג. זיי גופא,

וואלטן נעהאסט די אנטבלויזקייט, און וואלטן זיך באמיט וואס מער סודות׳דיק צו זיין.

דערווייל ווערט אלץ טונקעלער, עליזאבעט ווארפט זייטיקע בליקן דורכן פענסטער, און קלערט, וואס פארא קלייד זי זאל אנטון היינט צו באגעגענען איר מאן צום אוונט־ברויט. א מידע, אבער א פרייערע שטייט זי אויף פון דיוואן און עפנט די קליידער־שאנק, ווו זי נעמט צוערשט מיט די אויגן, און דאן מיט די הענט נישטערן צווישן די קליידער און קאסטיומען. און א פאר׳דאגה׳טקייט, פשוט א מרה־שחורה׳דיקייט באדעקט איר פנים.

ס׳טייטש, איז טאקע מעגלעך, אז אין איר גאנצער גארדעראבע זאל זיך ניט געפינען קיין איין איינציק פארמאכט ספארט־קליידל? א! דאס איז דאך אוממעגלעך, טראכט זי, און נעמט נאך גיכער און נערוועאישער נישטערן מיט אירע הענט צווישן די מלבושים, ווייל זי ווייסט, אז די שעה איז שוין א שפעטע און באלד קומט מוזי פון געשעפט.

יא, יא כ׳האב, האט זי צו זיך אליין אויסגעשריען מיט פרייד, און ארויסגענומען דאס טונקל־גראנאטענע ספארט־קליידל מיטן ווייסן שפיצן־קעלנערל און קליינע פערלמוטערנע קנעפלעך און שנעל ארויפגעצויגן אויף זיך.

געשיקט ארומגעגארטלט איר טאליע מיט א ווייס זאמשן פאסעקל און אויך ניט פארגעסן ארייגצולייגן אין טעשעלע ביים לינקן לאץ א שיין געהאפטן טיכעלע, וואס האט דערגענצט די עלעגאנץ פון דעם ספארט־מלבוש.

נאכן פארקעמען זיך האט זי בלויז גענומען אביסעלע פארפיום, פון דעם, וועלכן מוזי פלעגט אפט נוצן.

מוזיס א ווארעם־ליבלעך לאנג־דויערנדער קוש אויף דעם גלאטיקן ניט באפארבטן פנים, האט ווי אן עלעקטרישער שטראם געווירקט אויף עליזאבעטן, וועלכע האט פארשעמט אראפגעלאזט אירע אויגן, פונקט ווי דעמאלט, ווען זי האט פון אים דעם ערשטן קוש באקומען, אלס צייכן פון הייסער און אויפריכטיקער ליבע. און אזוי האט זי זיך שוין בעת׳ן גאנצן אוונט־ברויט געהאלטן שעמעוודיק־נאאיוו, וואס דאס האט איר זייער א סך חן צוגעגעבן, ממש געכישופט... מוזיס מילדער און צארטער בליק, וועלכער האט געבלאנדזשעט כסדר איבער איר פנים, האט צוביסלעך און אומבאמערקבאר געמאכט רויטלען אירע באקן און מחיה׳דיק געגלעט איר לייב, וועלכעס האט זיך אנגעגאסן מיט אן אנגענעמער היץ, ווען זי האט געזען, אז איר מוזי האט נאכן אפעסן אוונט־ברויט א קוק געטון אויפן זייגער...

די ודוי פון א פרוי

א גרויסער, שווערער וואָלקן, ווי א שטיק בליי, האָט זיך אראָפּגעלאָזט אויף ר׳ יעקב ראָזענטאַלס הויז און איינגעהילט עס אין שוואַרצן, אין טרויער.

פון די פענסטער, פון וואַנען עס האָט ערשט ניט לאַנג געשלאָגן א העל, שאַרף ליכט, וואָס האָט באַגאָסן א גרויסע טייל גאַס, קוקט אַרויס א מוראַדיקע טונקעלקייט. אַנשטאָט די טענער פון חסידישע ניגונים, וואָס האָבן זיך געטראָגן פון ר׳ יעקב׳ס איינציקן זונס פידל, הערט זיך א שטיל געזאָנגעריי פון תהילים, באַגלייט פון זיפצן און קרעכצן. א שטיל פאַרשטיקט געוויין פון ר׳ יעקב׳ן פילט אָן דעם אַרום מיט אימה. נישטאָ די פריערדיקע לעבעדיקייט, מונטערקייט און אויפגערוימטקייט. אַלצדינג שטייט אומעטיק, שטיל ווי בראָנז. א וויסטקייט, א מרה־שחורה קוקט אַרויס פון יעדן ווינקל. א גאַנצע כאָפּטע אָרעמע ווייבער שטייען פאַרן הויז. זיפצענדיק, ברעכן זיי מיט די הענט, און אויפהויבענדיק הויך די אויגן צום הימל, בעטן זיי א גיכע רפואה פאַר ר׳ יעקב׳ס פרוי. יאָ, א גיכע רפואה פאַר דער גוטער און טייערער פרוי! דאָס הייסט א צרה פון גאָט! דרשנט א יידענע וועלכע שטייט אין מיטן דער כאָפּטע ווייבער. דאָ ערשט ניט לאַנג אַזאַ אומגליק... דער בן־יחיד, אויף וועלכן זי האָט געוואַרט גאַנצע צען יאָר ביז זי האָט אים געבוירן, האָט זיך נעבעך געשמד׳ט און חתונה געהאַט מיטן אָרגאַניסטס טאָכטער, און איצט, איצט איז ווידער זי אַזוי שווער קראַנק. אַך גאָטעניו! גאָטעניו זי ליידט דאָך נעבעך פאַר פרעמדע זינד, ווייל זי גופא איז דאָך א טייערע, גוטע און ערלעכע פרוי. זי האָט דאָך קיין פליג נים געטשעפּעט. זי איז דאָך א כשר׳ע יידענע. אוי ווי נעבעך, נעבעך! פאַר פרעמדע זינד! עט, נאַרישקייטן — זאָגט א צווייטע, וואָס נוצן איצט די אַלע רייד,

די אלע מעשיות, ווי אייגענע זינד, פרעמדע זינד, מ׳דארף בעטן גאט, אז ער זאל איר שענקען דאס לעבן.

יא, לעבן, זי וועט שוין לעבן — כאפט אונטער א דריטע. די דאקטוירים זאגן, אז ס׳איז נישטא קיין שום האפנונג זי צו דערהאלטן ביים לעבן. זיי זאגן, האט מיר מרים, די דינסט, דערציילט, אז די מינוטן זיינען געציילטע. יא, געציילטע רגע׳ס נעבעך! גייט שוין, גייט שלאגט איבער א הויכע, דארע יידענע וועלכע שטייט אין א זייט, א יידיש קינד טאר ניט און דארף ניט אזוי רעדן. די דאקטוירים ווייסן א סך! זיי ווייסן א גרויסע קרענק! זיי הויבן ניט אן צו וויסן פון גאר. ווען זיי זאגן, אז ס׳איז שוין גאר שלעכט, אז ס׳האלט שוין אט אט, העלפט ערשט דער אייבערש־טער. הלואי, הלואי זאל אזוי זיין — כאפט אונטער די כמעט גאנצע כאפטע ווייבער. פון אייער מויל אין גאט׳ס אויערן... אמן, אמן שרייען זיי אלע און קוקן פרום ארויף צום הימל...

ניט נאר אין גאס איז פארגעקומען אזא גערעדעריי, נאר אויך אין הויז גופא האט מען זיך געשושקעט שטיל וועגן דער שווערער, האפנונגסלאזער לאגע פון ר׳ יעקב ס פרוי, און וועגן דער סיבה וואס האט זי דערפירט צו דעם דאזיקן מצב, צו דער דאזיקער שווערער קרענק. יעדער באזונדער האט געקרעכצט און געזיפצט און צוגלייך ווי זיי האבן געבעטן ביי גאט א רפואה שלמה פאר פייגעלען, האבן זיי שטיל אין הארצן געבעטן, אז גאט זאל זיי אפהיטן פון אלעם שלעכטן, און עס זאל זיי חלילה אזא צרה ניט אונטערקומען. היט אפ גאטעניו! היט אונדז פון אלדאס בייז!

פלוצלינג האט א בליץ געטון, גלייך ווי דער הימל וואלט זיך געשפאלטן, און איינגעהילט די וועלט אין פייער, באלד דארויף האט א הילך געטון א דונער נאך וועלכן ס׳איז נאכגעקומען א שטורם־ווינט וואס האט משונה׳דיק געפייפט און געוויינט, גלייך ווי עס וואלט זיך ווער אין יענעם טאג אויפגעהאנגען. אלע אנוועז־נענדע האבן מיט שרעק געווענדעט די אויגן צום פענסטער און האבן ניט באמערקט ווי פייגעלע האט צוגערופן איר מאן, און שטיל אויפן אויער אים געזאגט, אז ער זאל בעטן דעם גאנצן עולם, אז זיי זאלן אויף א שטיקל צייט פארלאזן איר שטוב, ווייל זי וויל מיט אים עפעס ריידן אויג אויף אויג. ר׳ יעקב, וועלכער האט אזוי הייס און אויפריכטיק געליבט זיין פרוי, האט גערן דערפילט איר פארלאנג. און אוועק־זעצנדיק זיך אויפן ראנד פון איר בעט און נעמענדיק אירע הענט אין זיינע, האט ער מיט א זייער געבראכענער שטימע געזאגט: דו קענסט ריידן פייגעלע, מיר זיינען

אליין אין צימער, איך האָב אלע ארויסגעבעטן. רייד פייגעלע, רייד, איך האָב ליב דיין קול, כ׳האָב ליב דיינע קלוגע רייד! א שווערער ווייטיקלעכער זיפץ הויבט־אויף פייגעלעס איינגעפאלענעם ברוסט־קאסטן. צוויי גרויסע טרערן שטעלן זיך אין אירע ארויסגעשטארטע אויגן, ווען זי דערקלערט איר מאן, דאָס פארן אוועק־גייך פון דער וועלט, וויל זי זיך פאר אים מתודה זיין. יאָ, זי וויל זיך מתודה זיין, זאָגט זי. זי מאכט א וויילע א פויזע, טוט א קרענקלעכן הוסט, נאָך וועלכן זי שפייט אויס א פארגליווערט שטיקל בלוט, און דאן הויבט זי אָן אָפּאָטעמען וואָס אמאָל שווע־ער און שווערער און הויבט אָן מיט א שוואכער, קוים הערבארער שטימע איר ודוי. זי דערציילט מיט טרערן ווי זי האָט שרעקלעך געליטן פון דעם וואָס זי איז געווען קינדערלאָז. יאָ, שרעקלעך געליטן, זאָגט זי, און מיט די לעצטע כחות שילדערט זי איר בענקשאפט צו מוטערשאפט. זי דערציילט ווי שטארק זי האָט מקנא געווען יעדער פרוי, וועלכע האָט געשוואנגערט, און ווי מינדערווערטיק זי האָט זיך געפילט ווען זי איז געווען צו גאסט ביי אירע חברטעס, וועלכע האָבן חתונה געהאט אין דער זעלבער צייט וואָס זי, און דאָרט געטראָפן צו עטלעכע קינדערלעך, וועלכע האָבן אָנגעפילט דאָס הויז מיט פריילעכקייט, מיט געזאַנג און געלעכטער און נאָך אָנגעשטעקט די דערוואקסענע אויך מיט פרייד, מיט הומאָר און צופרידנקייט.

אָבער צו וואָס נוצט דאָס אלץ איצט צו דערמאָנען? צו וואָס גיסן סמאָלע אויפן פייער? צו וואָס זיך אָנשטרענגען, ווען די דאָקטוירים האָבן דיר דאָס לעצטע שטארק פארבאָטן, יאָ מיין טייערע פייגעלע, דו ווייסט דאָך, אז די דאָקטוירים האָבן דיר שטרענג פארבאָטן צו ריידן, זאָגט ר׳ יעקב מיט דער זעלבער געבראָכע־נער שטים וואָס פריער, און אָפּווישנדיק מיט זיין נאָז־טיכל די גרויסע טראָפּנס שווייס פון איר געל־וואקסענעם פנים, דערלאַנגט ער איר אביסל וואסער, אביסל קאלט מינעראל־וואסער, וואָס זי טרינקט גערן אוים בכדי צו קענען פארזעצן איר ווייטערדיקע דערציילונג, איר ודוי, וואָס איז א לאַנגע קייט פון שרעקלעכע ליידן, פון יסורים און פיין.

זי דערציילט ווי אין א געוויסן פריטיק, מיט צוואַנציק יאָר צוריק, ווען איר מאַן איז געווען פארדייזט, און זי האָט אויסגעצאָלט די ארבעטער דעם וואָכן־לוין איז צופעליק איר בליק געפאלן אויף דעם פלאקס־האָריקן יוזשעקן, דעם מאשיניסט פון איר זאָקן־פאבריק, און ווי א מוראדיקער געדאַנק האָט זיך אריינגע׳גנב׳עט אין איר קאָפּ, און טראָץ אלע אירע אָנשטרענגונגען, טראָץ איר אינערלעכן קאמף, כסדר נעענבערט אין איר מוח, ניט וועלנדיק אויפהערן אויף איין מינוט, אויף איין רגע אפילו. און זי דערציילט ווייטער, ווי אין די שלאָפלאָזע נעכט, ווען זי האָט נאָס

געמאַכט די קישנס מיט אירע טרערן, איז דערשינען דאָס געשטאַלט פון דעם הויכן, געזונטן פול־בלוטיקן יוזשעקן, וועלכער האָט איר שטאַרק געלאָקט און געמאַכט האַכטיקער קלאַפּן איר האַרץ, שנעלער פליסן ס׳בלוט אין אירע אָדערן, און פילנדיק, אַז זי ווערט פשוט משוגע, אַז די כחות גייען איר אויס, האָט זי אין קורצע שטריכן דערציילט, ווי מיט אַ שטיקל צייט שפּעטער, ווען ער, יעקב, איז ווידער ניט געווען אין דער היים און זי האָט ווידער געמאַכט די אויסצאָלונג, האָט זי יוזשעקן איבערגעלאָזט צום לעצטן, און דעמאָלט... דעמאָלט איז... איז עס געשען.

זי טוט ווידער אַ הוסט און רעדט ווייטער. זי דערציילט ווי מיט אַ מינוט שפּעטער, בלויז איין מינוט דערנאָך האָט זי עס שטאַרק באַדויערט. זי האָט שטיקער ממש פון זיך געריסן, זי איז שיעור משוגע געוואָרן, ווייל זי האָט גאַנץ גענוי אָפּגעשאַצט איר זינד און געשראָקן זיך פאַר גאָטס שטראָף, ווי אויך פאַר דעם וואָס ס׳קאָן נאָכקומען, ד. ה. פאַר די פאָלגן פון יענער לייכטזיניקער מינוט. יאָ, ס׳האָבן זי שטאַרק געשראָקן די פאָלגן פון יענע ניט אויסגערעכנטע, לייכטזיניקע מינוטן. אָבער מאָרגנס — זאָגט זי, זי האָט זיך געשראָקן, און גלייכצייטיק אויף עפּעס געהאָפט. זי האָט געפילט אַ געמיש פון שרעק און האָפנונג, פון זיסקייט און ביטערניש, פון צופרידנקייט און אימה. עפּעס אַזוינס, וואָס מ׳קאָן מיט ווערטער ניט איבערגעבן, און אַרויספליִענדיק איר דאַרע האַנט אויף איר האַרצן, בעט זי, אַז ער, יעקב, זאָל איר מוחל זיין פאַר דער חרפּה און צער וואָס ער האָט צוליב איר געליטן. זי וויל נאָך עפּעס ריידן, זי וויל אים זאָגן, אַז טויטע איז יעדער מוחל, אָבער זעענדיק זיינע פּלוצלינג־אַרויסגעזעצטע, צעשראָקענע אויגן מיט די ציטערדיקע ליפּן, איז איר פּשוט דאָס לשון אָפּגענומען געוואָרן. זי האָט געהאַט דעם איינדרוק, אַז דער הימל האָט אַראָפּגענידערט און קוועטשט איר האַרץ, איר גאַנצן גוף אַזוי שטאַרק, אַז ס׳האָט איר אויסגעפעלט לופט און אָטעם.

א ווײַלע האָט געהערשט אַ קבר׳דיקע שטילקייט און דאַן האָט ר׳ יעקב דער ערשטער אָנגעהויבן ריידן מיט אַ שטימע וואָס האָט זיך געבאָדן אין טרערן.

הייסט עס — זאָגט ער — אַז שלמה׳לע איז ניט מיין זון?

יאָ, הייסט עס — אַז ר׳איז... האָ? דער שלמה׳לע מיט דעם זיידענעם פּנימ׳ל און די פאות איז ניט מיין קינד, נאָר... נאָר יוזשעקס? און דו, דו האָסט געקאָנט ביי דיר דאָס פועלן? דו האָסט דאָס געקענט טון? שיט ר׳ יעקב איין פראַגע נאָך דער אַנדערער. יאָ, איין פ־אַגע נאָך דער צווייטער פאַלט פון זיין מויל, ווי שאַרענדיקע גליִענדע פייער־קוילן.

אוי! אוי! אוי מיין הורבן! מיין חורבן שרייט ר׳ יעקב. רייד, רייד, דו האָסט דאָס געקענט ביי דיר פועלן?

יאָ, איך בין געווען שוואַך. שוואַכער פון דער בענקשאַפט צו מוטערשאַפט — ענטפערט פייגעלע מיט אַ וויינענדיקער קוים הערבאַרער שטים, וועלכע טרינקט זיך אין אַ ים בלוטיקע טרערן, און נעמט ווידער דערציילן וואָס פאַר אַ גוואַלדיקע מלחמה זי האָט געפירט מיט זיך גופא, און סוף־כל־סוף האָט דער באַגער, די בענקשאַפט צו מוטערשאַפט געזיגט.

און דו שעמסט זיך ניט צו דערציילן, אַז דו האָסט געוואָלט האָבן אַ קינד באַדיי פון אַ גוי?

פייגעלע! פייגעלע, נאָך וואָס האָסטו דאָס אַלץ דערציילט? פאַרוואָס האָסטו ניט באַגראָבן אין דיין האַרצן דעם סוד? פייגעלע זאָג, אַז דו האָסט גערעדט פון היץ! זאָג, אַז דאָס אַלץ איז אַ ליגן! שרייט ר' יעקב און אויסביילנדיק אַ פויסט הויבט ער אַליין אָן מיט אַ ניט מענטשלעך קול צו שרייען. ס'איז אַ ליגן! ס'איז ניט אמת! ס'איז אַ הוילער ליגן! זאָג אויך אַזוי, זאָג אויך אַזוי — שרייט ער צו פייגעלען — ווייל כ'פיל אַז דער מוח ווערט מיר צעשפּרונגען! כ'פיל אַז איך ווער משוגע! כ'פיל... כ'פיל...

און כאָטש דעם מאַנס ווייטיק און צער האָבן פאַרקלעמט איר קראַנק האַרץ און געמאַכט עס קאָנוולסיוו קאַרטשען, איז זי דאָך ניט נאָכגעקומען זיין פאַרלאַנג. ווייל די חרטה פון די אַלע יאָרן האָט איר געהייסן אין די לעצטע מינוטן פון איר לעבן זיין אמת'דיק, אויפריכטיק, שילדערנדיק, ווי שרעקלעך פיינלעך עס איז מיטצונעמען אַזאַ שווערן סוד אין קבר.

זיי שטאַרק מיין מאַן! און געפין אַ טרייסט אין דעם וואָס מיין קינד האָט זיך גע'שמד'ט, און ניט דיינס.

דאָס זיינען געווען פייגעלעס לעצטע ווערטער, נאָך וועלכע עס האָט זיך פאַרשלאָסן דאָס מויל אויף אייביק...

דאָס איז געווען איר ודוי.

זכרונות און בילדער

דויער און אויסדויער — ווייטער בליק און אויסבליק — דאָס זיינען די געבענטשטע אייגנשאַפטן פון פּרץ הירשביין, וועגן וועלכע איטשע מאיר קאָלעקטערס טאָכטער האָט געטראַכט אין אַן אַנגעגליט־הייסן טאָג, זיצנדיק ביים ברעג פון ים. אירע ברייט־פונאַנדערגעעפנטע אויגן האָבן געפינקלט און געוואָרפן צעשראָקענע בליקן אי אויף דער וווּנדער־שיינע פּאַנאָראַמע, אי אויף דעם ים, וואָס האָט, דאַכט זיך, געריידט צו איר מיט לשון.

אַמאָל האָט ער ליבטיק געשמייכלט און אַמאָל געוויזן א טונקל טרויעריק פּנים. אָט איז ער ווי א שיינער קרישטאָל־לויטערער שפּיגל, אומשולדיק קינדעריש נאַאיוו און פּלוצלינג אין סאַמע מיטן דערינגען זיך אָנגעהויבן קנייטשן, זיך רעשיק געברויזט, געבלעזלט און שרעקלעכע העויות געמאַכט. און דאַן ווידער אַמאָל געוואָרן רואיק, ערנסט און זייער געדולדיק, און ווינקענדיק שעלמיש מיט זיין שימערדיק גרינלעך וואַסער־קאָליר האָט ער אויסגעזען ווי א לעבעדיקער אָרגאַניזם מיט זיינע באַזונדערע שטימונגען און קאַפּריזן: גאָטס באַשעפעניש, וואָס אַמאָל איז ער מיטער און אַמאָל טרויעריק, אַמאָל הומאָרפול, גוטמוטיק און אַמאָל אויסגעברויזט און צעטראָגן, פּונקט ווי זי, איטשע מאירס טאָכטער, וועלכע קאָן בשום אופן נישט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז איר געבוירן־שטאָט אָסטראָווצע ווי אויך דאָס אַמאָליקע פּוילן וווּ עס האָט זיך אַנטוויקלט און געבליט א פאַרצווייגטע יידישע פּרעסע, ווו עס האָט זיך אויסגעשיילט, אויסקריסטאַליזירט א גאַנצער דור פון יונגע יידישע שרייבער, שוישפּילער און קינסטלער ליגט שוין אונטער חורבות, געהערט שוין צו דער פאַרגאַנגענהייט... זי דערמאָנט זיך אין איר אַלטער היים — אין ערב יום כיפור ביי דער שול. דער רעש, ס'געוויין, דער טרערן־קוואַל, דער כל־

גדרי ניגון, די הויכע ווייסע ליכט אין די קעסטלעך מיט געלן זאמד, דאס שפינ־
וועבס אין דיווינקעלעך, די צעשניצטע מיט חלב־באגאסענע טישן, דער פאר־
שטויבטער ארון־קודש מיטן צעדריוועלטן פרוכת. אלץ, אלץ האט געפאכעט מיט
דרך ארץ און אימה'דיקן הייליקן ציטער, אבער אויך גלייכצייטיק מיט זייער פיל
האפונג. מ'האט פון דארטן, בשפע ארויסגעצויגן בטחון אויף א גוט, גליקלעך
ניי־יאר.

און איצט, איצט ווי אזוי קען מען קלערן וועגן דויער און אויסדויער, ווען
הויך ווי דער וואלקן איז די כוואליע פון צער און צארן. ווען די לופט וואס איז
נאך נעדיכט און פול מיט בלוט־ריח, שמעקט שוין פריש פול מיט אטאם און —
— הידראזשען. די שווערע ברענענדיקע הייסע יארן, די אנגעגליטע און די
אינקוויזיטארישע מיט די ביטערע געראנגלענישן מיט די נסיסה'דיקע לײדן, די
בלוטיקע טרערן נאך דער מיליאנענדיקער עקדה מישן זיך צוזאמען מיט איר נאנ־
גענדיקער בענקשאפט און צעעפענען איר אנגעווייטיקט הארץ ווי א מחזור וו עס
זיינען פארשריבן מיט בלוט די תפילות וואס דערציילן פון קדיש, פון א בית־
הקברות פון פארשניטענע אספיראציעס, פון יזכור.

און ווען זי רייסט זיך א רגע אפ פון איר פארטראכטקייט און זעט ווי דער
בריי ער הימל טריפט מיט זון, זילבער און בלויקייט, ווי אויפן האריזאנט צייכנט
זיך א טיף־בלויער פאס, וואס באהעפט זיך מיטן שפיץ פון פאן דע אסוקאר בארג,
וועלכעס גיט נאך צו מער גלאנץ און דינגעם רייץ דער אזוי שיינער און פראכטפו־
לער פאנאראמע, פארדריסט איר שטארק, וואס די נאטור איז געבליבן אין איר
גאנצער, ממש פולשטענדיקער גאנצקייט ווי קיינמאל נאריגים. עס טוט איר ווי
ואס עס האט זיך ניט פארוואלקנט די בלויע הימל־הויט. עס קרענקט איר, וואס
די זון שפאצירט ווי תמיד מיט אויסגערעכנטקייט ארום איר קרייז. זי פילט ווי
איר ברוסט ווערט איר שיעור צעריסן פון ווייטיק און נאגנדיקער בענקשאפט...
זי בענקט נאך אירע שוועסטער און ברודער, נאך משפחה און פריינט, נאך אירע
ליבע און טייערע שילער, נאך די גאסן און אפילו נאך די משוגעים פון אסטראוויצע.
נאכן משוגענעם יצחק, נאך אפרים גיעזשו און איטעלע.

זי וואלט מיט פארגעניגן אויסגעטוישט דאס פיינע און באקוועמע לעבן פון
דא, אויפן אמאליקן. די אלטקונאווער גאס מיט די בלאטעס זעען ביי איר אוים
איצט פיל שענער ווי די פיין־אויסגעפלאסטערטע מיט גרינס און בלומען באפוצטע
ריא'ער גאסן, ווייל דארט האט זי געהאט גליקלעכע, פריידיקע טעג אין קרייז פון
אירע אייגענע און נאענטע. אוי די אלטע היים!!!

ווי פיל חן האט דארט דער שבת געהאט!

א שיינער שבת'דיקער מאי־פרימאָרגן. די זון רוקט זיך לאַנגזאַם אריין אין שול־געסל און דעקט איבער מיט שטראַלענד־גאָלד איין זייט א לאַנגע מיט הייזער, גלייך ווי זי וואָלט וועלן מיט איר זון־באַלזאַם פאַרהיילן, אָדער בעסער געזאָגט, וויינ־יקסטן אויספרישן די שמוציקע, האַלב־אָפּגעקראָכענע פאַרב פון די ווענט, די געפלאַצטע פון פראָסט טירן און פענסטער־ראַמען. אויסטריקענען די בלאָטעס און אויפלעבן אביסל דאָס קליינוואַרג, וואָס איז געבעך א גאַנצן ווינטער געזעסן אין שטוב.

אויף מערב־זייט אונטערן שאָטן ווייעט א קיל ווינטל וואָס הוידעט די ביליק־טיולענע גאַרדין אין צעעפנטן פענסטער פון דעם קליינעם חדר ווו חברה גרייט זיך צו גיין אין וואַלד אויף מאַיוווקע.

פריילעכע, זינגענדיק גייען זיי פאַמעלעך איבער דעם פיין־אויסגעפלאַסטערטן שמאָלן וועג, וואָס שלענגלט זיך צווישן גרינער לאַנדשאַפט.

דער פרישער סאָסנע־ריח פון געדיכטן קונאַוועער נאָדל־וואַלד רייצט ליב די נאָז, פילט אָן די נשמה מיט פרייד, יוגנט און לעבן. חברה ווערט אזש שטיפעריש און נעמט אימיטירן איינער דעם אַנדערן און אפילו דעם פויגל, וואָס שאַלט דאָרט אויף אַן אומגעלומפּערט־הויכן בוים.

זיי מאַכן פאַרשידענע איבונגען און זינגען הויך אויפן קול.

אפילו דעמאָלט, ווען ס'יידישע לעבן אין פוילן איז געווען פון דורות איינגע־פינדעוועט, האָט שוין יוגנט פאַרבענקט געזוכנען, ניט וויסנדיק אליין פאַרוואָס. אין זייער געזאַנג האָט זיך געפילט דאָס ניט ארויסגעזאָגטע געפיל, טיפע האָפנונג און חלומות, וועלכע קענען מיט סתם ווערטער ניט איבערגעגעבן ווערן; שטרע־בונגען וואָס קאָנען ניט ארויסגעזאָגט ווערן, סודות'דיקע בענקשאַפט פון האַרצן און טרערן וואָס זיינען נאָך ניט אויסגעוויינט געוואָרן.

יאָ, געזאַנג דאָס איז דאָך די אמת'ע נשמה־שפּראַך. די יוגנט, וועלכע האָט געטראָגן אין זיך אוצרות פון לעבן און גייסט האָט געמוזט דאָס אין געזאַנג אויס־גיסן...

אָבער ניט בלויז מיט שירים האָט חברה אויסגעפילט דעם שיינעם מאַי־אויס־פלוג. גרופּענווייז האָבן זיי זיצענדיק אויפן גראָז בשותפות געלעקנט אין וויכטיקע ווערק, ווערק פון די בעסטע שרייבער.

אפילו צו „עטיק" פון ברוך שפּינאָזא האָבן זיי זיך געכאַפּט, און וועלכן זיי האָבן זיך אזוי שטאַרק פאַרטראַכט, אז זיי האָבן אזש ניט באַמערקט ווי אויפן האָריזאָנט האָבן זיך טיפע וואָלקנס פאַרגנב'עט, און הילנדיק די הימלישע סודות האָבן זיי אויך אָנגעזאָגט א רעגן...

ס׳איז א קילער בין־השמשות. מיט שטילע און לאנגזאמע טריט שלייכט זיך אסתר׳קע אריין אין שטוב פונוואנען עס טראגן זיך לאנגע אנגעצויגענע חסידישע ניגונים בעת׳ן שלוש סעודות, וואס צערטלען די נשמה. אך ווי עס בענקט זיך נאך דעם וואס איז געווען און איז מער ניטא! — אך ווי עס ווילט זיך!

אז ס׳זאל זיין ווי געווען, כאטש איין שעה! מורמלט אין איר אן אינערלעך־פארשטיקט קול וואס באדט זיך אין טרערן.

אך איר טאטע!

זיין מילדער בליק, זיינע שיינע מעשיות וועגן רבנים, וועגן דעם אסטראווצער צדיק. וועגן דער גרויסקייט פון אסטראווצער רבין ז״ל, דער גוואלדאוונער גייסט זיט נאר אין תורה נאר אויך אין וועלטלעכע וויסנשאפטן, אין אלע שבע חכמות, א גדול אין מאטעמאטיק און וועגן זיין פאסטן, וועגן קאזשעניצער רבין און וועגן נאך אנדערע. וועגן דער גדלות פון זיי אלע.

תמיד ווען ס׳איז אים געווען שווער אויפן הארצן, פלעגט ער דערציילן, האט ער ביי זיי א טרייסט־ווארט באקומען, א גוטע עצה, א ברכה.

און דאס האט אים געגעבן מוט איבערצוטראגן אלע לײדן, אלע שווערע און ביטערע צרות.

אוי דער טאטע אירער, קיינמאל דאכט זיך קיין גוטן טאג ניט געהאט, ס׳גאנצע לעבן איז געווען איין גאנצע קייט פון לײדן. אבער נאך ניט אין פארגלייך מיט די לײדן פון זיינע קינדער, אי פון די וועלכע זיינען אומגעקומען אויף קידוש השם, אי פון די, וועלכע זיינען לעבנגעבליבן און ווערן געמאטערט טאג און נאכט פון די שרעקלעכע קאשמארן, פון זכרונות און בילדער...

טרערן

שטיל, כמעט אומבאמערקט פון קיינעם, זיצט יצחק אין זיין צימער און טראכט וועגן דער פארגאנגענהייט. שוין וואכן, חדשים, ווי ער האט אין דעם שטילן הויז פארלוירן דעם לויף פון דער צייט. ער קוקט דורכן פענסטער, ער פארמאכט די אויגן, און עפנט זיי, און עס דאכט זיך אים, אז די גאס זעט אויס אנדערש ווי זי האט מיט א רגע פריער אויסגעזען. אט דאכט זיך אים, אז די שעה׳ן גליטשן זיך, און אט, זעט יעדע שעה אויס, ווי אן אייביקייט. יא, ער קען זיך קיין עצה ניט געבן מיט זיין איינזאמקייט. איינזאם, פארוואס עפעס איינזאם? האט ער דען ניט קיין קינדער? יא, אן עין הרע פיר קינדער, צוויי זין און צוויי טעכטער, אבער וואס גייט זיי אן דער טאטע, דער אלטמאדישער טאטע.

זיצט ער טאקע איינער אליין צווישן די פיר ווענט און טראכט מיט גרויס פארוואונדערונג וועגן די אמאליקע קינדער פון די קליינע שטעטלעך, וואס ס׳רוב פון זיי, האבן ניט געוווסט וואס הייסט עשירות און וווילטאג. און וואס איז שייך צו גאלד, זילבער, בריליאנטן, געשניצטע מעבל, פערסישע טעפיכער, קרישטאלן, בילדער, סקולפטור און שפיגלען איז ביי אים א ספק, א גרויסער ספק, צי זיי האבן דאס גאר ווען ניט איז געזען אין זייער לעבן.

און דאך, דאך איז די חשיבות פון עלטערן געווען ביי זיי איינע פון די הייליקסטע אויפגאבן. זיי האבן געהאט א גוואלדיקן דרך ארץ פאר זיי, ניט קוקנדיק אויף דעם וואס, די עלטערן האבן זיי ניט געגעבן אפילו דאס מינימאלסטע, דאס עלעמענטארסטע. אט למשל די שטוב פון זיין רבי׳ן, ר׳ משה אהרן מלמד, וועלכער האט געהאט גרויס אנזען אין שטעטל. עפעס א קלייניקייט, ער איז דאך ר׳ חיים זינדל האלטשוקס איידעם! יא, ער האט געהאט גרויס כבוד, אבער א קליין צימערל פון דלת על דלת.

א חוץ צװײ בעטן, צװישן װעלכע עס איז געװען אַרײַנגעשטעלט א װײסער הילצערנער טיש מיט צװײ בענק, און אין דער זײַט א ניט גרױסער גרינער קופערט איבער װעלכן ס׳איז געהאַנגען א שפּיגעלע אין א פּראָסט רעמל, און דרײַ צולײג־בענקלעך, איז דאָרט מער גאָרניט געװען... אָ! נײן, א טעות, ס׳איז נאָך געװען: עטלעכע שמאַטעס װאָס האָבן זיך תמיד געטריקנט בײַם אױװן, אײן קאַץ און זיבן קינדער. זעקס ײנגלעך און אײן מײדעלע.

פלעגט טאַקע שרה׳לע עטלעכע מאָל אין טאָג אַרױפקריכן אױפן קופערט צו דעם שפּיגעלע, בכדי בעסער צו קענען זען, גוט צו קענען אָנקוקן אירע פּעך־שװאַרצע לאָקן, די ביר־שמײכלענדיקע אױגעלעך און דאָס בלאַסע פּנים פון טאַטן, װאָס איז געזעסן א תמיד פאַרמאַטערטער צװישן זײַנע תּלמידים פונקט אַנטקעגן איבער דעם שפּיגעלע...

א סך מאָל האָט זי געדרײט מיט איר פּאַריסן־שקאַצעװאַטע נעזל און אַרױס־געשטעלט איר צינגל צו יאַמעלען, װעלכער פלעגט מיט איר טשעפּען, טוענדיק בגנבה א צי איר קלײדל. שיכלעך פלעגט שרה׳לע טראָגן נאָר אום שבת, און דאָס כּסדר צעריסענע, װײַל די שיכלעך פאַר איר פלעגט מען קױפן בײַ דער ײדענע װאָס האָט געהאַנדלט מיט אַלטװאַרג... און װען עמיץ װאָלט זיך צוגעקוקט צו אָט אָ דער שרה׳לען, װי אירע באָרװעסע פיסלעך טאַנצן איבער דער מאַמעס קופערט, טופּען איבער די שטײנער פון הױף און אָפּטמאָל העגגען זי אַריבער פון דעם פּאַרקאַן, װעלכער טײלט אָפּ דעם הױף פון דעם שכנישן הױז, אַזױ, אַז ס׳דאַכט זיך, אַז זי העגגען אָן זײַער באַלעבאָסטן, װײַל די אױבערשטע העלפט פון מײדעלע געפינט זיך אױף אײן זײַט, און די אונטערשטע העלפט אױף דער צװײטער זײַט פּאַרקאַן, װען מען אָבסערװירט אירע צעשױבערטע האָר און דאָס אױסגעשמירטע פּנימ׳ל אירס, קען מען האָבן דעם אײַנדרוק, אַז דאָס איז עפּעס א װילד באַשע־פעניש, א גײַסטיקער קריפּל אָן דעם מינדעסטן פאַרשטאַנד, אָן אױפנאַמס־פעאי־קײטן און דער עיקר אָן סענטימענטן.

דאָס זעלבע האָט מען אױך געקענט טראַכטן װעגן אירע ברידערלעך, װאָס פלעגן אױך תּמיד אַרומגײן פאַרשמירטע און באָרװעסע, אָבער שטענדיק אָנגעטאָן אין אַרבע־כּנפות׳לעך מיט לאַנגע װײַסע ציצית, װאָס פלעגן זיך פאַרטשעפּען אין זײַערע אױסגעמאָגערטע פיסלעך, מאַכנדיק זײ זײער אָפּט פאַלן, צערײַסנדיק מיט זײער שרעקלעך געשרײַ דאָס ביסעלע לופט, װאָס האָט אָנגעפילט דאָס קלײנע שטיבל אין דעם שמאָלן הױף. נאָר אַזױ װי קײנער האָט זיך להלוטין אױף זײ ניט אומגעקוקט האָט ס׳געװײן לאַנג ניט געדױערט. מען איז אײַנגעשטאַנען אָן עמיצנס הילף, צורעכט געמאַכט די יאַרמולקע אױף די צעפּאַטלטע הערעלעך און װידער

ענומען לויפן און קריכן אויף דער מאַמעס קופערט, אויף פּאַרקאַנעס, אויף הויפנס מיסט און אויף די אַלטע ברעטער, וואָס זיינען געלעגן אין א ווינקל פון הויף פון איין יאָר צום צווייטן אויף אויפצושטעלן א סוכה. יאָ, יאָ ווילדע באַשע־פעניש וואָלטן מען געקענט מיינען אין ערשטן אויגנבליק. און גיי דערקלער עמיצן, זאָגט יצחק צו זיך זעלבסט, גיי זאָג עמיצן, אז פון אָט די שרה׳לעך, מענדעלעך, שלמה׳לעך און יאָסעלעך זיינען אַרויסגעקומען די גרעסטע פּערזענלעכקייטן, און דער עיקר: איבערגעגעבענע און געטרייע קינדער, וועלכע האָבן הייליק אָפּגעהיט כבוד אב ואם. דעם טאַטנס א וואָרט איז געווען א געזעץ!

און ווער זעט ניט אימשטיינס־געזאָגט די איבערגעגעבנקייט און די סענטי־מענטן פון די היינטיקע קינדער, פון די דאָקטוירים, אינזשיניערן און אַדוואָקאַטן?

אָבער ס׳איז קיין וואונדער ניט, טראַכט ער ווייטער. די קינדער פון דער אַלטער היים זיינען פון דער פריסטער יוגנט אָן דערצויגן געוואָרן צו א האַרט לעבן, דאַ־ריבער האָט יעדער מילדער בליק, יעדער שמייכל, יעדער צוקערל, יעדע נייע זאַך וואָס מ׳פלעגט זיי געבן אַרויסגערופן א פרייד, א יום־טוב ממש. יאָ, ער יצחק אַליין האָט ניט איין יום־טוב׳דיקע שטימונג אַזעלכע איבערגעלעבט. ניט איין מאָל האָט ער אַליין צעריסן זיינע הויזן, אָדער אַרויסגעריסן דעם דאַשעק פון היטל, אַבי צו קענען פילן אַזאַ יום־טובדיקייט אויף דער נשמה.

און דאָ, דאָ טראַכט ער, באָדן זיך די קינדער אין עשירות און אין אַלערליי ווילטאָגן.

דאָס רחבות, דאָס גוטס, מיט וועלכן זיי פרעסן זיך איבער, פאַרדאַרבט זייערע הערצער, וועלכע ווערן אָפּטמאָל ניט קורירבאַר.

זיי זיינען ביי זיך אַזוי שטאָלץ מיט זייערע דיפּלאָמען, אַז זייער גאוה דערגייט א סך מאָל ביז משוגעת. בכלל איז גאוה שגעון, און דעם דאָזיקן שגעון איז זייער שווער צו פאַרמיידן.

ער האָט ניט מער קיין האָפנונג, אַז זיינע קינדער וועלן בעסער ווערן.

ס׳איז אים א ווייטיק אין האַרץ און אויך א חרפה און א בושה צו טראַכטן וועגן דעם, אַז ער אַליין מיט זיין עשירות האָט אויפגעשטעלט א מחיצה צווישן זיך און זיינע קינדער.

ער פאַרקוועטשט די אויגן שמונה־עשרה׳דיק, א רויטע פאַרב באַגיסט זיין פנים, אויף וועלכן ס׳נעמען זיך קייקלען פּערלדיקע טרערן, טרערן פון אַן אַלטן איינזאַמען טאַטן, וועלכער גייט אויס פון בענקשאַפט נאָך א מילד, גוטמוטיק וואָרט פון זיינע קינדער. נאָך אַביסעלע וואַרעמקייט, נאָך אַביסעלע איבערגעגעבנ־קייט. נאָר לײדער, בלייבט ער בלויז מיט זיינע טרערן.

חדוה

דער פרימאָרגן איז א ליכטיקער, א שיינער, א צעפלאַמטער, גלייך דער זומער וואָלט מיט כח געוואָלט אין זיינע לעצטע טעג זיך באַווייזן אין דער גאַנצער שווי־מיקער פראכט, אין דער גאַנצער רחבותדיקייט. דאָס שמאַלע, קרומע, שול־געסל, וועלכעס האָט נאָר וואָס אראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם נאַכט־מאַנטל איז שוין אָנגע־פילט מיט קינדער...

האַלב־נאַקעטע, פאַרשמירטע מיט צעשויבערטע האָר, לויפן זיי — איינס מיט א צעקוועטשט שטריצל אין האַנט פון וואַנען עס קאַפּעט שוואַרצער יאַגדע־סאָק; א צווייטס מיט א דאַר שטיקל ברויט און א קאָפּ פון א הערינג, א דריטס מיט אַן אייל אָדער מאָן־פּלעצל און אַנדערע מיט ביילע רייזלס אייער־בייגעלעך. אַלץ זינגט און שפּרינגט אונטער. אין אַלע אייגעלעך נעסטעט א פריילעכער גלאַנץ. אַלץ פרייט זיך מיט די שיינע לעצטע זומער־טעג. ווייל ווי נאָר ס'קומט אָן דער הערבסט מיט די גרויע טעג, מיט די ווינטן און רעגנס, ווערט ס'קליינוואַרג פאַרשפּאַרט אין די שטובן, און כאָטש שטעל זיך אויפן קאָפּ, כאָטש צערייס זיך אויף שטיקער קען מען אויך גאָרניט אויפטון.

מען מוז זיך באַגנוגענען צו זען גאַטס וועלט דורך די פאַרלאָפּענע פון פאַרע שויבן, ווי פון א תפיסה. קום אהער, פריידעלע, שפּיל זיך מיט אונדז! רופט אויס משה'לע, דורכרייטענדיק אויף א בעזים נעבן איר שטוב. זיץ ניט ווי אַן אַלטע באָבע אויף דער שוועל. א נו, ריר זיך, קום, נא דיר א שטעקעלע, וועסטו זיין די אָנטרייבערן און איך דאָס פערדל — היידא, קום! היידא, קום גיך — קוקו! קוקו! קוקו! הערסט ס'רופט אין וואַלד די קוקאַווקע! קוקו! קוקו! הערסט זי רופט? שרייט ער הויך, שטייענדיק שוין ווייט פון איר. קום — קום רופט ער נאָכאַמאָל,

און ניט ארויסנעמענדיק די צוויי פינגער פון מויל רייט ער און פייפט. ר'רייט שנעל אויפן בעזים, און פייפענדיק, בויגט ער ס'קעפל אויף רעכטס און אויף לינקס, באפענדיק דערוויל בגנבה א קוק, דא אויף פריידעלען, אָדער חדוה, ווי איר מוטער רופט זי, און דא אין דער זייט פון זייער שטוב, צי דער טאטע גייט נים אמאל, צי ער קומט ניט טרייבן אין חדר אריין. אוי דער חדר, ער האָט פיינט אין אזעלכע שיינע טעג צו זיצן אין חדר. ער האָט פיינט דעם רבין, און נאך ערגער די רביצין, וועלכע זעצט אים אוועק ביים ווינל און הייסט, און פארלאנגט פון אים אי וויגן כ'קינד, אי אָפּהיטן ס'פלייש וואס ליגט אויפן זאלץ-ברעטל, אז די קאץ זאל נים צו גיין. ברררר!!! ער האָט זיי אלע פיינט אין אזעלכע שיינע טעג. קוקו! קוקו! הערסט? פריידעלע? קוקו! ס'רופט די קוקאווקע! קום, דער בעזים איז גענוג לאנג, וועסט אויך האָבן פלאץ. וועסט אויף אים קענען רייטן, אין צווייען וועט זיין הייטער. ריר זיך, קום, ווילסט מ'זאל דיך בעטן? מ'זאל דיך דוקא א בעט טון? קום שוין באבע יאגע! שרייט ער, דורכרייטענדיק צום צווייטן מאל.

פריידעלע, א שווארצע, מיט א בלייך טונקל פנים און גרויסע ברוינע צע־שראָקענע אויגן, הערט אפילו ניט וואס משה'לע רעדט צו איר. זי זיצט א פאר־קוקטע אויף אירע צעריסענע שיכלעך, און ציפענדיק דאָס גראָבע פוס-פינגערל, וואס קוקט ארויס פון אָפענעם שיכל, הערט זי ניט אויף אריינצוקלערן אין דעם מעשה'לע, וואס איר מאמע האָט איר נעכטן פארגעלייענט פון דעם קליינעם ביכעלע מיט די רויטע טאָוועלעך, וואָס דער פעטער יוסף האָט איר געשענקט אלס מתנה צו איר געבורטסטאג. — אוי! אוי ווי שיין עס זיינען די מעשה'לעך פון יענעם ביכעלע! אָבער נאך שענער וואלט געווען, ווען זיי זאלן זיין וואָר. ווען צו זיי אין שטוב קומט אויך אריין א מלאך, אזא גוטער מלאך, אזעלכער ווי עס איז געקומען צו לילי, אזא: מיט הימל־בלויע אויגן, העל־בלויע פעלערינע, שניי־ווייסע פליגלען און א גאלדענער קרוין אויפן קאפ, פונוואנען עס פינקלען, און שיינען פארשידן־פארביקע גלאנציקע שנירעלעך מיט שטיינער און פערל, אלע קאלירן קרעל און פליטערלעך. אוי ווי גוט ס'וואלט געווען, ווען אזא מלאך קומט אריין צו איר, און לאָזט איבער ס'זעלבע זעקעלע, דאָס כישוף־זעקעלע ווי ביי לילי.

זי, זי וואלט פארן געלט פון זעקעלע געקויפט קודם כל א פאר נייע שיך פאר דער מאמען, — מילא זי — ס'שאדט ניט וואס זי טראָגט צעריסענע שיכלעך, עס וואלט קיין אומגליק געווען ווען זי גייט איינגאנצן באָרוועס. זי איז נאך א קליין מיידעלע, אָבער די מאמע די מאמע איז דאך א גרויסע. זי, די מאמע קען דאך

גיט גיין בארוועס, ניין, זי קען ניט, זאָגט פריידעלע שטיל צו זיך זעלבסט. יאָ, קודם א פּאָר שיך פאר דער מאמען, דאן איר א פּאָר שיכעלעך, ניין, ניין, בעסער דער מאמען א שייטל, ווייל דאָס וואָס זי טראָגט איז שוין אָנגעבלאַקירט און אויסגע־צווינן ווי א געץ. און שפּעטער, אז ס׳וואָלט געבליבן געלט, וואָלט זי זיך געקויפט א פּאָר שווארצע לאַקירטע שיכעלעך מיט א, א, שיין רויט מאַנטעלע און א ווייס וואָלן היטעלע מיט א רויטן קאַנט און אין דער זייט — א לאַנגן רויטן טראָלד, פּונקט אזוי ווי יוכבדל די העניעס איניקל — נו, אויב ס׳וועט ניט סטאַיען ס׳געלט, טאָ זאָל זיין אָן א היטעלע, זי פריידעלע האָט דאָך ניט אזעלכע רייכע זיידעס ווי יוכבדל. עפּעס א קלייניקייט, איין זיידע ר׳ שמואל העניע, דער צווייטער, דער גערער רבי! זאָל שוין זיין אָן א מאַנטעלע אויך, טוט זי א מאַך מיטן הענטל, — זאָל זיין פאר איר בלויז א פּאָר פּראָסטע בראָמענע שיכעלעך, אזעלכע, ווי זי טראָגט, וואָס די מאמע האָט איר געקויפט פאראיאָרן אויף פּסח אין דעם קליינעם קעלער־געוועלב ביי אדלערן, דאָרט אויף מענדל פישיס טראָטואר. זאָל זיין די ערגסטע, די מיאוסטע אבי זי זאָל ניט דאַרפן זיין דעם גאַנצן ווינטער פארשפּאַרט אין שטוב... אוי! אוי ווי זי האָט ליב די ווייסע ווינטער־וועלט! אויסערגעוויינלעך שיין איז זי, די ווייסע ווינטער־וועלט! שענער ווי די שענסטע ליאַלקעס!

ארום און ארום ווייס. ווייס ווי ווייט ס׳אויג קען נאָר דערגרייכן.

אזוי איז זי ניט קיין לויפערקע, אָבער א שניי־מענטש האָט זי שטאַרק ליב צו מאַכן. אוי, וואָס פאַרא שיין און געשיקט מייזעלע ישראליק האָט פאראיאָרן ווינטער אויסגעקנאָטן פון שניי, פּונקט ווי א לעבעדיקס האָט עס אויסגעזען. מילא — ישראליקס טאַטע־מאַמע זיינען רייך, זיינען גרויסע נגידים, האָבן זיי געבראַכט פאר אים פון ווארשע, אזש פון ווארשע א לערערקע, וואָס לערנט אים מאַכן פון גאָפּיר א פליער, א פליער וואָס זעט אויס ווי א בלום. זי לערנט אים אויסקנעטן פון ליים א הייזעלע און פון שניי א מייזעלע. אָבער ווער וועט זי לערנען? ווער? — יפצע דאָס פארטראַכטע קינד.

ניין, ס׳איז ניט אזוי שלעכט, טרייסט זי זיך באַלד אליין. יאָ, זי וואָלט געהאַט ווער ס׳זאָל זי לערנען. די מאַמע אירע איז נאָך הונדערט מאָל מער קענערקע ווי ישראליקס לערערקע, די מאַמע אירע לייענט אירע ביכעלעך. אזוי שנעל, אז מ׳קען ניט דערכאַפּן מיטן אויער.

ניט נאָר אין די קליינע קינדער־ביכעלעך קען זי אזוי גיך און פליסיק לעזן, יאָר אפילו אין דעם גרויסן, גראָבן סידור וואָס זי נעמט ארויס פון שאַנק יעדן

פּריטיס נאָכן ליכט־בענטשן, לעזט זי אויך שטאַרק שנעל. ניין, ניין, פון סידור וויל זי זיך ניט דערמאָנען, זי האָט אים, דעם סידור, ניט ליב, ווייל איר מאַמע וויינט ביטער, ווען זי לייענט אין אים.

ס׳איז דאָרט אודאי דאָ א טרויעריקע מעשה; ניט איינע, נאָר א סך, א סך טרויעריקע דערציילונגען: פון א מיידעלע, וואָס האָט פאַרבלאָנדזשעט אין וואַלד, אָדער פון א וואָלף, וואָס האָט איינגעשלונגען דעם וואַלד־היטערס יינגעלע, ווייל ער איז געווען א תמיד צעפּיעשטשעטער און ניט געוואָלט עסן, אָדער אפשר גאָר נאָך ערגערס, פון שווארצע קוימען־קערערס, וואָס ריסן אײַן ס׳פּנים און קײַנמאָל ווערט עס שוין ניט מער ווייס, אויב מ׳פאָלגט ניט דער מאַמען... אלענפאלס, ווייסט זי, אז אין סידור איז ניט דאָ קיין פריילעכעס, ווייל ווען ניט, וואָלט די מאַמע ניט געוויינט, באַלד ביים אויפמאַכן אים. ניין, ניין, די מעשיות פון סידור זיינען איר איצט ניט וויכטיק, זיי זיינען איר איבערהויפּט ניט אינטערעסאַנט, אָבער פאַרוואָס איר מאַמע רופט זי אַנדערש, ווי אַלע מענטשן, דאָס וואָלט זי יאָ געוואָלט וויסן. זי וואָלט געוואָלט וויסן פאַרוואָס, ווען איר מאַמע קושט זי און דריקט זי צו איר ברוסט, רופט זי זי ניט פריידעלע, נאָר חדוה. און נאָך איינס וואָלט זי געוואָלט וויסן, צי איר מאַמע האָט שוין אויספאַרקויפט דעם גאַנצן קויש בייגל, וואָס זי נעמט יעדן טאָג ביי משה זיסקינד, און צי זי וועט שוין באַלד אהיימקומען, ווייל עס הונגערט זי שטאַרק. זי הערט ווי עס רוישט איר אין בויך, ווי עס וואָלט עפּעס געפּייפט אינעווייניק, ווי ס׳וואָלט דער מאָגן זיך געבעטן. גיב מיר עפּעס צו עסן. אוי! ווי ס׳הונגערט! אוי! א־א — צעגענעצט זיך פריידעלע.

צוויי גרויסע ווארעם־געזאַלצענע טרערן פאַלן אויפן קרעטענעם קליידעלע, אָבער זיי טריקענען ניט איין, נאָר הויבן זיך אויף, הויבן זיך אויף הויך, הויך און פליען וואָס אמאָל העכער, העכער און העכער, און ווען זיי קומען שוין נאָענט צום הימל, טוישן זיי זיך אין שניי־ווייסע טייבעלעך, מיט העל־גאָלדענע שנאָבעלעך. דאָרט פליען זיי אריין דורך א גאָר קליין כישוף־פענסטערל גלייך אין הימל, און מיט כבוד שטעלן זיי זיך אוועק פאַר דעם קינדער־מלאך און בעטן אים, אז ער זאָל נעבן פריידעלען אַלץ וואָס איר איידל פיין הערצעלע גאַרט און באַגערט...

און ניט נאָר ער, דער קינדער־מלאך קומט נאָך איר באַגער, ניט נאָר ער דערפילט איר בקשה דער גוטער קינדער־מלאך, נאָר ער בענטש זי, אז זי זאָל אייביק זיין איר מוטערס חדוה און אויך די חדוה פון אסטראָוועצער קינדערלעך...

דער פארמשפטער

ווען דבורה'לע איז א מידע, נאך א גאנצן טאג ארומוואנדערן איבער דער שטאט מיט אן אויסגעשטרעקטער האנט, בעטנדיק א נדבה, בכדי צו קענען ראטע־ווען איר קראנקע טאכטער — אריין אין טויער פון דעם קליינעם יידישן בית־עולם, האט די זון שוין געהאלטן ביים זעצן זיך. די שטיקער טונקעלע וואלקנס, וועלכע האבן זיך אויסגעמישט מיט דער פארצערטער ליכט פון ברייטן האריזאנט פון הימל, האבן זי פארטריבן צום סאמע עק, פון וואנען זי האט שוין געזאלט גיין אין איר נאכט־נעסט אריין...

דבורה'לעס בליק פאלט אין יענער זייט, ווו די גרויסע, רויטע זון שמייכלט מילד, און ווארפט א פורפור־ליכט אויף בארג און טאל, און נאך גאנץ פון דער־ווייטנס זעט שוין דבורה'לע, אן שום אנשטרענגונג, אן שום באזונדערער שוועריקייט, די אויפשריפט אויף דער מצבה פון איר פאטער, ווי אויך דאס שכנות'דיקע קבר פון איר היים־געליבטן מאן, פון איר גוטן און געטרייען אברהם'עלע...

מיט אן איינגעהאלטענעם אטעם שלייכט זי זיך צווישן די ענג־צוזאמענגע־שטעלטע מצבות, און צוקומענדיק שוין הארט נעבן דעם פרישן קבר — פארשטעלט זי ס'פנים מיטביידע הענט, און לאזט זיך אראפ אויף דעם געל־גרויען בערגל זאמד, וועלכעס איז נאך פריש אנגעשאטן, אן א גרעזעלע און אן א בלימעלע.

א לענגערע ווײַלע הערט זיך בלויז א פארשטיקט שלוכצן, און דאן הויבט זי אן אויסגיסן איר ביטער הארץ.

אך, ווי דאס לעבן איז גרויזאם, זאגט זי, און עס ביילן זיך אירע פויסטן פול מיט צארן און פראטעסט קעגן די אלע, וואס פארמיאוסן אזא שיינע וועלט, וואס פארטווישן די קרישטאל־ריינע טייכן אין שטראמען בלוט.

מלכה אפעלבוים

א בארבארישער ווילן, א סאדיסטישער באגער האָט אויסגעבראָכן אין א ווילדער וולקאנישער קראפּט, און וואָס אמאָל ווערט ער שטאַרקער, ריזיקער, קאָכעדיקער.

פינסטערניש, חושך פארהילט די שיינע, פּראַכטפולע ליכט.

אך, אברהם׳עלע! ווען דו זאָלסט וויסן, ווי איך בין דיך מקנא, ווי עס איז מיר שרעקלעך ענג אויף דער נשמה... ווי עס בלוטיקט אין מיר מיין הארץ, ווי איך טרינק זיך אין א מבול פון שאנדע, וואָלסטו אין קבר רואיק ליגן ניט געקענט. איך בין ממש איפעו זיכטיק, וואָס דו האָסט שנעל זיך אָפּגעפּארטיקט מיט דיינע ליידן, וואָס דו ליגסט זיך איצט שוין רואיק, ווערסט ניט געפּייניקט, געטריבן, און זעסט אויך ניט דאָס זעלבע ביי אנדערע. דו זעסט אויך ניט, ווי צירעלע וועקט זיך פארטאָג פון שלאָף, און פון הונגער קען זי מער ניט איינשלאָפן.

זי קוועטשט זיך צו הארט צו דער פיבערדיקער רבקה׳לע געוויס מיטן מיין, אז ניט פילנדיק די נאָסקייט פון דער קעלער־שטוב ליגנדיק אין דער ווארעם, וועט זי אפשר גיכער קענען איינדרעמלען, און ניט פילן א ווײַלע, ווי עס קאָרטשען זיך אין איר די אויסגעטריקנטע קישקעס פון די לאַנגע חדשים ניט דערעסן. און איר, איר מתים, איר אבות שווייגט, ווי קיינמאָל גאָרניט. ביי אייך דאַרט אויף דעם עולם־האמת כ׳ לט מען דאָך יאָ דעם אינערלעכן שטראָם פון גערעכטיקייט, טאָ פארוואָס שווייגט איר? פארוואָס זעט איר ניט אָפּצושטעלן די דאָזיקע פארברעכנס? פארוואָס רייסט איר זיך ניט אריין אין די הויכע הימלען און שרייט, און ליארעמט אויף דעם צאָרן, וואָס גיסט זיך און פארשלינגט די וועלט, פארוואָס טוט איר גאָרניט?

איר האָט ניט קיין רעכט צו שווייגן און ליגן זיך רואיק, אין דער צייט ווען עס ווערן געקוילעט אזוי פיל יונגע אומשולדיקע לעבנס אָן א פארוואָס.

צי הערט איר ניט דעם וויטיקלעכן קרעכץ פון די אלמנות און יתומים, וואָס באַוויינען שטיל און ווירדיק זייערע איינציקע שטיצער און פארזאָרגער? פארוואָס מאָנט איר ניט קיין גערעכטיקייט פאר די אומשולדיקע קרבנות? פארוואָס־ פארוואָס? א שוים, א ווייסע קאָכעדיקע שוים פילט אָן איר מויל, א בינטל רויט־בלויע אָדערן ציען זיך אָן אויף איר האלדז, טרערן, גרויסע בלוטיקע טרערן קייקלען זיך אויף איר איינגעפאלענעם פּנים, און פיל פראגן און פּראָטעסטן בלייבן הענגען אין ער שטילקייט פון בית־עולם...

דבורה׳לע, א מידע, א צעבראָכענע, אָבער אביסל א פרייערע, א געטרייסטע, וואָס איר מאַט, איר גיין אייגרייסן ביי די הייליקע אבות וועט האָבן אָן אָפּקלאַנג, און די געהעריקע ווירקונג, האָט זיך אויפגעשטעלט פון איר מאַנס קבר, אָפּגעריי־

גיסט איר צעריסן אָפּגעבליאַקעוועט קלייד פון זאמד, אריינגערוקט טיפער דעם שאל אויפן שטערן, אויסגעריסן א גרעזעלע און עס אוועקגעלייגט צוקאָפּנס פון איר מאַנס קבר, אלס צייכן, אז זי דבורה׳לע איז דאָ געווען, אז ער זאָל געדענקען צו זיין איינרייסן וועלטן, און ברענגען א ישועה פארן גאַנצן יידישן פאָלק בכלל, און פאַר זיין רבקה׳לען בפרט...

לאַנג, לאַנג איז זי נאָך געשטאַנען אָן א וואָרט ארויסצורייזן. א שטילער פאַר־נאַכט איז עס געווען, ווען עס נאָגט באַזונדערס ביים הארצן, אין אזא איינזאם ווינקל — פאַר דעם אָנבליק פון רייען מתים.

צוריקגייענדיק פון בית־עולם האָט דבורה׳לע נים פארגעסן ווי יעדן טאָג אין אָוונט צו קויפן פאַר דער קראַנקער רבקה׳לען אביסל מילך, מיט א שטיקל פּוטער.

אוי גאָטעניו! שיק א רפואה פאַר מיין אָרעם קינד. איך קען שוין נים צוזען ווי זי פּייניקט זיך נעבעך, ווי עס מאַטערט זי דער הוסט, און ווי עס הויבט זיך בעת מעשה האסטיק און שנעל איר איינגעפאלענער ברוסט־קאסטן, אויך ווי דער־שראָקן זי קוקט אין טיכל נאָכן אויסשפּייען.

אוי גאָטעניו! העלף! שעפּטשעט זי שטיל, און פארדעקט דערווייל מיטן שאל דאָס פלעשל מילך מיטן שטיקל פּוטער, ווייל ס׳לעצטע איז שטרענג פארבאָטן צו פארקויפן אָן א קארטע. און ווען מען טרעפט דאָס איצט ביי איר, וואָלט זי געהאַט א גרויסע שטראָף, און מאַנעס גייסט דעם פּאַכטשאַרזש וואָלט מען נעבעך פארפּיי־יקט צום טויט, מ׳וואָלט אים גלייך געשיקט אין אויוון.

זי איז געגאַנגען שנעל, פול מיט מורא, אָבער אויך מיט בטחון, און נים געוווסט, אז א ביטער אומגליק, א געדיכטע פינסטערניש איז שוין געהאַנגען איבער איר הויז, ווי א ברייט צעעפנט מויל פון אן אָפּגרונט.

גיין, גיין כ׳וויל נים מער לעבן, האָט זי מיט א צער־פולער שטים אויסגערופן, אוועקווארפענדיק דאָס פלעשל מילך אויף דער שטיינערנער פּאָדלאָגע.

זי האָט אראָפּגעשלעפּט דאָס ליילעך פון בעט, און א גרויל בילד האָט זיך אנטפּלעקט.

אין א קאלוזשע בלוט איז געלעגן די אויסגעמאַטערטע רבקה׳לע מיט פאַר־מאַכטע אויגן.

אויף דעם געל־וואקסענעם פּנים האָבן זיך נאָך דרייטלעך, געמערקט די שטריכן

פון א ווייטיקלעכן, שרעקלעכן שמערץ, פון א ווייטיקלעך־ביטערער גרימאסע וואָס האָט אויסגעקרימט ס׳מויל. די האָר צעוואָרפן און אויפן ברוסט־קאסטן א זעקעלע איז.

ווייזט אויס, אז די שכנים האָבן אוים מורא׳דיקער איבעראשונג פארן פארדעקן דעם טויטן קערפער, פארגעסן עס אראָפצונעמען...

יאָ, איך האָב זיך נעבעך תמיד געשראָקן פאר א בלוט־שטורץ. איך האָב גע־ווּסט, אז מיין קינד איז שווער קראנק, אָבער טיף אין הארצן האָט געטליעט א האָפנונג, א קליינער פונק פון האָפנונג, אז א נס וועט געשען, און מיין קינד וועט געזונט ווערן. איך האָב ניט געגלויבט, אז דער גורל קען זיין צו א מענטשן אזוי גרויזאם; אז ער קען אזוי צעברעכן, האָט געיאָמערט די פארביטערטע דבורה׳לע, און געריסן פון זיך שטיקער...

איינציקווייז ווערט אָבער ס׳געוויין וואָס אמאָל שטילער, ווי עס וואָלט זיך דערווייטערט, און בלויז געלאָזט נאָך זיך א קוים הערבארן עכאָ אין דער נאכט־שטילקייט.

און עס דאכט זיך, אז דאָס איז גאָר ניט קיין געוויין. נאָר א פארוואורף דער וועלט, און אפשר דאָס אויך ניט — נאָר גאָר א שטיל נאָגנדיק ברומען פון א גע־שאָכטענער חיה

א נאכט־ווינט האָט א בלאָז געטון. שטיקער טאָוול, שטיקלעך פאפיר האָבן זיך געשאַרט אונטער די פענסטער ווי לעבעדיקע ברואים, און עס האָט זיך דבורה־לען אויסגעוויזן, אז מען רופט זי, מען רופט זי ארויף דאָרט אויבן אין הימל, אז זי זאָל מיט א מוטערלעכער זאָרגפעליקייט אויסבעטן א וואָרעם געלעגער פאר דער בלוטלאָזער רבקה׳לען, וועלכע ליגט א פארשטייפטע פון טויט־קעלט.

א שטאַרקע, געהיימע קראפט האָט זי אומבאמערקבאר ארויסגעצויגן פון שטוב, און איידער וואָס ווען, האָבן שוין די שכנים, וועלכע האָבן געהאלטן אין איין באַ־רואיקן די קליינע פארצווייפלטע צירעלע, דערהערט — א שטאַרקן קלאפ, וואָס האָט געמאכט ביי אלעמען אָפשטעלן אויף א ווילע דאָס הארץ. און ווען מען איז ארוים אין הויף, האָט מען שוין דבורה׳לען געטראָפן אויף די שטיינער מיט א צע־

ג י י ע   א ו ן   א ל ט ע   ה י ו ם

שמעמערטן קאָפּ, פון וואַנען עס האָבן געפּלאָסן אין עטלעכע ריכטונגען דינגע שנירעלעך בלוט...

לויט דעם צושטאַנד אירן, זעט אויס, אַז זי איז אראָפּגעשפּרונגען פון בוידעם, פון דריטן שטאָק, האָט געזאָגט דער דאָזאָרצע פון הויז, וועלכער האָט זי געהאַלטן פאַרן דופּק...

נערוועאיש ביז משוגעת האָט דער הויכער, בלאָנדער מאַן מיט די הימל־בלויע אויגן געשפּאַנט איבער דער קויטיקער, שמאָלער תפיסה־קאַמער, און בייסנדיק די פינגער ביז בלוט, האָט ער ניט אויפגעהערט קלערן וועגן זיין פאַמיליע, וועגן זיין ליבער אנא, וועגן זיינע צוויי גאָלד־האָריקע הומאָרפולע קינדערלעך, וועלכע זיצן געוויס איצט טרויעריקע, דערשלאָגענע און פאַרוויינטע, ווייל פונקט ווי ער, ווייסן זיי אויך, אַז זיין גורל איז אַ געחתמ'עטער, אַז מ'וועט אים זיבער פאַרמשפּטן, ווייל יעדעס מאָל, אַז מען פלעגט אים חושד זיין אין יידישער אָפּשטאַמונג, האָט ער זיך מיט זיין שאַרף צינגל ארויסגעדרייט.

אַ סך מאָל האָט ער אפילו געהאַט שטאַרקע געוויסנביסן אָבער ס'איז אים דאָך געווען שווער צו שיידן זיך מיט זיין הויכן אַמט אַלס אויבער־קאָמאַנדיר. אָבער איצט, איצט וועט שוין גאָרניט פועלן. איצט ווייסן זיי קלאָר, אַז דאָס נעמען צו זיך צו דערציען אַ יידיש קינד, איז די פרוכט פון יידיש בלוט, וואָס פליסט אין זיינע אָדערן. יאָ, יידיש בלוט, יידיש בלוט!

יום באַדויערן מוזט איר זיך מיין אָרעמע אנא און זיסע קינדערלעך מיינע, ווי אויך די עלנטע צירעלע, זוכן און שאַפן אליין אַ עקזיסטענץ־מעגלעכקייט, ווייל איך בין אַ פאַרמשפּטער, אַ פאַרמשפּטער האָט ער פון שטאַרקער אויפרעגונג אַזוי הויך געשריגן, אַז דער עבֿאָ פון די פוסטע ווענט האָט אָפּגעקלונגען ווי אַ קדיש, אַ צערפולער קדיש נאָך אַן אומשולדיק פאַרמשפּטן צוליב יידיש בלוט.

וווהין?

ס׳איז א קילער הארבסט בין־השמשות, דער הימל איז זייער שווער פאר־וואָלקנט, די לופט איז אָנגעזאפּט מיט פייכטקייט ווי א נאסע שוואָם, מען פילט אויף די אקסלען די שווערקייט פון באראָמעטרישן דרוק... מענטשן גייען איבער די גאסן מיט אייליקע טריט. נאָר זי, שרה׳לע, איז געגאַנגען מיט אזא גאנג, וואָס אלע אנטקעגנגעקומענע האָבן זיך פאר איר געדארפט שרעקן, מורא האָבן...

אלע האָבן איר געדארפט אָפּטרעטן דעם וועג, ווי עפּעס א הייליקער.

זי איז געגאַנגען א טריט ביי א טריט און מיט ברייט פונאנדערגעעפנטע אויגן געקוקט אין א ציללאָזער ווייטקייט.

דאָס הארבסטיקע ווינטל האָט זיך גענומען שטארקן. ס׳האָט חוצפּה׳דיק אונטערגעבלאָזן די שאַל אויף אירע פּלייצעס, און האָט אָפּגעדעקט איר קאָפּ.

דאָס דרעמלענדיקע קינד, וועלכעס זי האָט געהאלטן אויף דער האַנט האָט זיך פון די ניט אנגענעמע, בלאָזענדיקע פייכטקייט איבערגעוועקט, און געגעצענדיק פויל האָט עס זיך מיטן קעפּל הארט צוגעשפּארט צו איר באַק.

דעם קינדס קעפּעלע טוט שרה׳לען א ברי אין הארץ. זי דערפילט די גרויסע געפאר. זי ווייסט, אז אויב זי וועט ניט פארשנעלערן אירע טריט, בכדי צוצוקומען וואָס גיכער צו עפּעס א הויז, צו א שטוב, ווו זי זאָל קענען איר קינד אביסל דער־ווארעמען און געבן עפּעס צו עסן, וועט עס חלילה ניט אויסהאַלטן, ווייל פון באַלד אין דער פרי אָן גייט זי אזוי מיטן קינד אויף די הענט גאס איין, גאס אויס, אָן א פּלאן, אָן א באַשטימטן ציל, אָן א פּאָראויסגעזעענעם וועג...

און דאָך, דאָך שטעלט זי ווייטער די זעלבע דראָבנע טריטעלעך, נאָך אפשר דראָבנערע און גייט פאָרזאָרגט — גאַפּענדיק זיך מיט א כמעט פאַרשטאַרטן בליק אויף אלעמען און אויף אלץ ארום זיך...

אויף אלץ און אלעמען קוקט זי מיט א פאַרגליווערטן, אָבער גלייכצייטיק בעטענדיקן בליק, גלייך ווי אירע אויגן וואָלטן פרעגן: זאָגט מיר, כ'בעט אייך, וווהין אנטלויפט מען? וווהין באַהאַלט מען דאָס דאָזיקע טייערע קינד, דאָס אַזוי אומשולדיקע קינד, וווהין? דערבאַרעמט אייך און זאָגט מיר, וווהין? וווהין? וווהין — הערט זי ניט אויף צו בעטן.

אַט פילט זי פּלוצלינג א שטאַרק רחמנות צו איר קליין קינד, און אפילו צו זיך גופא אויך. און באַלד ווידער פילט זי, ווי די גאַנצע וועלט איז איר איבעריק, ווי אלץ וואָס זי זעט און הערט איז איר ווידערוויליק, מיאוס און דערעסן, כאָטש נעם און טו א שפּיי אויף אלץ און אנטלויף אין א וויסטער מדבר אריין.

דער ווינט האָט זיך נאָכמער גענומען שטאַרקן אקעגן נאַכט. דעם קינדס פּנים'ל האָט זיך שלאָפענדיקערהייט שטאַרק פאַרקרימט, פאַרצויגן א ביטערע גרימאַסע...

ס'גאַנצע קערפּערל האָט זיך גענומען קאַרטשען, די באָרוועסע בלויע פון קעלט פיסעלעך האָבן זיך אלע ווײלע ארויסגעגליטשט פון הינטער דעם דינעם שאַל, דערפילענדיק אָבער די שניידענדיקע קעלט האָבן זיי זיך שנעל צוריק־געצויגן, געקלאַמערט ארום שרה'לעס טאַליע און נאָגענדיק איר פּנים, האָט עס פון צייט צו צייט אויסגעבראָכן אין א ביטער פאַרשטיקט שלוכצן, וועלכעס האָט שרה'לען ווי פון א שווערן לעטאַרג־שלאָף אויפגעוועקט.

זי האָט מיט דער פרייער האַנט פאַרדעקט דעם קינדס נאַסע פּנים'ל און מיט די אויגן האָט זי א זוך געטון אין אלע זייטן און אָרט, עפּעס א שטוב, ווו זי זאָל קענען אָפּראַטעווען איר קינד, יאָ, אָפּראַטעווען איר איינציק קינד פון א זיכערן טויט.

זי האָט גענומען פאַרשנעלערן די טריט, ממש לויפן, ווייל דעם קינדס געוויין האָט זי ווי מיט נאָדלען געשטאָכן, געשטאָכן ביז בלוט פּשוט.

און באַלד האָט זי פונדערווייטנס דערזען ווייס געקאַלכטע מויערלעך... יאָ, כ'בין נאָענט צום ציל. סטײמש ווער וועט דען איר וואָגן אָפּצוזאָגן אויף א גאָר קליינער ווײלע א דאַך איבערן קאָפּ. יאָ, זי איז שוין גאָר נאָענט. אָט זעט זי שוין אפילו די צלמים אויף די אלטמאָדישע שפּיציקע דעכער פון די הילצערנע שטיבלעך. פון ערגעץ האָט געזעצט א וואַרעמער ריח, ווי פון א קיך אין וועלכער

מען קאכט תמיד באָרשטש מיט קאַרטאָפל. און וואָס נעענטער זי איז צוגעקומען, האָט זי דאָס אַלץ דייטלעכער געזען. יאָ, זי איז שוין נאָענט צו די „פּיאַסקעס״. אָט זעט זי שוין פונדערווייטנס משה פּעטשקיס הויז. יאָ, ס'איז די פּיאַסקיס, אַלע שטיבעלעך זיינען געוועזן פון דער זעלבער גרויס, זיי האָבן זיך געקייטלט מיט שמאָלע, פאַרלאָזטע קאָרידאָרן. איין פענסטער איז געווען שטאַרק באַלויכטן. אינעווייניק, פונקט אנטקעגן פענסטער האָט זיך געהייצט אין א גרויסן באַק־אויוון. אין דער נאָז האָט געקיצלט דער ריח פון נאָר וואָס פריש געבאַקענעם ברויט, געשמאַק ברויט מיט קימל. לינקס ביים ברונעם שטייט א געזונטע פּויערטע און וואַשט און רייניקט א מולטער פון קלעפּיקן טייג. נעבן איר שטייט א ייִנגעלע מיט א פאַרוויטלט פּנים'ל, א סימן, אז אין דער שטוב פונוואַנען ער איז נאָר וואָס ארויסגעקומען איז געגנוג וואַרעם — טראַכט שרה'לע —

אָט א נאָך איין שפּרונג און איך בין שוין, שוין דאָרט, כ'בין שוין אינעווייניק.

זי כאַפּט א בליק אויף איר קליין ציטערדיק ייִנגעלע מיט די פּעך־שוואַרצע הערעלעך און ביר־אויגעלעך און יעדער אבר צעזינגט זיך אין איר שיר־השירים־דיק... א ס'איז מיר גוט! ס'איז מיר זייער גוט! אָט אזוי איז מיר זייער גוט — הא הא הא צעלאַכט זי זיך ווילד. זאָג יאָסעלע, זאָג, טרייסלט זי איר פאַרחלשט קינד, זאָג יאָסעלע, זאָג, זאָג יאָסעלע, צי זיינען זיי דאָרט אין די הויכע הימלען אונדז איצט ניט מקנא? יאָסעלע, זאָג, זאָג! יאָסעלע, יאָסעלע, שעפּטשען וואָס אַמאָל שטילער אירע ליפּן און עס שליסן זיך אירע דערשראָקן־פריידיקע אויגן...

ווו איז מיין קינד, ווו איז מיין יאָסעלע, איז געווען איר ערשטע פראַגע, ווען זי האָט אויפגעמאַכט אירע אויגן. כא כא כא האָט זי זיך משוגה'דיק צעלאַכט צום מאַן אין ווייסן פאַרטוך, וועלכער איז געשטאַנען ביים בעט. ער האָט קלוג געטון מיין יאָסעלע, זייער קלוג געטון וואָס ער איז אנטלאָפן, ווייל א שלעכט מזל האָט ער געהאַט. יאָ, ער האָט זייער קלוג געטון וואָס ר'איז אנטלאָפן — האָט זי גערעדט מיט היץ. אויך איך וועל אנטלויפן, ווייל א שלעכט מזל האָט צוגע־רויבט דאָס שענסטע, דאָס טייערסטע און דערהויבנסטע פון אונדזער צייט, און ס'איז שווער, זייער שווער צו גלויבן, אז ווען ניט איז, זאָל זיך צו אונדז דאָס שיינע, דאָס הומאַנישע אומקערן אין זיין פּראַכט און אין זיין גלאַנץ.

לאָזט מיך, לאָזט מיך, רייסט זי זיך ווילד פון בעט. אויך איך וויל אנטלויפן

פונקט ווי מיין קינד, ווי מיין איינציק קינד — שרייט זי צום דאָקטאָר וואָס האלט איר האַנט און פרובירט איר דעם דופק. לאָזט מיך, איך וויל לויפן צו מיין יאָסע־לען! איך וויל ניט זיין מיט אייך קריגערישע שלעכטע מענטשן. איך וויל ניט, איך וויל ניט זיין מיט אייך, וואָס זיצט און ארבעט נעבעך שווער און ביטער אויף צו געפינען וואָס מער אטאָמישעס, וואָס מער באָמבעס אויף אויסצוקוילן וואָס מער אומשולדיקע לעבנס.

יאָ, גערעכט איז ער געווען דער גרויסער געלערנטער, וועלכער האָט גע־זאָגט: אז וואָס מער ער באַקענט מענטשן, אלץ ליבער קריגט ער זיין הונט.

לאָזט מיך! לאָזט מיך, איך וויל טוב'לען מיין זינדיקע נשמה! לאָזט מיך לויפן!!

יאָ — לויפן, זאָגט זי שוין מיט אביסל א רואיקערן טאָן, נאָכן באקומען די בארואיקונגס־איינשפריצונג. עס ווילט זיך לויפן און אנטלויפן פון זיך זעלבסט — קלאָגט שרה'לע. עס ווילט זיך אַנטלויפן פון דער אטאָמישער ספערע, אָבער לײדער איז ניט דאָ וווהין צו לויפן.

יאָ, יאָ עס זאָגט זיך לייכט: לויפן, אָבער וווהין? וווהין?

פסח׳דיקע מחשבות

ערב פסח.

ישראל גרייט זיך לכבוד יום־טוב. א קלייניקייט, עס קומט אַן זיין באַליבטסטער יום־טוב פסח. ער איז אויפגעשטאַנען פריער ווי אלע מאָל, אויף גיך געדאוונט, איבערגעביסן, אין באַטעקין א ברויטל מיט א טעפּעלע קאפע, און געלאָזט זיך איבער די בערג פון סאודע מיט א היפּש פּעקל קאַרטאָנעו. ער גייט בארג ארויף, ער סאָפּעט און ווישט דעם שוויים פון שטערן און פילט ניט, אז ס׳רעקל איז אויף אים איינגאַנצן נאס. דאָס, וואָס ער פילט יאָ, איז, אז עס קומט אָן זיין באַליבטסטער יום־טוב. און ווען א קונד זאָגט צו אים, ער זאָל צוווארטן א ווײַלע, ווייל איר מאַן דאַרף באַלד קומען מיט געלט, פּארוקט ער פלינק דעם קאַ־טאָן אין קעשענע, און זאָגט מיט א געקינצלטער העפלעכקייט: עס מאַכט ניט, מ׳וועט דאָס איבערלאָזן אויף א צווייט מאָל, ווייל איצט האָט ער קיין צייט ניט. א פּאָר קרוזעיראָס מער, א פּאָר קרוזעיראָס ווייניקער — טראַכט ישראל, דאָס אלץ איז נאַרישקייטן. דער עיקר — זיין יוּאָס פריער אין דער היים, ס׳איז דאָך ערב פּסח. אוי דו נאַרישער ישראל, רופט צו אים אן אינערלעכע שטים, וואָס סאָפּעסטו? וואָס שוויצסטו? און צו וואָס איילסטו זיך אהיים? ווער ווארט דאָרט אויף דיר, און מיט וועמען וועסטו זיך זעצן אָפּריכטן דעם סדר? א שוידער, א שוידער איז אדורך ישראלס קערפּער. א קאַלטער שוייס באַגיסט אים אינגאַנצן און פּארביקע רעדער נעמען פליען פאר זיינע אויגן, און ער דערפילט אַ אוממאכט אין די פיס. ער ווישט דעם קאַלטן שוויים, און שליידערט אים אוועק מיט כעס פון זיין ברוינער האַנט, גלייך ווי ער וואָלט וועלן, דאָס צוזאַמען מיט אים, זאָלן אָפּשווימען די מרה־שחורההדיקע מחשבות וואָס קאָרטשען און פרעסן זיין הארץ. ער שטרעבט מיט אלע כחות, און גייט וואָס

אמאָל שנעלער, האסטיקער, בכדי וואָס גיכער פאַרטיק צו ווערן, וואָס גיכער צו אַנטלויפֿן פֿון „לאַגער" און פֿון די טרויעריקע פּאַרפּאַלגונגען, וואָס באַגלייטן אים פֿון גאַנץ פֿרי אָן. אָבער איין מאָל גיין. ער פֿילט ווי ס'האַרץ פּלאַצט אים שיעור פֿאַר בענקשאַפֿט.

אין א פּראָסטן טאָג, איז נאָך א האַלבע צרה, נאָר, אַז ס'קומט א שבת, אָדער יום־טוב, ווערט ער שיעור ניט משוגע. אַרבעטן, אַרבעט ער ניט. ליגט ער אויף זיין סאָלטעירא־בעטל אָן אָפּגעוואַשענער, א יום־טובדיקער און טרערן קייקלען זיך איבערן אויסגעדאַרטן פּנים. ער פּרוּווט אַליין זיך בארויקן, איינרעדענדיק זיך, אַז ער איז ניט דער איין און איינציקער, אַז ס'איז געווען א וועלט־חורבן, אַז ס'זיינען דאָ א סך אזעלכע ווי ער; אָבער עס גייט ניט. ער געפֿינט ניט קיין ווערטער זיך צו טרייסטן. ער בענקט! כאָטש נעם און שנייד אויס ס'פֿאַרבענקטע האַרץ און שליידער עס אוועק ערגעץ ווייט, ווייט אין א מדבר...

פֿאַרזינדיקט א וועלט! פֿאַרזינדיקט נעבעך — רעדט ישראל צו זיך אַליין — ווי גוט דאָס איז אמאָל געווען דער פּסח אין דער אַלטער היים אין אָסטראָווצע. דבורה'לע, זיין ווייבל, פֿלעגט עטלעכע וואָכן פֿריער זיך פּאָרען, פּוצן, רייבן, שייערן. רחל'ע, זייער עלטסטע טאָכטער, פֿלעגט א סך מיטהעלפֿן. ביידע האָבן זיי אויסגעקאַלכט דאָס קליינע אַלטע ירושה־הייזל. עטלעכע טעג פֿאַר פּסח אָנגעפֿילט די שעניקעס מיט ניי געל שטרוי, אַרומגעהאַנגען פּאַפּירענע שפּיצן און פֿאַרהענגלעך, אונטערן זייגער — אָנגעקלאַפּט מיט דינע נעגעלעך קאָלירט טאַפּעטן־פּאַפּיר, אויסגעשטעלט גלעזערנע כוסות, אָפּגערייניקט די מעשענע לייכטער און די גרויסע מעשענע קוואָרט, אויסגעפּוצט ס'שטיבל ניט צום דערקענען. א גאַנצן פֿאַר פּסח האָבן זיי ביידע ניט געלייגט קיין גרוים אכט אויף זייער אָנטועכץ. אָבער פֿאַר דאָס, האָבן זיי זיך ערב פּסח פֿאַרנאַכט אויסגעשלייערט אין האָניק און עסיק. רחל'ע — אין א ניי ציצן־קליידל מיט רויטע זיידענע בענדער אין אירע פּעך־שוואַרצע צעפּ, ברוינע לאָטשן מיט לייב־קאָליר זאָקן און א ניי ווייס טאַשן־טיכל אריינגעשטעקט אין קעשענע פֿון קליידל.

דבורה'לע ווידער — אין העל־בלויען אַטלאַס־קלייד, וואָס זי האַלט טאָקע נאָר אויף א יום־טוב, אָדער אויף א שבת ראש חודש... און אויפֿן קאָפּ — פֿאַרבונדן דעם טערקישן טוך, וואָס איר באָבע ע"ה האָט איר אָנגעטון צום באַדעקנס.

ס'קליינוואַרג זיצט אויסגעזעצט אויף דער פּאָדלאָגע, וועלכע איז ביז ערב פּסח געווען פֿאַרהילט מיט זעק, שמאַטעס. ס'איז א נחת צו קוקן, ווי גאָלדענע קעפּעלעך, ברוינע, שוואַרצע קעפּעלעך קרוינען איבער די ליכטיקע פּנימלעך. מיט שטראַלענדע אויגעלעך קוקן זיי אויף די ברוין־לענגלעכע ניס, וואָס די מאַמע האָט

זיי געגעבן, אבי זיי זאָלן זיך לאָזן אויסבאָדן, אז זיי זאָלן ניט אויסשמירן די נייע העמדעלעך... מיט ציטערדיקע פינגערלעך שנעלן זיי די קוילערנדע ניס, זיי שנעלן די ניס איבער דער ריינער פּאָדלאָגע, און אז איינער פאַרלירט, שטייט ער צו צו דער מאַמען, זי זאָל אים געבן אַנדערע... און זי דבורה׳לע, די תמיד רואיקע דבורה׳לע, שלאָגט ניט דאָס קליינוואַרג פאַר די בהלות וואָס זיי מאַכן און רייסן זיך צו איר, ניט אַזוי ווייט צו איר, ווי צו איר קעשענע פון בריטן פליטשנקאָווע פאַרטוך — פאַרקערט, זי לאַכט און נעמט זיי אַלע פאַר די הענטעלעך אָן, און טאַנצענדיק מיט זיי, פירט זי זיי צוריק צום אויוון, וווּ זיי זיינען פריער געזעסן, זעצט זיי אויס אין א ראָד און איידער וואָס־ווען שטייט שוין צווישן יעדנס פיסלעך א הויך געבליִמט שיסעלע מיט מאַרביק־צעריבענע קאַרטאָפּלעס און א טעפּעלע מיט רויט, באָרשטש... עסט קינדערלעך מיט א גוטן אַפּעטיט. א געזונט אין אייערעביינדעלעך! עסט, עסט, אָבער געדענקט און זייט פאָרזיכטיק, זאָגט דבורה׳לע, גיט אכטונג, אז איר זאָלט ניט אויסשמירן די נייע העמדעלעך און די נייע שיינע הייזעלעך.

שלמה׳לע מיט מענדעלען האָט זי אויסגעטון צום עסן די נייע צייגענע כאַ־לאַטקעלעך, וועלכע שמערל שניידער האָט אויסגעפאַרטיקט נאָך אויף חנוכה, ווייל זי דבורה׳לע האָט ניט ליב צו וואַרטן אויף דער לעצטער מינוט. אמת טאַקע, אז זי האָט נעבעך ניט קיין איבעריקע געלטער, אָבער דאָך, שפּאָרט זי אָפּ יעדן טאָג עטלעכע גראָשן בגנבה פאַרן מאַן און קינדער, און קויפט יעדעס מאָל א נייע זאַך און באַהאַלט עס אין גרינעם קופערט, וועלכער שטייט גדלותדיק אויבן־אָן אין דעם בלוילעך־געקאַלכטן שטיבל. און אז ס׳קומט ערב פּסח, ווען ישראל זעצט זיך אוועק אויפן רונד פון בעט א טרויעריקער, א שטאַרק פאַרזאָרגטער, צוליב דעם, וואָס אברהמעלע, א בר־מצוה ייִנגל, אָן עין הרע, האָט ניט קיין זשופּעצל אויף יום־טוב צו גיין צום דאַווענען, און שלמה׳לע מיט מענדעלען האָבן ניט קיין שיכעלעך און רחל׳ע — קיין קליידל, און זיפצט אָן אויפהער, נעמט זי, דבורה׳לע, אַרויסלייגן פון קופערט אויפן טיש די אַלע נייע זאַכן וואָס זי האָט געקויפט פאַר די אָפּגע־שפּאָרטע גראָשנס וואָס זי האָט באַקומען פון די סטעפּאַנאָווע פאַר די געזאַמלטע קאַרטאָפּל־שאָלעכץ, פאַר אַלטע שמאַטעס, וואָס זי האָט פאַרקויפט דעם שמאַטע־הענדלער, און פאַר אַלטע טעפּלעך, אַזעלכע, וואָס זיינען שוין געווען פאַרזשאַווערט.

שמייכלענדיק גוטמוטיק זאָגט זי מיט א שטיל שעמעוודיק קול, — אפילו, אפילו פאַר דיר האָב איך אָנגעגרייט אן אַלבאַסטער ניי העמד, מיט א נייעם שיינעם טלית־קטן, און א ניי וווּנדערבאַר־שיין האַלדז־טיכל, פּונקט אַזעלכעס, ווי חיה׳לע שימעלעס האָט געקויפט פאַר איר מאַן. זאָל מען זען אין שול, אז ישראל דער

װיפער, דער דאָרפס־גײער האָט דאָס זעלבע האַלדז־טיכל, װאָס ר׳ שימעלע, דער נגיד פון אסטראָװצע. ס׳איז אזױנס און אזעלכעס. בײלע האָט מיר דערצײלט, אז ס׳גאַנצע טױז טיכלעך, װאָס זי האָט געבראַכט פון לאָדזש, האָט מען בײ איר צע־כאַפּט װי מצה־װאַסער. אפילו פאַר דעם מורה הוראה ר׳ איטשע מאיר האַכערמאַן האָט מען בײ איר געקױפט דאָס זעלבע האַלדז־טיכל. דו הערסט? פאַר ר׳ איטשע מאירן! אָבער כ׳װעל דיר זאָגן דעם גאַנצן אמת, אז איך בין ניט אױסן געװען קײנעם נאָכצוטאַנצן, נאָר אײנציק צוליב איר, צוליב חיה שימעלעס האָב איך עס געקױפט. זאָל זי זיך ניט אזױ גרױס האַלטן, די מוטלערן, אז זי קומט אין שול אַרײן, קלאַפּט זי אזױ גיך מיטן קלײנעם פאַרשנורעװעטן פּיסקל, אז זי לאָזט אפילו ניט הערן װען ס׳איז ראש חודש. איר זעסטו, צו להכעיס, האָב איך דאָס געטון. זאָל זי לײגן א גאַל. זאָל זי ניט זאָגן, אז איר מאַן איז אײנער אין קאָזשעניצער שטיבל, װאָס טראָגט א שײן האַלדז־טיכל, װײל זי האָט א גוטן געשמאַק, װײל זי איז דאָך א גרױס־שטאָטישע. ניט אײן יאָר פאַרבראַכט אין װאַרשע. אײ, אײ, װער ס׳האָט ניט געזען קײן גרעסערס! יאָ, זאָל זי זען, אז נאָך עמיץ האָט אױך א געשמאַק, אז עס זײנען נאָך דאָ אזעלכע לײטישע װײבלעך בײ אונדז אין שטאָט, װאָס האָבן אױך אזא גוסט װי זי. אז מען האָט נאָר געלט, האָט מען שױן במילא א גוסט אױך. נאַ דיר ישׂראל קלאָרע װעש מיט א האַנטוך און גײ אין מרחץ אַרײן. גײ, אָבער זײ פאָרזיכטיק, אז דו זאָלסט זיך חלילה ניט פאַרקילן. געדענק און גײ ניט אַרױס א דערשװיצטער, ס׳גײט צו יום־טוב, האָט דבורה׳לע רױטלענדיק זיך געזאָגט...

ישׂראל האָט זיך דעמאָלט דערפילט משונהדיק גוט. װי אײנער װאָס באַקומט זיך אַרױס פון א תפיסה אױף א ליכטיקער פרײער װעלט צװישן אײגענע, איבער־געגעבענע און געטרײע. אך װי גוט! אך טאַטעניו אין הימל, װי גוט! און עס שטעלט זיך אים פאַר א שטאַרק אָנגעהײצט באָד, מיט א סך היץ, און ער, ישׂראל ליגט אױף דער אױבערשטער באַנק צוזאַמען מיט נאָך ײדן און שװיצט און שמײסט זיך מיט א גרין־געלבליך בעזעמל, און א מחיה׳דיקע װאַרעמקײט צעגיסט זיך אין אַלע זײנע אברים...

קומענדיק פון באָד א פרישער, אַן אױסגעבאָדענער, טוט ער אָן די יום־טוב־דיקע קאַפּאָטע מיט דער שײנער זײדענער גאַרטל און, זינגענדיק א זמרל, נעמט ער מאַכן די חרוסת, װײל פון תמיד אָן איז שױן דאָס זײן מצוה.

דורכגײענדיק נעבן דער קיך, כאַפּט ער א זײטיקן קוק אױף דבורה׳לען, װעלכע שטײט שיקלעך איבערגעבױגן איבער עפּעס אַן ערדערן טעפּל, און שטױסט מיט א גרױסן הילצערנעם לעפל עפּעס א געקעכץ...

א היץ טוט אים א שלאָג אין קאָפּ. דער קאַרק װערט אָנגעגאָסן מיט א רױט־

לעבער קאליר, און ביים הארץ צעגיסט זיך א זיסע, מחיהדיקע לעבצונג... נאך נאר א נישקשהדיקע ווייבל, כ'לעבן... א כ'דאנק דיר גאטעניו! כ'דאנק דיר באשעפער! כ'דאנק דיר, וואס ס'גייט צו יום־טוב! כ'דאנק דיר גאטעניו, כ'דאנק!

אן אייז־קאלטער שוויים באגיסט ישראלן, א קאלטקייט, וואס טוישט זיך מאמענטאל אין א פייערדיקער היץ — ער שטייט גיך אויף פון בעט, ער כאפט אויף זיך ס'רעקל און לויפט ארויס אויף דער גאס, מורא האבענדיק צו בלייבן אליין אין שטוב, מיט זיינע זינדיקע מחשבות, וואס קענען אים נאך חו"ש אראפפירן פון דרך הישר..

יא, יא מ'האט פארזינדיקט א וועלט. פארזינדיקט נעבעך אזא שיינע וועלט, — האלט ער אין איין טענהן צו זיך גופא. אין אסטראוועצע איז טאקע שווער, שטארק שווער געווען צו פארדינען אויפן שטיקל ברויט, איבערהויפט די לעצטע צייט. מ'איז אויסערלעך געווען פארשקלאפט, אבער אינערלעך איז מען געווען פריי. אינערלעך האט מען געפילט אן אויפגעהייטערטקייט, אבסאלוטע פרייהייט. פארקערט, מ'האט אויף די באדריקער געקוקט ווי אויף קנעכטישע נשמות. ווי אויף תמיד וואכעדיקע נשמות...

א גאנצע וואך האט מען געהאנדלט, געשאכערט, געטוישט און אויסגעטוישט, געדרייט, געמאטעט און געחשבונט, אבער, אז ס'איז געקומען א שבת, א יום־טוב, איז געווען אן אמתער יום־טוב אויף דער נשמה. שוין אפגערעדט פון די נגידים, וואס האבן געלעבט אין די בעסטע באדינגונגען, נאר אפילו דער מיטלמעסיקער, אדער זאגאר דער ארעמאן, האט אויך געפילט עפעס יום־טובדיקעס אויף דער נשמה, ווען ס'איז געקומען א שבת אדער א יום־טוב. און דא, דא אין בראזיל איז אלץ אזוי ליידיק, טרוקן און פארמלאז, פונקט אזוי פארמלאז, ווי עס איז די צייט, אין וועלכער מיר לעבן. ווער דארף די רוישנדיקע ריא'ער גאסן, טראכט ישראל, ווער דארף דעם גאנצן טאראראם? ווער דארף דאס אפגעשפארטע געלט, די אפארטאמענטלעך און די פאק טאכעטלעך? ווו נעמט מען א שבת פון אסטראוועצע? אך ווי עס בענקט זיך נאך א תורה־ווארט פון די אסטראווצער רבנים, לומדים, גאונים און חכמים! ס'בענקט זיך נאך דער שטאטישער שול, נאכן אלטן און נייעם בית־המדרש, נאך די אסטראווצער בעלי־תפילות, ס'בענקט זיך נאך די אסטראווצער חסידים, נאך די שטארק רעליגיעזע, און אפילו נאך די פריידענקער. ס'בענקט זיך נאך די סוחרים און נאך די הארעפאשניקעס און אפילו נאך די קצבים, טרעגערס און פישערס, ווייל אלע זיינען זיי געווען הארציקע יידן, ערלעכע יידן.

אסטראָווצע שטייט אויף ווי לעבעדיק פאר זיינע אויגן. און זיינע מחשבות מישן זיך צעגויף מיט דעם גרויסן חורבן וואָס דאָרט, אין אַסטראָווצע, איז פאָרגעקומען, צוזאַמען מיטן אַלגעמיינעם חורבן, וואָס האָט פאַרשניטן אַזויפיל מיליאָנען קדושים, צווישן וועלכע עס האָבן זיך געפונען א חוץ זיינע עלטערן, שוועסטער, ברידער, שוואָגערס, שוועגערינס און פלימעניקעס, אויך זיין ליבע און גוטע דבורהלע און זיינע טרייע, זיסע זעקס קינדערלעך. ער דערמאָנט זיך דעם לעצטן פסח פאַרן אוועקפאָרן קיין בראַזיל, ווי זיין זעליקל, דאָס יינגסטע זונדעלע האָט מיט א טעמדיק שטימעלע געפרעגט די פיר קשיות, און שפּעטער — ווי אלע צוזאַמען האָבן פריילעך געזונגען „אחד מי יודע" און „חד גדיא". און טרערן שטיקן אים אין האַלדז ביז צום דערווערגן. אמת טאָקע, אז ס'איז ניט געווען אזוי רחבותדיק אָנגעגרייט אויף יום־טוב, אָבער פרייד, פרייד איז געווען א סך! ווו געמט מען א טראָפּן, כאָטש איין טראָפּן פרייד פון יענעם סדר, ווו נעמט מען איין שעה, פון יענע גליקלעכע שעה'ן איבערגעלעבטע אין אַסטראָווצע ?

נאָך קיינמאָל איז ער, ישראל, געווען אזוי פאַרצווייפלט, נאָך קיינמאָל האָבן מחשבות אויף אים געמאַכט אזא אומהיימלעכן איינדרוק, ווי אָט אָ די פּסחדיקע מחשבות... ער פילט, ווי דער מח ווערט אים וואָס אמאָל שווערער. עס דערשיינען פאר זיינע אויגן לעבעדיקע בילדער פון דער פאַרגאַנגענהייט, און נאָך זיי בריוו. א גאַנצער באַרג מיט בריוו, אין וועלכע זיין ווייב שרייבט אים, ווי גרויס ס'איז די בענקשאַפט פון איר און פון די קינדער, ווי זי בעט אים, אז ר'זאָל צואיילן דאָס אריבערנעמען זיי קיין בראַזיל, ווייל זי האָט מורא, אז ס'זאָל חו"ש זיך ניט פאַרמאַכן דער וועג, זאָגן דאָך די בלעטער, שרייבט זי, אז ס'האַלט ערב א מלחמה.

אין א צווייטן בריוו האָט זי געשריבן, אז אברהמעלע וועט שוין באַלד דאַרפן גיין צום מיליטער, און אז מ'דאַרף שוין אויך קלערן וועגן א שידוך פאַר רחלען און נאָך — און נאָך א סך אנדערע וויכטיקע זאַכן, צווישן וועלכע זי באַמערקט אים אויך, דאָס ער קען גיין צו מלכה שטיין, מלכה'לע איטשע מאיר קאַלעקטערס, וועלכע איז געפאָרן קיין בראַזיל צו א חתן, וועט ער אָפּנעמען א לעבעדיקן גרוס... יאָ, הלואי וואָלט ער טאָקע געווען געפאָלגט איר עצה, טראַכט ישראל און דערפילט בעת מעשה שטאַרקע געוויסנביסן. ער דערמאָנט זיך, ווי ער האָט צו נישט געמאַכט מלכה'ס אויפפֿלערן, אז אויב איינער וויל אָפּהיטן יידישקייט, קען ער דאָס טון אומעטום. ער געדענקט, ווי ער האָט זיך געהיצט, און דעצידירענד געזאָגט: ניין, ר'וועל ניט אריבערנעמען קיין בראַזיל מיינע קינדער, אז זיי זאָלן דערטרונקען ווערן אין די כוואַליעס פון אסימילאַציע. כ'וועל צוואַרטן נאָך אביסל און מאַכן

אָך געלט, און דאן פאָרן קיין פּאַלעסטינע און דאָרט, דאָרט, אז כ'וועל מיך אביסל איינאָרדנען וועל איך זיי גלייך אריבערנעמען. כ'וויל ניט, אז מיינע קינדער זאָלן פארשלונגען ווערן אין דעם זודיקן אסימילאַציע־שטראָם. יאָ, יאָ, כ'האָב צופיל געחשבונט, צו פיל געקלערט און איבערגעקלערט — טראַכט ישראל. כ'האָב ניט געוואָלט אז זיי זאָלן דערטרונקען ווערן אין מבול פון דער אסימילאַציע, זיינען זיי דערטרונקען געוואָרן אין א מבול פון זייער אייגן בלוט, נעבעך! אומגעקומען אויף קידוש־השם — זאָגט ער אבלדיק צו זיך זעלבסט. און ווידער נעמען די מחשבות אַרבעטן מעשים. זיי צעשפּאַלטן אים פּשוט דעם מח...

שוין לאַנג האָט ישראל געשפּאַנט איבער ריא'ר גאַסן. ער האָט ניט באַמערקט ווי די זון האָט זיך שוין אריבערגעקוילעכט ערגעץ ווייט־ווייט.

ער האָט ניט געפילט ווי די צייט האָט זיך אָפּגערוקט. זיין געדאַנק איז געווען אַנגעבונדן אין אָסטראָווצע, אין זיין קליין ירושה־הייזל אין וועלכן ער האָט איבערגעלאָזט זיין ווייב און זעקס קינדער וואָס זיינען אוועק מיטן רויך, ווי אַלע אַנדערע אומגעקומענע.

ווען ישראל האָט זיך אויפגעכאַפּט פון זיינע מחשבות, זיינען די גאַסן געווען דאַלב ליידיק. צוריקקומענדיק צו זיין קוואַרטיר, האָט ער פון א שכנותדיק הויז געהערט ווי זיין לאַנדסמאַן שמואל־יוסף זינגט מיט זיין בני־בית דעם אחד מי יודע, פּונקט ווי ער האָט עס אַמאָל געזונגען מיט זיינע קינדער.

אחד מי יודע, האָט ישראל אָנגעהויבן מיטזינגען, און זיך שטאַרק צעוויינט.

חלום און וואָר

יעקב, וועלכער האָט אין דער לעצטער וועלט־מלחמה ביטגעמאַכט דעם גאַנצן גרויל, אַלערליי מיתה־משונה'ס צוגעזען, וועגן כלערליי אויסטערלישע טויטן זיך אָנגעהערט, און ניט זעלטן אַליין שוין געפילט דעם חלף אויפן האַלדז, — איז נאָך דער מלחמה, אַריינגעפאַלן אין אַ שווערער און ביטערער פאַרצווייפלונג, וועלכע האָט אים באַגלייט איבער שטעט און לענדער ווו ער האָט גע'נגע'ונד'עוועט...

זינט דעם גרויסן חורבן האָט ער ניט געלעבט, נאָר געבריענט, געפלאַקערט מיט אַן אינערלעך פייער, וואָס האָט אים געשטויסן צו זוכן, צו נישטערן אין דער ליטעראַטור, צו זוכן צווישן די שורות עפּעס אַ טרייסט, אָדער בעסער געזאָגט עפּעס אַ באַטויבונגס־מיטל, עפּעס אַזאַ מין רפואה, וואָס זאָל זיין אַ באַרואיקונג פאַר זיינע אָנגעשטרענגטע נערוון, אַזאַ מין באַלזאַם פאַר זיין צעבראָכן האַרץ.

פראָסט פּשוט — אַ מיטל, עפּעס אַ פּלאַן פאַר זיין ווייטערדיקער עקזיסטענץ.

און עס איז אים געלונגען צו געפינען אַ לייכטע און גוטע לייזונג. אַ לייזונג פאַר זיין אינדיווידועלן לעבן... געפונען האָט ער דאָס — אין דעם קוואַל פון פּרץ'עס גייסטיקער ירושה. אָבער ניט אין „די גאָלדענע קייט", „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק", אָדער אין אַנדערע וואָגיקע ווערק פון פּרץ'ן, נאָר גראָד אין ליד „ברידער" ווו ער זאָגט:

„אַלע מענטשן זיינען ברידער, פון איין טאַטן און איין מאַמען", און דאָס, האָט יעקב אויסגעטייטשט, הייסט — אַלגעמיינע אַסימילאַציע. אויסמישן זיך, אָדער בעסער געזאָגט, אויפלייזן זיך, ניט זיין מער קיין אתה־בחרתנו־פאָלק, ניט זיין מער דאָס כפּרה־הינדל פאַר דער וועלט.

געטראכט און געמאכט! איבערגעריסן מיטן יידישן גאָט, געטוישט דעם נאָמען און זיינע קינדער גענומען דערציען אין פרעמדן גייסט.

ער האָט זיך געזאָגט: יאָ, ער איז גערעכט דער קלוגער פּריץ, זייער גערעכט. נאָר דעמאָלט וועט נעמען א סוף צו די מלחמות און שחיטות, ווען פעלקער און שפּראַכן וועלן זיך אויסמישן. אין דער אלגעמיינער אסימילאַציע פון פעלקער און שפּראַכן ליגט דער זיג, דער הומאַניטעט־נצחון — האָט יעקב געלערנט, און דערביי געדרייט מיטן גראָבן פינגער, פּונקט ווי אמאָל אין דעם קליינעם שטעטל אין בית־המדרש...

אוי דער בית־המדרש! דער בית־המדרש! דאָס חדר פון פּיניעלע מלמד, וווהין זיין מאַמע פלעגט אים באַגלייטן מיט אירע צאַרטע בליקן. מיט אירע ווארעמע, ליבלעכע בליקן ביים פאַרלאָזן די שטוב. „גיי געזונטערהייט און קום געזונטערהייט", פלעגט זי אים נאָכשרייען שוין פון דער אָפענער טיר.

און די מאַמע זיינע, די הויכע מאָגערע פרוי מיט אירע ווארעם־מוטערלעכע בליקן, שטייט אים פאַר זיינע אויגן, און אירע געל־אויסגעביינערטע הענט ציען זיך צו אים. זיי ציען זיך וואָס אמאָל נענטער און נענטער און באַלד פילט ער א ליב צערטלען איבער זיין גאַנצן לייב. א צערטלען, וואָס צעווארעמט זיין גאַנצן קערפּער און גלייכצייטיק זיין אמאָליק יידיש האַרץ.

עס דערשיינט פאַר זיינע אויגן די סלאָוואַצקע גאַס פון זיין שטאָט אָסטראָווצע, מיט אירע שיינע גערטנער און בלומען־קוסטן. ער דערמאָנט זיך אין דער וווּנדערלעכער אידיליע אין דער קליינער האָלצערנער שטוב, דעם שלום־בית, די שבתים און ימים־טובים, און די סענטימענטן צעפלאַמען זיך וואָס אמאָל מער און שטאַרקער. עס ברויזט אויף אין יעקב'ן די אָנגעזאַמלטע מאַכט פון גוטער דערציונג — דער לאַנגזאַם־אנגעקליבענער, אָבער אומפאַרניכטבארער קאַפּיטאַל פון געירשנטע אידעע, מיט דער מוטער־מילך... און אפשר וואָלט גאָר ניט גוט געווען, אז דער מענטש זאָל איינציק זיין מיט זיין לעבן, אז דאָס לעבן זאָל אים צופרידנשטעלן? ווייל דעמאָלט וואָלט אַלץ פּאַראַליזירט געוואָרן, מען וואָלט זיך א טראָט ווייטער ניט גערוקט, ניט געקימערט זיך אין גאָר, טענה'ט אן אינערלעכע שטימע, וועלכע ווערט באַלד דערטרונקען אין דעם ים פון זיינע שוידערלעכע געדאַנקען וועגן זיין גרויזאַמען עבר...

פריש זיינען נאָך ביי אים אין די אויערן די האַרצרייסנדע קולות פון די געפּייניקטע, דאָס גסיסה־כאָרכלען פון די גוסס'דיקע, דער יאָמער פון די אומשולדיקע קליינע קינדער, און עס ווילט זיך אים גאָר ניט גלויבן, אז די וועלט וועט ווען עס

אין, זיך אויסטון דעם בלוטיקן מלחמה־בגד. און טראָץ אלעם, לאָזן אים די אמאָ־ליקע סענטימענטן ניט רוען. זיי בריען אים ממש און רופן ארויס א נשמה־ציטער...

די הויכע פיגור פון זיין מוטער האָט זיך אים איצט אויסגעוויזן נאָך העכער. אירע פארנעפּלטע אויגן זיינען געווען ערגעץ אין דער ווייטקייט געווענדעט און אויסגעקוקט א פארגליווערטע איינזאמקייט וואָס האָט אגב ווידעראמאָל דערמאָנט זיין גאנצע קינדהייט.

איר ניט־ערדישער אויסזען האָט ניכער סימבאָליזירט א מלאך, ווי א פּראָסטן בשר ודם, — און דאָס האָט אים געשראָקן, שטארק געשראָקן.

ער איז אינגאנצן אויפגעציטערט געווארן, ווען זי האָט אין חלום מיט איר ציינלאָזן מויל שטיל זיך געבעטן ביי אים: „זון מיינער, זיס קינד מיינס, גוטער און געטרייער יעקב׳שע! באַ׳גנבע ניט דיינע קינדער, רייס זיי ניט אָפּ פון זייער שטאָם. זיי וועלן דיך שפּעטער האַסן, זיי וועלן פון דיר ניט וועלן וויסן, טו דאָס ניט. עס איז קיינמאָל ניט צו שפּעט צו פאריכטן א פעלער. גיב זיי צוריק זייער יידישע אָנגעהעריקייט און איר אלע וועט גליקלעך זיין. יאָ, גליקלעך זיין. דו האָסט געגרייזט, עס איז געווען א ביטערער טעות, זע אים צו פאריכטן”.

אך גאָט! ערשט מיט א שטיקל צייט צוריק האָט ער געלייענט „די משפּחה קארנאָווסקי” פון י. י. זינגער, און אָט־אָט שוין געוואָלט זיך קלאפּן על חטא פאר זיין כּעות׳דיקן שריט, אָבער עפּעס א שטן, א פינסטערער שטן האָט זיך אנטקעגנגעשטעלט ווי אַן אייזערנע וואנט, אים צוריקגעצויגן און געשלעפּט אים וואָס אמאָל טיפער און טיפער אין אָפּגרונט, פונוואנען זיין ליבע גוטע מאַמע וויל אים ארויסציען...

„א ייד, זאָגט זי, טאָר ניט זיין ווי א ממזר געבוירן, וואָס האָט ניט דעם נעכטן אין הארץ און אין זכרון. א יונגער ביסטו אין יאָרן, אָבער אן אלטער אין צרות. איך ווייס, איך פיל מיט דיר מיט אין דיין צער, אָבער ווייס מיין קינד, אז א ייד מוז שטענדיק האָבן אין הארצן דאָס פינטעלע ייד... איך ווייס, אז דו ביסט פון גורל געטראָפן, איך גלויב דיר, אז ניט פון בייזוויליקייט האָסטו אזוי געהאַנדלט, פארקערט, איך ווייס, אַז דו ביסט א גוטער ייד, נאָר דו האָסט אזוי געהאַנדלט אויסשליסלעך פון מורא, פון אייביקער אימה פארן מאָרגן. איך קען אָבער רואיק ניט זיין”.

א גרויסע, א גוואלדיק־גרויסע השפּעה האָבן געהאַט אויף יעקב׳ן דער מו־

טערם ווערטער. ער איז פון אייביק אָן געווען א גוטער און געטרייער זון, קיינמאָל ניט אפגעזאָגט אירם א בקשה.

און אויך איצט, איצט האָט ער דייטלעך געפילט, אז ער מוז בייטן זיין באַשלוס, ער מוז אראָפּרייסן די מאסקע, און ווייזן זיך פאר זיינע קינדער אין זיין אמת׳ער יידישער געשטאַלט.

ער מוז, ער מוז דאָס טון, ווייל זיין ליבע, גוטע און געטרייע מאמע פארלאַנגט דאָס פון אים.

און אפשר איז דאָס גאָר א מלאך, א גוטער מלאך, וואָס האָט אין דער גורל־דיקער שעה באשלאָסן אים צו קומען צו הילף, ווייל אנדערש וואָלטן טאקע אפשר די קינדער זיינע שפּעטער אים געהאסט, געוויכט פון אים, ווי פון א קרעציקן, ווייל, האָבן מיר דאָך היינט־צו־טאָג אן אייגענע פרייע מדינה, ווו יידישע קינדער קענען זיין די שפּעטערדיקע שטאָלצע, פרייע בירגער...

דער שטאָלץ, דער מוסטער פון דער וועלט, קענען די היינטיקע יידישע קינדער זיין. אָ, דער שטאָלץ! יאָ, יאָ איך מוז! איך מוז! — שרייט ער מיט א פארשטיקט קול, וואָס רייסט איבער די נאכט־שטילקייט און וועקט אויף זיין פרוי, וועלכע נעמט מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם און פארזיכטיקייט אראָפּ זיין האנט פון האַרץ, באַפרייענדיק אזוי ארום זיין ברוסט־קאסטן, וועלכער האָט זיך בעת מעשה האסטיק און שנעל געהויבן...

א פארטאָפּעטער, ווי נאָך א שווער שטיקל ארבעט, ווישט יעקב דעם שוויים פון שטערן, און הזרט איבער פאר זיין ווייב דעם נאָר־וואָס געזעענעם חלום...

ביידע קוקן זיך איבער מיט שטילע סודות׳דיקע בליקן. טראכטן איבער דעם נעמיש פון חלום און וואָר, פון וואָס ער ווערט געבוירן א באשלוס, א הייליקער באשלוס: — צו פאָרן קיין ישראל און דאָרט אָנהויבן א ניי, געזונט יידיש לעבן...

ימים נוראים אין אַסטראָווצע

ראש חודש אלול איז שוין דאָ, ערנסטע געדאַנקען ציען אין אַלע יידישע שטיבער אריין. די ערשטע שטימע פון שופר לאָזט זיך הערן, און יעדער איינער נעמט קלערן, וועגן די הייליקע טעג, וועגן די טעג פון תשובה וואָס דערנענטערן זיך און פילן אַז ס'האַרץ און די נשמה מיט קדושה'דיקן ציטער. אין הייסער נסיסה שטאַרבט דער זומער־טאָג אין שוים פון האַרבסטיקער פייכטקייט. ס'קנאַלט פון צייט צו צייט א דונער, ס'בליצט, און ס'פילט זיך דער ריח פון רעגן. עס שמעקט דער שיינער סאָסנאָווער נאָדל־וואַלד מיט האַרבסט. די הייכע, גלייכע, טונקעלע אַלשינעס און די ברייט־צעצווייגטע ווערבעס, וואָס אַרום דעם שטעטלדיקן סטאַוו, שטייען זיך גדלות'דיק, ניט אַרויסווייזנדיק קיין שום פחד פאַרן אָנקומענדיקן ווינ־טער. דאַקעגן די אָרעמע איינוווינער פון שוואַמע־געסל האָט יאָ באַהערשט א שרעק. א מין אַדיקע פאַרזאָרגטקייט איז זיי באַפאַלן, וויסנדיק, אַז באַלד וועט דער ווינטער קומען מיט זיינע האַרבע פרעסט, שנייען און זאַווערוכעס און אין שטוב איז נאָר ניטאָ. ניט קיין האָלץ, ניט קיין קוילן און ניט קיין וואַרעמע מלבושים. האָט מען פאַקע פון א סך שטיבער געהערט א געמיש פון פאַרשידענע ניגונים, לאַנגע, אַנגע־צויגענע, טרויעריקע ניגונים ווי: אי, אי, אי, אי אי אי יוּאָם פינילע מלמד האָט מיט עניוות'דיקייט געזונגען בעת'ן לערנען, די האַרציקע מעלאָדיע פון „מאי קאָ משמע לן"? פון אברהם רייזען, וואָס זיין זון מאָטעלע האָט אי געזונגען, אי רע־ציטירט, פילנדיק בעת מעשה א רחמנות צו זיך אַליין, ווייל ער קען ניט דערגרייכן דאָס, צו וואָס ער שטרעבט. אָך ווי ער מאָטעלע, אָדער ווי מ'האָט אים גערופן „מיטעק בן פיעטרעק" האָט ליב געהאַט אברהם רייזענס לידער און דערציילונגען, האָס זיינען ס'רוב געווען פונם בידנעם אָרעמען לעבן אין די קליינע שטעטלעך,

פון יידישע לידן, פון טיפן צער, יאוש און אומבאהאָלפנקייט. ניט נאָר ער, מאַטעלע האָט ליב געהאַט רייזענס לידער, נאָר בכלל אלע. גרויס און קליין האָט געזונגען רייזענס לידער. וועלכעס קינד האָט ניט געזונגען „דאָס נעבעכט" און ווער האָט ניט געקענט „העמערל, העמערל קלאַפּ"? האָט טאַקע קאָפּל דער שוסטער לויטן ריטם פון זיין קלאַפּן די קליינע האָלצערנע טשוועקעס אין די זוילן אריין, אויסגעזונגען דאָס אויבנדערמאָנטע לידל, זייענדיק זיכער, אז זינגענדיק ארבעט זיך שנעלער. הגם ער האָט געוווסט, אז, אזוי צי אזוי, וועט סיי ווי ניט סטאַיען אויף אלץ, וואָס זיין ווייב יענטע ביילע האָט אויסגערעכנט, וואָס מ'דאַרף אויף יום־טוב. אָבער א גוטע טבע האָט ער געהאַט קאָפּל דער שוסטער, ער האָט קיינמאָל ניט פאַרצווייפלט. געקלאַפּט מיט זיין קליין העמערל און אָן אויפהער געזונגען. און די באַליבטסטע לידער זיינע, זיינען געווען אברהם רייזענס, ווייל אין זיי האָט זיך אָפּגעשפּיגלט זיין גאַנץ לעבן, ס'האָרעפּאַשנע לעבן. ניט נאָר זיין לעבן, נאָר דאָס לעבן פון אלע שוואַמע־געסל איינוווינער האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין אברהם רייזענס לידע־־סטראַפן. און טאַקע דערפאַר, ווען מ'פלעגט אדורכגיין דאָס דאָזיקע געסעלע, האָט מען גלייך געקענט דערקענען לויט די טרויעריקע געזאַנגען — די גרויסע אָרעמקייט און נויט וואָס הערשט דאָרט. ווייל צוזאַמען מיט די הארציקע מעלאָדיעס האָט זיך אויך ארויסגעריסן פון די שמאָלע און קליינע פענסטער א דומפּיקער ווילגאָטש ריח, וואָס האָט פּאָזיטיוו באַשטעטיקט דאָס דלות־קעניגרייך... א מאָדנעם כּיפן איינדרוק האָט געמאַכט דאָס דאָזיקע שוואַמע־געסל, וווּ ס'האָבן געוווינט ד'רוב פאַרהאָרעוועטע אָרעמע האָרעפּאַשניקעס, מלמדים און בעטלער, וועלכע פלעגן זיין גאַנצע חדשים אונטערוועגנס צוריקקערענדיק זיך אהיים נאָר אויף פּסח און אויף די ימים נוראים. א וואָרעם אונטער דער ערד ציטערט דאָך דעמאָלט, פלעגן זיי טענה'ן...

צווישן די אָרעמע געסל־הייזער האָט דודל אבישענס, אָדער ווי מ'האָט אים שפּעטער גערופן, דודל לעדערמאַנס הויז אויסגעזען ווי א פאַרבלאָנדזשעטע פּרינצעסן צווישן א כאָפּטע אָפּגעריסענע שלעפּערס.

יאָ, ניט די הויכע אקאַציע־בוימער מיט דעם גרין־אַנגעמאָליעוועטן פּלויטל ארים דעם שיינעם ציגל־הויז, און ניט די רחבותדיק־ברייטע פענסטער מיט די אַלבאַסטער־ווייסע גאַרדינען האָבן האַרמאָניזירט מיט דער גרויסער אָרעמקייט פון דער דאָזיקער געגנט. ס'האָט בלויז ארויסגערופן קנאה, בייז־בלוט און אייפערזוכט פון די אָרעמע שכנים.

דאָרט זעסטו, איז דער גן־עדן התחתון, פלעגט זאָגן חנה'לע זכריה'ס מאַן צו זיין איידעם שיעלע, דער וואַסער־טרעגער, אדורכגייענדיק מיט די עמערס נעבן

עם רויטן ציגל־הויז פון דודל לעדערמאן. דאס הייסט א לעבן! האט ער ווייטער געדעי׳ט, ווי צו זיך זעלבסט. כ׳בין אים גארניט מקנא, האט שיעלע געזאגט, וואס מיינט איר שווער, אז מ׳וועט אים עפעס מיטגעבן אין קבר? א קרענק! מ׳וועט אים קיין איין צענטימעטער מער ניט געבן ווי מיר, האט שיעלע פארגעזעצט מיט כעס. אט זעט איר, נפתלי שפיגל! ער איז א לייטישער ייד! גייט אראפ שווער אויפן סטאוו, ווען איר זען, ווי מ׳האט געברענגט א וואגאן מיט קארטאפל און א וואגאן מיט קוילן און מ׳טיילט ארעמעלייט. יעדער באקומט א קוישל קארטאפל און א קוישל קוילן און צו דעם נאך, צען זלאטעס. איר הערט שווער? צען זלאטעס! צען זלאטעס איז ניט קיין קליינע נדבה! געבענטשט זאל ער זיין. יא, טאקע, געבענטשט זאל ער זיין, כאפט אונטער חנה׳לע זכריה׳ס מאן. אים איז טאקע מקנא צו זיין. ער קויפט זיך איין בײדע וועלטן. נו און די העזינים טוען ניט קיין טובות מיינסטו? ווערט ער ווייטער, און ביילעלע פון די טיכלעך גיט ווייניק צדקה? און הינדעלע בערעלע ערליכס, זאגט מען, מאכט גאנצע אויסשטייערן פאר ארעמע כלות. א! אפגעהיטן זאל מען ווערן, מ׳זאל יעדער וועלן זיין ווי ער דודל גארבער וואס לאזט גיט אפילו קיין שיסל זאמד ניט נעמען. ווער פייפט ניט אויף זיינע יארן, זאגט שיעלע, אוועקשטעלענדיק די צוויי לײדיקע עמערס נעבן מארק־ברונעם, וואס איז געווען דער פרנסה־קוואל פאר די יידישע וואסער־טרעגער. דער מארק איז אויך געווען דער רחבותדיקער פרנסה־קוואל פאר ס׳רוב איינוווינער פון שטאט. דער מארק האט מיט זיך פארגעשטעלט דעם סאמע קאנטראסט פון שוואמע־געסל, פונקט ווי יענע געגנט האט זיך געבאדן אין ארעמקייט און נויט, אזוי האט זיך דער מארק געטונקען אין יידישער רחבותדיקייט און עשירות.

אלע פיר טראטוארן האבן מיט זיך פארגעשטעלט איין יידישע קאמעריץ־משפחה. אפילו אויף א רפואה איז דארט קיין קריסטלעך געשעפט ניט געווען. האבן טאקע די אסטראווצער יידן ניט געקאנט פארטראגן די קריסטלעכע אפטייס, וועלכע האט זיך געפונען אין הארץ פון סאמע מיטן מארק, און בין לילה איז געבוירן געווארן א יידישער אפטייק־סקלאד וואס האט געהערט צו שלמה׳לע גוי, שלמה׳לע גראסמאן, וועלכער האט צוגענומען כמעט די גאנצע יידישע קונדשאפט. אט א דער שלמה׳לע גראסמאן האט אין די שווערסטע, אויסגאנגלאזע טעג ניט פארגעסן צו שטעווען די פארלוירנגייענדיקע יידישע ווירדע, די נאציאנאלע חשיבות. יא, אסטראווצע האט געהאט א הארציק יידישע באפעלקערונג. אסטראווצע איז געווען באוווסט ווי א מקום פון תורה. אסטראווצע איז באקאנט אויף דער גארער וועלט, אבער ניט צוליב איר גרויסער אייזן־פאבריק: „זאקלאדי אסטראוויעצקע" און ניט צוליב איר וואונדערבאר־שיינעם טייך „קאמיעננא", נאר צוליב דעם אלטן אסטראוו־

צער רבין ז״ל, וועלכער איז געווען איינער פון די אָנגעזעענסטע רבנים. א גרויסער למדן. ער איז געווען איינער פון די געהויבנסטע חסידישע רביים, און דאָך איז ער געווען אזא מין עניו. ער איז געווען ביי זיך נידעריק, ממש זיך מבטל געווען... דאָס עניוות זיינס, איז געווען אין לשער. כאָטש ער האָט געהאט א ווילדן מוח, ניט נאָר אין תורה, נאָר אין פּאָליטיק און בכלל אין וועלטלעכער וויסנשאַפט. ער האָט אמאָל, אין מיטן דער נאַכט, געשיקט רופן בעריש שטיין, אז ער זאָל אים העלפן לייזן א שווערע מאטעמאטישע אויפגאַבע אין וועלכער ער האָט בשום אופן זיך ניט געקאָנט פונאנדערקלייבן. דו ביסט א גדול אין חשבון, אין מאטעמאטיק, האָט ער געזאָגט צו בעריש׳ן, ווען ער האָט אים פאוואָליטשקע פונאנדערגעוויקלט דעם פּלאָנטער, אין וועלכן ער איז געווען. דו ביסט א גאון בערישל!... אָט אָ דער גוואל־דאָוו.ער גייסט, דער גרויסער ייד, האָט מיט זיין הייליקער גייסטרייכער נשמה, מיט זיין טיפזיניקייט און שארף־וויטן בליק פארויסגעזען דעם גרויסן חורבן פון זיין פּאָלק. און מיט זיין אייביקן תענית, וואָס קיינער האָט ניט געקענט משיג זיין, האָט ער געוואָלט בטל מאכן דעם... דעם שרעקלעך־גרויזאמען גזר־דין. ער האָט געזען די מערקווירדיקע דערשיינונג — ווי א פּאָלק איז פּלוצלינג משוגע געווארן. ניין — ים יחידים, נאָר א גאנץ פּאָלק איז ארייַנגעפאלן אין אזא מיאוסער היסטעריע און די קראנקהייט האָט זיך אזוי פארשפּרייט, אז דאָס פּאָלק איז געווארן ווילד, בלוט־דורשטיק און רויב־דורשטיק. תליונים ממש! אָפּגעטון די שענדלעכסטע טאטן, וואָס די מענטשהייט ווייסט. יאָ, זעט אויס, אז ער, דער גאון, דער צדיק, צו וועמען ס׳פלעגן קומען אויף די ימים נוראים חסידים פון אלע ארבע פינות העולם, האָט דאָס אלץ פארויסגעזען. דערפאר האָט ער געפאסט פערציק יאָר און אָפּגעזאָגט זיך פון אלע פארגעניגנס. אייביק נאָר עוסק געווען אין די הייליקע ספרים און ביטער געקלאָגט אויף דעם חורבן, אויף דעם פארויסגעזעענעם חורבן, אויף דעם גרויזאמען חורבן פון זיין אזוי אים טייער און ליב פּאָלק. ביי אים איז ניט געווען קיין אונטערשיד צווישן אָרעם און רייך. אלע זיינען ביי אים געווען ליב און טייער. פארקערט, ער האָט דעם אָרעמען נאָך בעסער אויפגענומען ווי דעם נגיד. ער האָט אויפגענומען יעדן איינעם מיט זייער א פריינטלעכן און ליבלעכן שמייכל. און ערב יום־כפור פאר כל נדרי, ווען דער רעש און גערדאנג ארום דער שטאָטישער שול, וווהין דער אָסטראָווצער צדיק איז געגאנגען זאָגן כל נדרי איז געווען אומבאשרייבלעך, פלעגט ער מיט זיין שוואכער שטימע אויסרופן: יידן! מיינע טייערע יידן, איר דארפט זיך ניט שטופּן. אלע זענט איר ביי מיר אין זכרון איינגעקריצט. איך זע תמיד פאר מיינע אויגן אלע יידן פון אלע ארבע פינות העולם. וואָס־זשע שטופּט איר זיך אזוי? איר וועט איה״ש אלע האָבן א גליקלעך יאָר. און טאקע,

אזוי לאַנג ווי דער היילִיקער ייד האָט געלעבט, איז אָסטראָווצע געווען די איינציקע גליקלעכע שטאָט, וועלכע האָט אין דער ערשטער וועלט־מלחמה כמעט ווי גאָרניט געליטן. אָבער טראָץ דעם, וואָס ער האָט געבעטן מ׳זאָל זיך ניט שטופּן, איז דער געדראַנג אַרום דער שול געווען אַזוי גרויס, אַז ס׳האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַן אומענדלעך גרויס און ברייט פעלד באַשיט געדיכט מיט מאַן. צווישן דעם גרויסן עולם עלטערע מענטשן, האָט מען אויך געקענט זען די יוגנט. אך די אָסטראָווצער יוגנט! אַ שטאַרק אינטעליגענטע חברה איז דאָס געווען. איבּיק נאָר געלייענט און געלערנט. איינגעאָרדנט תמיד קעסטל־אָוונטן, אַראָפּגעבראַכט קיין אָסטראָווצע די גרעסטע און באַגאַבטסטע רעדנער, שרייבער, דיכטער און שויש־פּילער. און טאַקע אין די שווערסטע מאָמענטן, ווען ס׳האָט געדראָט גרויסע סכנות דעם ישוב, האָט אָט אָ די יידישע אָסטראָווצער יוגנט, מיטן אויסנאַם פון אייניקע שלעכטע עלעמענטן, אַרויסגעוויזן זייער גרייטקייט, זייער קרבנות־פולן העראָאישן קאַמף, זייער נאַציאָנאַלן שטאָלץ. אך ווי שווער ס׳איז היינט צו טאָג — צו שרייבן זכרונות און בילדער! אין אַ שטימונג פון אבילות טוט מען דאָס, אָבער מ׳מוז דאָך שרייבן, בכדי מ׳זאָל זיי, די קדושים אונדזערע קיינמאָל ניט פאַרגעסן. די אַלע זכרונות און בילדער פון דער פאַרגאַנגענהייט, זיינען דער „יזכור“, דער „אל מלא רחמים“, אך גאָט! וואָס פאַר אַ געוויינען האָבן זיך געהערט אויפן אָסטראָווצער בית החיים ערב ראש חודש אלול, ערב יום־כפור. און ווער באַוויינט היינט גאַנץ אָסטראָווצע, וואָס איז איין גרויסער בית החיים? ווער באַוויינט היינט אָסטראָווצע, וואָס שמעקט מיט פוסטקייט, טרויער און ווילד־גראָז. אין אש ליגט די יידישע געגנט, נישטאָ קיין זכר פון אַ יידן. ס׳הערשט אַ שטומע שרעק, אַ וויסטע מרה שחורה! ניין, ניט ווינטן זאַמדיקע פון מדבר־בערג האָבן פאַרשאָטן די שיינע שטאָט אָסטראָווצע, נאָר דער בלוטיקער שונא, וועלכער האָט מיט אייזן־קאַמען געריסן דאָס לייב פון די אָסטראָווצער יידן, צווישן וועלכע ס׳איז אויך געווען דער דאָרטיקער רב, דער זון פון אַלטן אָסטראָווצער צדיק ז״ל. מיט „שמע ישראל“ אויף די גליענדיקע ליפּן, זיינען זיי געגאַנגען אויף קידוש השם, איבערלאָזענדיק אין זייערע הייזער בראָך, קלאָג און שבעה. בלויז דער גייסט פון אַ רעליגיעזן יידן מיט אַן אויסגעפּליקטער באָרד שוועבט איבער דעם אָסטראָווצער בית החיים, און שטיקענדיק זיך מיט זיינע בלוטיקע טרערן זאָגט ער שטיל „יזכור“. יזכור נאָך דער אָסטראָווצער קהלה... ער זאָגט פּסוקים פון תהילים און וויינט ביטער אויף דעם גרויסן חורבן. זאָגנדיק קדיש, רייסן זיך פּלוצלינג אַרויס פון זיין מתים׳דיקן האַלדז אַזעלכע קולות, וואָס זיינען ענלעך צו תקיעת שופר. יאָ, שווער איז צו

שרייבן וועגן די קדושים פון אָסטראָווצע, אָבער אויך ניט לייכט איז צו שרייבן וועגן די לעבן־געבליבענע פון אָסטראָווצע. אמריכטיקסטן איז אברהם רייזענס א סטראָפע:

„און זייער לעבן איז געגליכן
צו א לאָמפ מיט ווינציק נאפט.
ווערן, ווערט ער ניט פארלאָשן,
נאָר ברענען, האָט ער אויך קיין קראפט".

ניין, ניטאָ דער כח פון אמאָל, די עמאָציע, דער אינהאַלט פון אמאָל. ניטאָ דער אמאָליקער רייין פארן לעבן. ניטאָ די פריילעכקייט, די אויפגעהייטערטקייט. ניטאָ די התלהבות, די פריילעכקייט פון א שמחת תורה אין אָסטראָווצע. די פריי־לעכקייט ביי די הקפות אין דער גרויסער שטאָטישער שול, פונוואַנען ס'האָבן זיך געטראָגן הילכיקע חסידישע געזאַנגען, וואָס האָבן זיך צוזאַמענגעמישט, צוזאַ־מענגעגאָסן מיט די פריילעכע טענער פון אלטן און נייעם בית המדרש, און געצויגן זיך ביז צום קלויז פון די אומאַנער חסידים וואָס איז געווען אויף דער אלטקונאַווער גאַס, ביי דוד'ל דעם מצבה־קריצער.

אך, וואָס פאר א וואונדערבארער טאַלאַנט עס איז געווען אָט אָ דער דוד'ל! די שיינע קאַליגראַפישע שילדן פון די אָסטראָווצער קראָמען און צוקערניעס, וואָס ער, דוד'ל, האָט אויסגעמאָלן, וואָלטן מיט רעכט — געקענט פארנעמען אן אָנגע־זעענעם פּלאַץ, א גאָר בכבודיקן אָרט אין „בעלאַם ארטעס־שולע". מיט איין וואָרט: אָסטראָווצע האָט געהאט א מוסטערהאפטע יידישע באפעלקערונג וועלכע איז נעבעך אכזריות'דיק אויסגעהרגעט געוואָרן.

כבוד זייער הייליקן אָנדענק!

קדיש נאָך אָסטראָווצע

אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם 11־טן יאָרצייט, ווײַל עס איז אכזריות'דיק אומגעבראַכט געוואָרן די ייִדישע באַפעלקערונג פון אָסטראָווצע, האָט דער אָס־טראָווצער פאַריין אין ריאָ, זונטיק ט"ז מרחשון (דעם 25־סטן אָקטאָבער) אויפן בית החיים אין ווילא ראָזאַלי, דורכגעפירט די אַנטהילונג פון דעם מצבה־טאָוול אויפן אוהל־הקדושים אין אָנדענק פון די אָסטראָווצער פאַמיליעס, קרובים און לאַנדסלײַט, וואָס זײַנען אויף אַ באַרבאַרישן אופן אומגעקומען דורך די הענט פון דעם נאַציסטישן בעסטיאַלישן תּליון.

אַ גאָר גרויסער עולם האָט זיך זונטיק 7 אין דער פרי קאָנצענטרירט לעבן לאָקאַל פון דער חברה קדישא פונוואַנען אַ גרויסע צאָל אויטאָמאָבילן, וואָס די דערמאָנטע לאַנדסמאַנשאַפט האָט געשטעלט צו דער דיספּאָזיציע פונעם ישוב, איז אָפּגעפאָרן צום בית־החיים, וווּ עס האָבן שוין געוואַרט אַ סך אָסטראָווצער וואָס זײַנען געקומען מיט זייערע פּריוואַטע אויטאָמאָבילן פון אַלע געגנטן פון שטאָט און אויסער דער שטאָט...

צען אַזייגער ווערט דורך דעם פּרעזידענט פון פאַריין, ה' שמואל ערליך, דערעפנט דער טרויער־אַקט אין וועלכן עס האָבן זיך באַטייליקט: רבנים, פאָר־שטייער פון אינסטיטוציעס, ראַדיאָ און פּרעסע.

דער אַקט איז געווען אַזוי רירנד, אַז עס לאָזט זיך מיט ווערטער ניט איבער־געבן, ס'איז ניטאָ דער פּאַסיקער, דער ריכטיקער אויסדרוק. עס זײַנען ניטאָ די ווערטער, וועלכע זאָלן קענען אַרויסברענגען דעם גרויסן צער און צאָרן פון די אין טרויער געבויגענע פאַר'אַבלטע אָסטראָווצער, פון די פּערלדיקע טרערן וואָס

האָבן געגלאַנצט אין די אויגן פון אונדזער חשובן שטאָט־רב, הרב יעקב פינק, בעת ער האָט גערעדט וועגן דער הייליקייט און גרויסקייט פון אַלטן אָסטראָווצער צדיק ז״ל, וועגן דעם הילכיק־ספּאַזמאַטישן געוויין פון הרב משה זינגערעוויטש, וואָס האָט ממש די שטיינער פון דער ערד געמאַכט אויפציטערן, וועגן די רירנד־טראַגישע דעראינערונגען פון הרב דוד בריסקמאַן און ה׳ אונגער און וועגן טרויעריקן תהילים ניגון. ניין, דאָס קען מען ניט באַשרייבן. איז דערפאַר וואָס מען קען אַזעלכעס ניט ברענגען צום אויסדרוק אפילו ביי דער גרעסטער אָנ־שטרענגונג, וועל איך געבן א זייער דין שניר׳ל מיט אָפּשפּיגלונגען און סקיצן פון אָסטראָווצע, וועלכעס וועט דינען ווי א קדיש נאָך אונדזער קהלה קדושה, וועלכע איז פאַרשניטן געוואָרן דורך די נאַציס ימ״ש.

זכרונות פון מיין שטעטל

אָסטראָווצע איז געווען א שטאָט מיט א גרויסן אָרגאַניזירונגס־פּאַרנעם. אָסטראָווצע האָט געהאַט: א גוט־אָרגאַניזירטע קהלה, א סוחרים־פאַריין, א קליינ־הענדלער־פאַריין און א האַנטווערקער־פאַריין, יידישע בענק, א סך יידישע שולן, ווי: א „תלמוד תורה״, א „ישיבה״, א „בית יעקב״־שולע (אונטער דער אָנפירונג פון פרוי שרה שענירער), א מזרחי־שולע, „יבנה״ פאַר א פּאָר הונדערט קינדער, וואָס איז געווען באַרימט מיט איר מאָדערנער איינריכטונג און מיט אירע גוטע פּעדאַגאָגישע כחות, און ס׳איז אויך געווען א פאָלקס־שולע (אונטער דער לייטונג פון לערער מייזלס, דעם אָסטראָווצער חזנס איידעם), ס׳זיינען אויך געווען א סך יידישע ביבליאָטעקן און ניט ווייניק וווילטעטיקע אינסטיטוציעס, פון וועלכע איינע האָט זיך אַמיינסטן אָנגעזען אויף דער יידישער גאַס. געווען איז דאָס די: „גוט שבת יידעלעך״, אַזוי האָבן זיי זיך גערופן. איייניקע יאָר פאַר דער לעצטער וועלט־מלחמה, איז אָסטראָווצע באַהערשט געוואָרן פון א שווערן עקאָנאָמישן קריזיס, און צוזאַמענגעבראָכן א סך, נאָר א סך פאַרמעגלעכע יידן, און די אָרעמע, במעט אינגאַנצן דערקוועטשט. אין זייער א סך הייזער האָט מען ממש געהונגערט, אויסגעאַנגען פּשוט פאַר נויט. דאַן האָבן זיך באַלד נעשאַפן פאַרשידענע הילפס־קאָמיטעטן אויף צו לינדערן די שווערע לאַגע פון די אַזוי פיל נויטבאַדערפטיקע, און איינער פון זיי איז געווען דער אויבנדערמאָנטער קאָמיטעט, וועלכער האָט אַרויסגעלאָזט אַן אַפּעל צו דער יידישער פרוי, צו דער באַלעבאָסטע, אַז זי זאָל

זען צו לינדערן די נויט פון איר שוועסטער, היות ווי זי באקט חלות און קיכלעך פאר איר פאמיליע לכבוד שבת, טא זאל זי אויך ניט פארגעסן אין יענער באלע־באסטע וואס האט ניט די מעגלעכקייט דאס צו טון, און זי זאל אנבאקן א חלה פאר אט יענער ארעמער פרוי און א קיכל פאר דעם ארעמען אויסגעהונגערטן קינד, און יעדן שבת אינדערפרי וועט מען דאס קומען צונעמען ביי איר.

פלעגט טאקע יעדן שבת אין דער פרי קלינגען הויך איבער די אסטראָווצער גאסן דער טראדיציאנעלער „גוט שבת, גוט שבת יידעלעך" וואס עס האבן ווי מיט א ניגון אויסגעזונגען די חסידישע יידן, וועלכע פלעגן ארומגיין איבער די הייזער צוזאמענעמען די פארשידענע געבעקסן ווי: חלות, ברויט, קיכלעך און גאנצע שטיקער קוכן פון פארשידענע סארטן, וואס יעדער איינער פלעגט מיט ליבשאפט זיי צוטראגן. דער הויפט־ארגאניזאטאר פון דער אידעע איז געווען דער לארזשערינס מאן, ר' יעקב הערצאג, אדער ווי מ'האט אים גערופן יאנקעלע ידידיה'ס.

ס'האבן אויך געהערט צו דעם דאזיקן קאמיטעט די אסטראָווצער שוחטים מיט ר' וועלוועלע שוחט בראש און נאך פראמינענטע חסידישע יידן ווי: ר' שמואל פוקס, ר' אשר יעקב מינצבערג, יהושע מינץ, ר' אברהמ'עלע ראטשטיין, ר' יאנקעלע ווארצמאן, ר' נח נעטל און נאך א סך אנגעזעענע חסידישע יידן, וועלכע פלעגן אויפשטיין שבת פארטאג און צוזאמענעמען די באשיידענע פאלקס־מתנות און באלד זיי פונאנדערגעטיילט פאר ארעמעלייט, וועלכע האבן מיט דעם געשפייזט זייערע קינדער כמעט א גאנצע וואך. יא, כמעט א גאנצע וואך האבן ארעמע אויסגעמאגערטע קינדער גענעסן פון די גוטע אייל־און מאן־קיכלעך און געקוויקט זיך מיט דער ווייסער חלה, וואס האט געהאט א זייער גוטן טעם, אפילו ווען זי איז שוין געווען ניט אזוי פריש. זיי האבן זיך ממש דערהאלטן ביים לעבן. אין דאס אלץ איז א דאנק די הארציקע אסטראָווצער חסידישע יידן, וועלכע האבן מיט זייער חכמה דאס אזוי פיין ארגאניזירט. כבוד זייער הייליקן אנדענק.

רעדן מיר שוין וועגן געבעקס, וועל איך איבערחזרן א מעשה פון אלטן אסטראָווצער צדיק ז"ל, וואס איך האב געהערט דערציילן פון מיין טייערן פאטער ע"ה ר' יצחק מאיר בן דב.

ווען דער אסטראָווצער רבי ז"ל האט חתונה געמאכט זיין בן יחיד, זיינען צו די שבע ברכות געווען ביים טיש זייער א סך מענטשן: רבנים און רביים, אלע גאענטע און ווייטע קרובים און מחותנים פון מעליצער רב ז"ל, און אלע האבן זייער תורה אנגעהויבן מיט משלים און ווערטלעך פון זייערע פאטערס, ווי: מיין

טאטע ע״ה, דער גרויסער רב, דער צדיק האָט אזוי און אזוי געזאָגט, א צווייטער האָט אויך אָנגעהויבן מיטן זעלבן יחוס, א דריטער יחסן האָט אויך ניט געענדערט דעם סדר ווי: מיין פאָטער, דער באַקאַנטער רב, פלעגט אזוי זאָגן, און אזוי איז געגאַנגען כסדר.

האָט זיך דער אָסטראָווצער רב געפילט עפּעס אָנגערירט... ער איז דאָך ניט קיין יחסן... ס׳איז דעם רבין ניט געגאַנגען אזוי שטאַרק אין זיך גופא ווייל דאַרויף איז ער געווען צופיל עניו, נאָר עפּעס האָט ער געפילט, ווי מ׳וואָלט מיט דעם, אָנגערירט זיין טאַטן, דעם בעקער, וואָס איז שוין לאַנג געווען אויפן עולם האמת.

איז דערפאַר, ווען ס׳איז געקומען די ריי פון אָסטראָווצער און מ׳האָט אים מכבד געווען מיט זאָגן תורה, און יעדער האָט מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם גע־וואַרט צו הערן זיין וואָגיק וואָרט, האָט ער א פּיר געטון מיט זיין אויסגעמאָגער־טער האַנט איבער זיין ברייטער באָרד, פאַרצויגן זיין גרויסן שטערן, פונאַנדער־געעפנט זיינע קלוגע ליכטיקע אויגן, און אָנשפּאַרענדיק זיין האַנט אין טיש, האָט ער אזוי געזאָגט: מיין טאַטע, זכרונו לברכה, איז געווען א בעקער, פלעגט ער תמיד זאָגן, אז אַלט געבעקס האָט ניט אזא גוטן טעם ווי פריש געבעקס.

דאָס מיינט צו זאָגן, אז ניט וויכטיק איז צו באַרימען זיך פון אמאָל. דער עיקר איז די לעצטע שורה, דער „איצט״. איצט? איצט ביזטו אָסטראָווצע פאַר־חושכ׳ט.

די יידישע געגנט מיט די שול־גאַס בראָש
איז אין א חורבה געטוישט.
פאַרשטומט איז דער קלאַנג
פון די יידישע שפּראַך
פון פרייד און געזאַנג
געבליבן ביסטו א וויסטקייט מיין שטאָט...
אין אויסגוס פון צער און צאָרן,
ווען טרערן גיסן אָן א שיעור
פאַרבאָרג איך א רגע מיין פּנים
און שטיל אין הארצן זאָג איך קדיש נאָך דיר...
יתגדל ויתקדש...

ליכט

ס'ברענט א יאָרצייט־ליכט, קאָפּ געבויגן פאַרטראַכט
וועגן גרויזאַם, ווי ס'צעפּערטלט א קינד אין דער מאַמעס אויגן
דער תּליון טריאומפירט, קוועלט, צופרידן, ער לאַכט
מורא'דיקע מוטער־לײַדן האָבן ווי קריכנדיקע שלאַנגען זיך געצויגן...

ווו איז גערעכטיקייט, ווו איז גאָט ?
ווו זיינען די נסים, וואָס זיינען אמאָל געשען ?
ווו איז דער גיהנום, ווו איז גן עדן ?
ווער זיינען די מענטשן, וואָס האָבן דאָס געקענט צוזען ?
ווו איז דער פילאָזאָף, דער שרייבער, וואָס האָט געשריבן:
אויב די ציוויליזאַציע דאַרף קאָסטן א קינדס א לעבן,
זאָל אַלצדינג בלייבן — ווי געווען!

די שטערן האָבן דאָס אַלץ געזען
די שטילקייט פון דער נאַכט געהערט
דעם חיה'שן צײַן־געקריץ
קיין נס איז לײדער ניט געשען
ניט ס'האָט זיך באַוויזן געטלעכע שוץ...

יונגט געזען האָט — ס'איז אַוועק מיט רויך, בלוט
דאָס טײַערסטע, וואָס א פאָלק פאַרמאָגט
דעם שונא — אַן אויפשטאַנד דערקלערט מיט מוט
דער פּאַראָל: שטיי ניט אַבל'דיק, נאָר שלאָג!!!

פאַרוואַנדלט חושך אין זונען־שטראַל
מיט מוט, גבורה און בטחון
אויף מיטהילף פון יידן איבעראַל
צו נענטערער פרייהייט, נצחון...

ס'גערזאַנג פון מזרח

ס'איז א לבנה־נאַכט נאָך חצות. די שווערע זילבער־שיין וואָס איז שפּעדיק אריינגעדרונגען אין דעם פון ברעטער צוזאַמענגעשטעלטן חדר, האָט זיך רחבות־דיק פונאַנדערגעשפּרייט איבער דעם ביסל אָרעמקייט, פאַרשלינגענדיק די שוואַרצע נאַכט־הילע און אַרויסגערופן א פּרימיטיוון װוּנדער, א כישוף־װוּנדער, וואָס האָט נאָך מער געררייצט און אָנגעגריפן די צעשרויפטע נערוון פון דוד'ן, וועלכער האָט זיך געוואַלגערט אין קאַנוולסיווער נערוועזיטעט אויף זיין האַרטן געלעגער ניט קענענדיק בשום אופן איינשלאָפן, צוליב דעם בריוו פון זיינע עלטערן, וואָס ער האָט א טאָג פריער באַקומען. יאָ, א פאַרשטערטן יום־טוב וועלן זיי האָבן, האָט זיין מאַמע געשריבן, צוליב דעם, וואָס ער דוד איז נישטאָ אין דער היים. זי זאָגט אים אריין א היפּשע פּאָרציע מוסר, ווי: אַז א גוט דערצויגענער יידישער זון האַנדלט ניט אַזוי לגבי זיינע עלטערן, דעמאָלט ווען זי, זיין מאַמע, האָט אירע בעסטע כחות געווידמעט אים, און אים געפּלעגט מיט דער בעסטער און העכסטער אויפמערקזאַמקייט און איבערגעגעבנקייט, האָט ער ניט געדאַרפט אָפּזאָגן איר בקשה צוריקצוקערן זיך צוזאַמען מיט זיי קיין בראַזיל. ניין, ניט אַזוי האַנדלט א געטריי קינד. מיט טרערן, בלוטיקע טרערן, באַגיסט זי זיך יעדער רגע, שרייבט זי פון גרויסער און נאָגנדיקער בענקשאַפט צו אים, און ער דער נאַאיווער נאַרישער בחור האָט זיך אוועקגעזעצט דאָרט אין דעם וויסטן נגב וווּ מען זעט אַמאָל אין א יובל א פּיצל פליייש. פייניקט זיין קערפּער אינדערצייט וואָס ביי זיינע עלטערן אין דער היים געפינט זיך פון כל טוב.

ווי שפּילקעס, ווי פייערדיק־צעגליטע שפּילקעס שטעכן אים, דוד'ן, די דאָזיקע

ווערטער. א דינער נעפּל פאַרציט זיך איבער זיינע טונקעלע ביר־אויגן וועלכע וואַרפן אַרויס פּערל׳דיקע הייסע טרערן, וואָס נעמען זיך שורותווייז קייקלען איבער זיינע פון זון ברוינע באַקן.

אך גאָט! אך גאָט שעפּטשען שטיל זיינע ליפּן ווי צו זיך זעלבסט. בין איך דען ניט בלוט פון זייער בלוט און פליש פון זייער פליש, טאָ פאַרוואָס פילן זיי ניט דאָס זעלבע וואָס איך? פאַרוואָס פילן זיי ניט, פאַרוואָס זעען זיי ניט, אז שווערע וואָלקנס הענגען איבער דעם קלאָרן ארץ־ישראלדיקן הימל, און דראָען צו צעשטערן דאָס גרויסע וווּנדערבאַרע ווערק, וואָס איז מיט אַזוי פיל מי, בלוט און ליבשאַפט אויפגעבויט געוואָרן.

פאַרוואָס פאַרשטייען זיי ניט, אז ס׳איז ניט בלויז די שווערע אויפגאַבע פון בויען און באַפרוכפּערן דאָס פריש־דערוואָרבענע לאַנד נאָר אויך פון באַשיצן.

ניט נאָר שאַפן, נאָר אויך פאַרטיידיקן. די אינטענסיווע טעטיקייט, די מיט־הילף פון יעדן יידן איז אומבאַדינגט נויטיק. קיין שום ערלעכער ייד טאָר זיך ניט אָפּזאָגן פון צולייגן א ציגל צו דעם דאָזיקן אַזוי הייליקן בנין. מ׳טאָר זיך ניט פאַרלאָזן איינער אויפן צווייטן, מ׳טאָר אויך ניט אָפּלייגן די אַרבעט אויף שפּע־טער. היינט, נאָר היינט אין דער גורל׳דיקער שעה דאַרפן געשטעלט ווערן די פראַגעס:

אם אין אני לי מי לי — וכשאני לעצמי מה אני ואם לא עכשו אימתי ?

טאָ פאַרוואָס באַשולדיקט מען מיך? צי האָב איך דען ניט געהאַנדלט ווי אַן אויפריכטיקער זון פון יידישן פאָלק ?

די לאַגע איז דאָך פאָרט נאָך ניט קיין געזיכערטע. דאָס אַזוי שווער דער־וואָרבענע איז דאָך נאָך אין סכנה. די מיט בלוט אויסגעקעמפטע פרייהייט פון יידישן פאָלק און לאַנד איז נאָך ניט א באַפעסטיקטע. ס׳איז דער חוב פון יעדן אויפריכטיקן יידן צו ווידמען זיך אַט־אָ דער הייליקער אידעע, דער קדושה׳דיקער אַרבעט, ניין ער איז קיין זינד לגבי זיינע עלטערן ניט באַגאַנגען, שרייט ער הויך צו זיך אליין, בכדי צו פאַרשרייען זיין אינערלעכע ליבע צו זיינע עלטערן, איבער־הויפּט צו זיין מאַמען וועלכע ער האָט גרענעצלאָז ליב און בענקט נאָך איר שטאַרק. און דאָך באַשטעטיקט אַן אינערלעכע שטימע, אַז ס׳איז ניט ריכטיק זיין מאַמעס אויסדרוק, אַז ער, דוד, איז ניט אין זיין היים. פּונקט פאַרקערט, זיי, זיינע עלטערן זיינען ניט אין דער היים. זיי זיינען אין דער פרעמד, זיי זיינען אין גלות.

ער, דוד, איז אין זיין היים, וועלכע איז א טרייסט פאַר זיינע ליידן און טאָג־טעגלעכע זאָרגן. ניין, ער פילט ניט קיין שום חרטה־געפיל. ער פילט ניט און גע־

פינט ניט פאר נויטיק צו שלאָגן זיך על חטא פאר דעם וואָס ער האָט זיך ניט געוואָלט צוריקערן צום גלות. ווי שווער עס זאָל ניט זיין די באַדינגונגען אויפן פּאַליטישן ארץ־ישראל׳דיקן האָריזאָנט, וויפיל עס זאָל ניט אויסקומען צו ליידן — איז עס צוקער־זיס. ס׳איז ווערט צו ליידן די גרעסטע יסורים און אפילו צו שטאַרבן פאַרן פאָטערלאַנד.

„אין ארץ ישראל ניקנית, אלא ביסורים״ (ארץ ישראל ווערט ניט דערוואָרבן, סיידן דורך יסורים) און בלינד זיינען די דאָזיקע וואָס ווילן ניט ליידן, וואָס פאַר־קויפן זייער פרייהייט פאַר א שטיק פלייש, שרייט ער הויך און שפּרינגט אראָפּ שנעל פון זיין געלעגער, און ניט קוקנדיק אויף דער שפּעטער שעה, זעצט ער זיך צו זיין קליין טישל און נעמט שרייבן אַן ענטפער צו זיינע עלטערן, א בריוו אין וועלכן ער פרעגט זיי, צי זיי האָבן גאָרניט געלערנט פון דער לעצטער וועלט־מלחמה, צי זיי מיינען טאַקע, אז די וועלט־המנ׳ס זיינען שוין באמת טויט און וועלן שוין קיינמאָל ניט אויפשטיין תחית המתים. צי ווייסן זיי ניט, אז דעם ייד׳ס עקזיסטענץ אין די גלות־לענדער איז אַן ווארצלען, אָן א פונדאַמענט, און דער עיקר צי האָבן זיי שוין פאַרגעסן די זעקס מיליאָן קדושים פון דער אַלטער היים...

פאַרענדיקנדיק זיין בריוו דריקט ער אויס זיין היימן באַגער, אז זיינע עלטערן זאָלן זיך צוריקערן קיין ישראל, אויפקלערנדיק זיי, אז ער איז מער ווי זיכער, אז אין גלות וועט אין משך פון דער נאָענסטער צייט דאָס לעבן פאַר אַן אויפריכטיקן ייד, אין וועלכן ס׳איז נאָך געבליבן א פונק פון מענטשלעכן געפיל, זיין א לאַסט, א שווערע לאַסט. א נאָגנדע בענקשאַפט צו זיין א פרייער בירגער אין אַן אייגן לאַנד וועט אים טרייבן פון זיין זיץ־אָרט, אָבער דעמאָלט קען שוין אמאָל זיין צו שפּעט... נאָר היינט איז די צייט איבערצוררייסן מיטן גלות. היינט דאַרף הויך קלינגען אין די אויערן פון יעדן גלות־ייד דער זאַץ:

„לא זו הדרך״ לא!

ניט די הויפּזאַך, ניט דער עיקר איז דאָס לײדער צייטווייליקע באַקוועמע גלות־לעבן. ניט דער עיקר איז א פעטע שיסל פלייש. מ׳דאַרף ניט זיין קורצזיכטיק, מ׳דאַרף קענען זען דעם מאָרגן, דעם עתיד, שרייבט דוד.

אין יעדער יידישער נשמה דאַרף נעסטן א ליבע, א בענקשאַפט צו ציון, א דורשט צו די בלויע וואַסערן פון כנרת און ירדן.

אין יעדן יידישן האַרץ דאַרף זיך הערן דער שיר מזמור, ס׳געזאַנג פון מזרח, ס׳געזאַנג פון דער נייער היים...

נייע און אלטע היים

אין א ים לבנה־ליכט טובלט זיך די מילדע פסח־נאכט, וואָס שווייגט ארום טויזנטער קולות, איינזאפענדיק אין זיך נאָגענדיקע בענקשאפט, באגערן און סודות.

דאניעל ווארפט א פארבענקטן בליק איבער דער גרינער אויבערפלאך פון ים, ווו עס גליטשט זיך א קליין שיפעלע מיט געל־גרינע זעגעלען, און עס דריקן ספקות ווי א שווערער לאסט.

ער טראכט און איבערטראכט, ער קלערט אריין אין די ווערטער פון זיין זונס בריוו, און א קאַלטער שווייס באַגיסט אים.

לעולם פילט דאָך יעדער איינער אין דער טיפעניש פון דער נשמה די שטימע פון „קהלת" דעם „הבל הבלים" — טראכט ער, טאָ פארוואָס זאל מען כאַטש אויך ניט פילן דעם ווירדיקן געפיל פון זיין א פרייער בירגער אין אן אייגן לאנד?

אייגענטלעך, ווייס איך ניט באַלבינא, פארוואָס מיר פארן ניט צוריק קיין ישראל — זאָגט ער צו זיין ווייב, וועלכע זיצט א פארבענקטע נעבן אים. איז דען דוד מיינסטו ניט גערעכט — רעדט ער ווייטער. ניט אַסטראָווצע איז געווען אונדזער אלטע היים, און ניט ריאָ דע זשאנעירא איז די נייע היים אונדזערע. ביידע זיינען „גלות". דארט ווו אונדזער קינד געפינט זיך, איז אונדזער אמתע נייע היים. אויסשליסלעך דאָרט! זאָגט דאניעל, און זיינע אויגן באַקומען א פייכטלעכן גלאַנץ...

ווי א פילם־לענטע נעמט זיך פונאנדערוויקלען פאר זיינע אויגן דאָס געוועזענע בעת זייער לוסטרייזע מיט א יאָר צוריק.

אַט זעט ער די פּראַכטפולע שטאָט תל־אביב מיט איר צויבער, שיינקייט און גלאַנץ, און באַלד דערשיינט ירושלים, די הייליקע שטאָט פון נשמה־דיכטער. די שטאָט וואָס האָט מיט איר גייסט באַהערשט די גאַנצע וועלט, די שטאָט וועלכע האָט שוין איבערגעלעבט קאַמפן און טריאומפן און איינגעזאַפּט אין זיך אַ סך וואַרעם בלוט און טיף מענטשלעכע יללות...

די שטאָט וואָס האָט געהערט אַ סך, זייער אַ סך קלאָג־לידער און אויך לויב־געזאַנגען. אַט זעט ער די בערג פון יהודה וואָס דערציילן פון שוואַכקייט און גבורה, פון שווערן קאַמף און נצחון. און דאַן באַווייזט זיך דער גליל און דער נגב, ווו ער דערזעט זיין ליבן דוד'ן אין קרייז פון אַ גרופּע חלוצים און חלוצות, וואָס האָבן פאַרוואַנדלט די מדבריות, די מיט מאַלאַריע־אינזעקטן אָנגעפילטע מדבריות אין פרוכטבאַרע גערטנער און קאָלאָניעס. ר'זעט ווי זיי טריקענען די יומפּיקע שטחים באָדן, ר'זעט דעם סימבאָל פון יידישן פּראָגרעס, דעם סימבאָל פון העראָישן קאַמף און די קאָלאָסאַלע דערגרייכונגען. ר'זעט דעם נאַציאָנאַלן שטאָלץ און די ישראל־זון וואָס שיינט רחבותדיק. ר'זעט דעם מילדן שמייכל פון דער יוגנט, וואָס סימבאָליזירט דעם חג החרות, און ס'ווערט אים אויך יום־טוב־דיק אויף דער נשמה, וואָס צעזינגט זיך:

בני חורין!

עת לעשות! צו דער אַרבעט! — זאָגט ער צו זיין ווייב.

מיר פאָרן אין אונדזער נייער היים.

די נקמה פון גורל

ראָמאַן פון א שטורמישער צייט

ערשטער קאפּיטל

ס'זיינען פאַראַן מענטשן, וואָס מאַכן זיך פון קיין שום זאַך ניט קיין עגמת נפש. עס גייט זיי גאָר ניט אָן. עס אַרט זיי ניט קיין שום געשעעניש. זיי שווימען איבערן לעבן לייכט, ווי אַ שטרוי אויפן וואַסער. זיי באַמיען זיך צו פאַרגעסן אָן די שלעכטע מינוטן אינם לעבן אָן אַלע צרות און פּיין, אפילו אָן די גרעסטע און ביטערסטע טראַגעדיעס.

זיי זיינען אויך אַזוי פיל פאַרליבט אין זיך גופא, אַז זיי ווילן זיך ניט ווי טאָן, ניט קווענקלען. זיי פאַרטושן, פאַרשלעפערן און דערשטיקן מיט געוואַלט דעם וואָרעם, וואָס נעמט פּיקן אין זייער האַרץ אָדער מוח, אַנטלויפענדיק פון זייער אייגענער וועלט, נעמענדיק בלינד בלאָנדזשען צווישן פרעמדע, פאַרגעסענע וועלטן. זיי טרינקען וויין, אַ סך וויין, און לאָזן זיך וווילגיין. זיי לאָזן שפּילן די לעבנס־האַרפע, ניט וועלנדיק אפילו אַ קלער טון וועגן דעם, אַז עס וועט שפּעטער קומען די שעה פון פאַרצווייפלונג און נויט; אַז עס קאָן אויך אַמאָל, שפּעטער קומען די נקמה פון גורל.

זיי, די דאָזיקע פּערזאָנען לעבן בלויז מיטן הווה, ניט וועלנדיק קיינמאָל דערמאָנען דעם עבר און אַ קלער טון וועגן עתיד. קומט אָבער טיילמאָל אַ שטור־מישע צייט, וואָס וועקט אַזאַ איינעם אויף.

אַזעלכעס האָט טאַקע פּאַסירט מיט יוספן, וועלכער איז גראָד געווען אַזאַ פּערזאָן ווי מיר האָבן אויבן געשילדערט.

ער, יוסף, איז זינט דעם אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה געוואָרן גאָר אַן אַנדערער סאָרט מענטש: ער האָט זיך אינגאַנצן געביטן, זיך געביטן אַזוי

שטאַרק, אַז ס'איז אים לגמרי ניט צום דערקענען. ער, דער תמיד הומאָרפולער יוסף, איז לעצטנס אַ ביז גאָר טרויעריקער, אַ פאַרצווייפלטער, אַ מוטלאָזער און שטענדיק אַן אָנגעכמורעטער, אַ נערוועאיש-פאַרקרענקטער, כמעט שוין באַלד אַ צעבראָכענער.

אין זיינע לילאַ־ווייסע בלומען-בעכערס, וואָס פלעגן איבערגיין פון די בין-השמשות־שטימונגען און אויסזינגען, אויסהילכן ריטמיש די שענסטע און וווּנדער־לעכסטע טענער, טענער פון פרייד, ליבע און גליק, האָט זיך פלוצלינג אַריינגעקראָגן אַ זייער ביטערער סם-טראָפּן. אַ טראָפּן פון אייביקן לעבנס־קאַמף, אַ טראָפּן פון אומרו-קוואַל, און לאָזט אים בשום אופן ניט צורו, גיט אים אפילו קיין איין מינוט ניט קיין מנוחה.

שוין שיינע עטלעכע יאָר, ווי ער איז נאָך קיין איין טאָג ניט געווען ריכטיק צופרידן; קיין איין איינציק מאָל ניט האַרציק געלאַכט און ניט געפּרוּווט אפילו מעכאַניש זיך פריילעך צו מאַכן, אָן אמתן שמייכל צו טון אָדער אַרויסווייזן אַ שפּור פון צופרידענקייט.

ער זוכט פאַר זיך שטענדיק אַ מקום מקלט ווייט פון מענטשן־געטומל, ווייט פון הו-האַ, ווו ער זאָל קאָנען פריי, אומגעשטערט פאַרגיסן אַ טרער, בכדי מ'זאָל פון אים ניט חוזקן, אָפּשפּעטן, אָנרופענדיק אים נקבה, לעמעשקע א. א. וו. ער היט זיך אויס מיט אַ טרער אפילו פאַר זיין אייגן ווייב און טאָכטער, ווייל אויך זיי מוטשען אים תמיד מיט פאַרשידענע נודנע פראַגעס, אויף וועלכע ער האָט לײדער ניט קיין שום ענטפער.

זייער אַ סך מאָל, קומט אפילו צו אַ ווערטער-אויסטויש, צו אַ קריגעריי, הלמאי ער איז לעצטנס אַזוי אַנדערש געוואָרן, אַזוי צוריקגעצויגן פון לעבן, ווייל בשום אופן ניט גיין אין ערגעץ, מיידט אויס געזעלשאַפט און לייגט אפילו ניט קיין אכט אויף זיין קליידונג, און בכלל אויף זיין גאַנצן וועזן.

ער, דער שטענדיקער פעדאַנט, גייט אַ סך מאָל אין געשעפט אַריין אַ ניט אָנ-געראַזירטער און אפילו אָן אַ קראַוואַט. אָבער גיי דערצייל עמיצן, וואָס עס דריקט אים אונטערן האַרץ — טראַכט יוסף. גיי און דערצייל וועמען, אַז פאַר זיינע אויגן שוועבט לעצטנס זיין גאַנצע פאַרגאַנגענהייט ווי אַ פילם־לענטע. אָט באַווייזט זיך אין זיין דעראינערונג אַ העלע, שיינע און פּראָסטיקע נאַכט. דאָס דינע ליכט פון דער קיילעכדיקער ריינער לבנה באַדעקט דאָס גאַנצע שטעטל. געפרוירענע שניי־שטערנדלעך ציטערן אין דער לופט, וואָס איז קאַלט און שטייף און דאָך רואיק. און ער, יוסף, שטייט אונטער דער חופּה, אָנגעטון אין דעם קרייט־ווייסן קיטל

און ווארט מיט א צאפלדיק הארץ אויף זיין כלה, אויף זיין טייערער און ליבער דבורה'לע. אָבער מאָדנע: עס דאכט זיך אים, אז ער איז רואיק, אבסאָלוט רואיק, און דאָך, דאָך פילט ער, ווי זיין הארץ קלאַפּט האסטיקער און שנעלער ווי תמיד.

ער ווייסט אליין ניט פאַרוואָס, נאָר ער, דער שטענדיק געזונטער יוסף, האָט זיך עפּעס פּלוצלינג אָנגעהויבן פילן שוואַך. די פיס זיינע האָבן געגומען לייכט ציטערן און אן אייז־קאַלטער שטראָם האָט אדורכגעוועבט זיין גאַנצן גוף. זאָל דאָס זיין א רעזולטאַט פון צופיל עמאָציע אָדער גאָר פון נאַאיוויטעט? — טראכט יוסף, און ווארפט בגנבה א בליק אויף זיין כלה, וועלכע מ'פירט ארום אים, ווע־לענדיק ארויסלייענען פון איר מיט טויל־באדעקטן פנים, צי אויך זי, דבורה'לע, לעבט איבער עפּעס אזא מין געפיל; צי אויך זי איז אזוי נערוועאיש, אינערלעך נערוועאיש...

אך! אך ווי שנעל די פילם־לענטע וויקלט זיך! א חופה, א סך, זייער א סך ליכט־פלעמלעך, הרי־את, אביסל וויין, א טופּ מיטן פוס, א צעבראָזנעט גלעזל, א מזל־טוב סימפאָניע, א גלאַנציקער קוילעטש, א גאָלדן הינדל, א מצווה־טענצל, און... און ווען ער מיט דבורה'לען געפינען זיך שוין אליין אין א שלאָף־חדר, איז אָנשטאָט עמאָציע געקומען גאָר, א מאָדנע גלייכגילטיקייט, א גלייכגילטיקייט, וואָס האָט זיך פעסט באַזעצט אין זיין הארץ, און, און א סוף געמאַכט צו דעם שלום־בית.

ניט וועלענדיק אָבער זיין אָנוועזענד דער דעפיניטיווער צעשיידונגס־סצענע, ניט וועלענדיק אויסהערן די אלע זידלערייען און קללות, ארבעט ער, יוסף, אויס אזא מין פיין צוגעפּאסטן פּלאַן, וואָס זאָל אים אבסאָלוט ניט ווי טון, ווייל ער האַלט, אז ער דאַרף פון דעם גאָרניט ליידן, ווייל ביי אים קומט אויס, אז ער איז מיט זיך אינגאַנצן אין אָרדנונג, אין אבסאָלוטער אָרדנונג, ווייל ווען ניט, וואָלט ער דאָך געפילט עפּעס א צופּ ביי דער נשמה, עפּעס א סימן פון אומזיכערקייט מיט זיך גופא, עפּעס א חרטה־געפיל.

ס'טייטש, איז ביי אים אויסגעקומען כ'זאָל זיין מיט א פרוי אין איין שטוב און טיילן מיט איר ס'לעבן, אינדערצייט, ווען כ'האָב זי ניט ליב! יאָ, כ'האָב זי אויפגעהערט ליב האָבן — האָט ער געטענה'ט צו זיך זעלבסט.

כ'בין נאָך אזוי יונג, און שוין זאָל איך אָנהויבן בידעווען מיט א ווייב, צו וועמען איך פיל גאָרניט און באַגער ניט. ניין! ניין — טראכט ער ביי זיך, שפּאַ־נענדיק נערוועאיש איבערן צימער, ס'שאַדט ניט, ס'טרעפן, ס'טרעפן א סך אזעלכע פאַלן. כ'בין ניט דער ערשטער און אויך ניט דער איינאונאיינציקער. הלואי זאָל

אזוי ניט טרעפן, ווי עס טרעפט. אפילו ביי רבנים גט מען זיך אויך. ווי זאָגט מען עס: „ס'איז גלייכער פיר אין פריידן, איידער צוויי אין ליידן". ס'וועט פאַר איר גופא אויך בעסער זיין. יאָ, יאָ, ניטאָ קיין אַנדערער אויסוועג ווי גטן זיך. אי דאָס, וואָס דבורה'לע איז שוין אין אַנדערע אומשטענדן איז אויך ניט קיין גרויסער פּראָבלעם: דערווייל, דערווייל גט ער זיך דאָך נאָך ניט; קודם כל דאַרף מען אוועק־פאָרן. אוועקפאָרן ווייט, פאָרן וואָס שנעלער און וואָס ווייטער פונדאַנען. אוועק־פאָרן און צעשיידן זיך אין גוטן מוט! זאָל זי זיך קודם כל אביסל אָפּגעוווינען פון אים, און דאַן, דאַן, ווען די בריוו וועלן ווערן שיטערער, קורצער, זעלטענער און אינהאַלטלאָזער, וועט זי שוין ניט אזוי רעשן, ניט אזוי פיל וויינען און ניט ווערן פאַרצווייפלט ביים דערהאַלטן דעם גט. דעמאָלט וועט זיין אוים! פאַרטיק מיטן עסק. א וואָך, צוויי, דריי, און ס'וועט פאַרגעסן ווערן, ווי קיינמאָל גאָרניט.

יאָ, יאָ, האָט ער ווייטער געצויגן זיין דערמאָנערונג, ס'איז א גרויסער שאָד, צו פאַרשפּילן אזא שיינע וועלט צוליב איין פעלן שריט. ס'איז א גוואַלדיקער שאָד אָפּצופּינצטערן ס'גאַנצע לעבן צוליב דעם וואָס ס'קומט אוים צו האָבן א קליין ביסל אומאַנגענעמלעכקיים. אמת, ער האָט טאַקע געגרייזט, ער האָט גע־מיינט, אז ער האָט זי ליב, אָבער ריכטיקער געזאָגט, ר'האָט זיך איינגערעדט, אז ער האָט זי ליב, נו, און אז מען האָט א טעות, אָדער מען גרייזט איז וואָס? טאָר מען שוין קיינמאָל ניט אויסבעסערן דעם דאָזיקן טעות אָדער פעלער?

ניין, אזעלכעס איז ניט דערלאָזבאַר. יעדער מענטש האָט די פולע רעכט צו זוכן א מיטל, אויף אויסצובעסערן זיינע פעלערן, ציט ער ווייטער זיין פאַרטיידי־קונגס-רעדע. מ'קאָן דאָס ניט אָנרופן אוממאָראַליש, ווייל אין דער יידישער רע־ליגיע איז דאָך דאָ דער גט. די תורה איז גאַנץ קלוג. און אויב מ'מעג זיך גטן, איז א סימן, אז אויב מען טרעפט ניט גוט, איז מער מצווה זיך צו גטן, ווי אָפּפּינצטערן ס'גאַנצע לעבן.

* * *

דער געדאַנק פון זיין פאַרגאַנגענהייט לאָזט אים ניט אָפּ און ער דערמאָנט זיך ווייטער:

עס איז געווען א זייער מיאוסער און שטאַרק שווערער הארבסט, וואָס האָט גיכער אויסגעזען ווי ווינטער, מיט בלאָטיקער טונקעלקייט און שטעכיק-בייסיקער קאָלטקייט. די האַלב-געלע און רויטלעכע בלעטער זיינען געפאַלן פון די ביימער און ערגעץ ווייט פאַרטראָגן געוואָרן דורך די ווינטן און איינגעדאָרט געוואָרן דורך

די מעשענע זון-שטראלן. רעגנס, שטארקע רעגנס, האָבן אָן אויפהער געכליאפּעט און נאָכדעם האָט א דינער שניי ביסלעכווייז פאַרדעקט דעם שווערן אומעט פון ערדישן לעבן. אָבער ניט דאָס שלעכטע וועטער, ניט די זאוויערוכעס און רעגנס און ניט דבורה'לעס בעטן האָבן געקאָנט אים, יוספן, אָפּהאַלטן פון זיין באשלאָסענער רייזע. ס'האָבן ניט געהאָלפן די אלע טענות און ארגומענטן, אז ס'איז ווינטשנסווערט איבערצווואַרטן סיי דאָס שלעכטע וועטער, און סיי דבורה'לעס קימפּעט, וואָס ווערט דערוואַרט אין דער נאָענטסטער צייט.

ס'איז דאָך עפּעס א ווייטע רייזע, א גרויסע רייזע מיט דער שיף, איז בעסער ארויסצופאָרן אין פרילינג, ווען די וועלט איז אָפן — האָט דבורה'לע געטענה'ט וויינענדיק; מה רעש, אז דו וועסט פאָרן מיטן צווייטן טראַנספּאָרט! — און טרערן האָבן געשווענקט איר צעפּלאָמט פּנים.

יאָ, זי האָט מיט פאַרחלומטע אויגן, פולע מיט ליבע און בענקשאַפט געקוקט אויף אים און געבעטן אים אָפּהאַלטן זיך צייטווייליק פון זיין רייזע, אָבער אָן דערפאָלג. ער איז געווען שטאַרק איינגעקשנט און האָט שטרענג דערקלערט, אז ער קאָן בשום אופן ניט צוואַרטן, נאָר ער מוז שוין, ממש שוין, פאָרן, ווייל שפּעטער קענען נאָך אמאָל אונטערקומען זייער גרויסע שוועריקייטן. ניטאָ קיין שום באַרעכטיקונג — האָט יוסף געזאָגט. ס'איז ראַמזאַם צו פאָרן וואָס פריער, וואָס גיכער, ווייל דאָ האָב איך גאָרניט וואָס אויפצוטון.

הא הא הא! — האָט ער זיך פונאַנדערגעלאַכט. זעט נאָר, וואָס דאָ טוט זיך! צענדליקער, הונדערטער מענטשן פאָרן היינט־צו־טאָג אוועק און ס'איז שא, שטיל, ווי קיינמאָל גאָרניט. מען הערט ניט און מען זעט ניט, גלייך ווי ס'וואָלט געווען א נאַטירלעכע זאַך. און דאָ, דאָ גייט די וועלט ממש אונטער. א געלעכטער כ'לעבן! דו זעסט דאָך אליין, אז דאָ קען איך ניט געפינען קיין פּאַסיקע פּרנסה פאַר זיך — האָט ער געזאָגט צו דבורה'לען, שוין מיט אביסל א מילדערן טאָן. און פּרנסה איז ניט קיין קלייניקייט. ווי זאָגט מען: פּרנסה איז א מלחמה. איבערהויפּט איצט, ווען ס'דאַרף מיט מזל קומען א קינד, און די הוצאות וועלן זיך פאַרדאָפּלען; מוז מען דאָך עפּעס א קלער טון וועגן דעם, ווי אזוי צו קענען זיך איינאָרדנען און מאַכן א לעבן. און דער איינציקער אויסוועג איז אויסלאַנד. וועסט זען, דבורה'לע, אז ס'וועט ניט לאַנג דויערן און איה"ש וועל איך דיך אריבערנעמען און מיר וועלן ווידער זיין צוזאַמען. דער עיקר, ניט פאַרצווייפלען און האָבן אויסדויער און געדולד. און געדולד איז דער הויפּט־פונדאַמענט, די עיקר־באַזע פון מענטשנס גליק. פּשוט, דער שליסל פון גליק...

דבורה׳לע, די באַשיידענע, צניעותדיקע דבורה׳לע, וועמענס קוואַלן פון רייד און טרערן זיינען שוין לאַנג, לאַנג אויסגעשעפּט, שווייגט. יאָ, זי שווייגט.

אינם שווערן קאַמף אין משך פון די לעצטע חדשים האָט איר מאַן געזיגט. דער כח פון בלומרשטן פאַרשטאַנד און גוט פאַרטראַכטער אויסרעכנונג האָט גע־זיגט איבערן פאַרשלעפּערטן סענטימענט פון האַרץ... א שטאַרק בלייבע, א ביז גאָר נערוועאישע, איז דבורה׳לע געשטאַנען און אַרויפגעקוקט צום אָפענעם וואַנגאַן־פענצטערל, פונוואַנען ס׳האָט זיך געזען יוספס קאָפּ, ווי אויך דאָס שניי־ווייסע טאַשן־טיכל, מיט וועלכן ער האָט ניט אויפגעהערט צו פאָכען, צוואַרפענדיק אויך זייער א סך לופט־קושן.

אָבער זי, דבורה׳לע, שווייגט... זי שווייגט און מיט די אַלבאַסטער־ווייסע ציין בייסט זי די אונטערשטע ליפּ און א שטאַר־פאַרטרערטער בליק קוקט אין דער ליידיקייט פונם רוים און שטח. יאָ, אין דער ליידיקייט הענגט איר בליק, כאָטש עס דאַכט זיך, אַז זי קוקט בסדר אויף יוספן, וועמען זי זעט שוין אבסאָלוט ניט. זי שטייט א פאַרצווייפלטע, א פאַרשטיינערטע, און ווייסט פּשוט ניט, וואָס מיט איר טוט זיך. ממש, אַזוי ווי א לעבעדיקער מת. און ער, יוסף, האָט דאָס באַמערקט. ער האָט דאָס אַלץ אַרויסגעלייענט פון איר פּנים. ער האָט זי די גאַנצע צייט גוט אָבסערווירט און געזען איר צושטאַנד. ער האָט געזען, ווי זי, דבורה׳לע, האָט אויפגעציטערט אינגאַנצן, ווען ס׳האָט דער לעצטער באַן־פּייף זיך דערהערט. און ער האָט געזען און געהערט איר הילכיק פונאַנדערוויינען זיך, ווען דער צוג האָט זיך גענומען דערווייטערן. און מאָדנע. עס האָט אים לגמרי גאָרניט געאַרט. עס האָט אים אפילו דעם קלענסטן צופּ ביים האַרץ ניט געטון. ס׳האָבן אים ניט גע־רירט אירע טרערן און ניט אירע לעצטע ווערטער: „פאַרגעס ניט, ס׳דאַרף קומען איה״ש א קינד״. ער איז געווען מאָדנע גלייכגילטיק, גלייך ווי קיינמאָל גאָרניט.

נאָך היינט, ער געדענקט דאָס גוט, יאָ, ער געדענקט דאָס זייער גוט, דערמאָנט ער זיך דאָס ספּאַזמאַטישע געוויין אירס, ווי עס וואָלט ערשט נעכטן געווען. ער זעט איר בלייך פּנים, וואָס באָדט זיך אין טרערן, און ער הערט איר פאַרשטיקט שלוכצן. יאָ, ער הערט איצט דייטלעך איר ביטער געוויין, דאָס געוויין פון אַן אָפּ־גענאַרטער, א באַליידיקטער פרוי. דאָס געוויין פון א פאַרשעמטער פרוי...

* * *

צוזאַמען מיט אַלע דעראינערונגען פון זיין פאַרגאַנגענהייט שווימט אַרויף אין זיין זכרון זיין טאַטע, זיין מאַמע, די חדר־יאָרן, ווי ער פלעגט אין די האַרבסט

און ווינטער-חדשים גיין אין חדר אזוי פרי, אז ס׳איז נאָך אזש אין דרויסן געווען פינצטער. ער געדענקט דאָס שמאָלע געסל, ווו זיי האָבן געוווינט; די חברים זיינע, די יינגלעך מיט די קאַפּאָטעס און לאַנגע פאות, און אפילו די קלעפּ, וואָס ער פלעגט ארייננכאַפּן פון זיין רבין. יאָ, ער געדענקט דאָס אלץ זייער גוט. ער געדענקט אויך, ווי זיין פאָטער פלעגט יעדן שבת נאָכן אויפשטיין פון זיין נאָכמיטאָג-שלאָף אים פארהערן אין זיינע למודים און ווי די מאַמע זיינע פלעגט אים נאָכדעם צארט א קוש טון אין קאָפּ און דערלאַנגען שבת־נאשוואַרג.

אך, זיין מאַמע! זיין גוטע, ליבע און טייערע מאַמע. און זיין טאַטע, וועלכער איז געווען א גרויסער למדן און א פרומער, ערלעכער ייד, א ייד מיט א הדרת-פנים פון אן אלטן תלמיד־חכם! אך, זיין טאַטע! האָט ער געטראַכט שטיל, מיט א געמיט וואָס איז געווען פול מיט צער. אוי, גאָטעניו! אונטערגעגאַנגען, אומגעקומען דאָס שענסטע, דאָס בעסטע! און טרערן האָבן גענומען פינקלען אין זיינע אויגן. אָבער דאָס אלץ טוט אים דאָך ניט אזוי שרעקלעך ווי און עגבערט ניט אזוי שטאַרק־מוראדיק אין זיין מוח, ווי דאָס בילד פון דבורה׳לעס פארשפּיצטן בויך, וואָס האָט זיך ווי ארויסגעריסן פון דעם געבלימט-צעלאָזענעם קליידל, ווי עס האָט פּולסירט א קליין יונג הערצעלע, א הערצעלע, וואָס איז געווען א טייל פון זיין אייגן האַרץ, א הערצעלע, אין וועלכן עס איז געפלאָסן זיין אייגן בלוט. אך גאָט! גאָט מיין איינציקער! ווי שנעל, ווי גיך די פילם־לענטע וויקלט זיך; ווי שנעל עס לויפן די בילדער. יאָ, יאָ, א פארשפּיצטער בויך, א מזל־טוב טעלעגראַמע, א בריוו פון ״בורה׳לען, דאָס ערשטע בילד פון קינד, דאַן א צווייט בילד, ווי רבקה׳לע, זיין טעכטערל, האַלט ברייט פונאַנדערגעעפנט אירע שיינע שמייכלענדיקע אייגעלעך, און שפּעטער, א סך, א סך שפּעטער, דער בריוו פון רבקה׳לען גופא, ווי זי שרייבט צו אים, אז איר איינציק-היימער באַגער איז צו קענען אים, איר פאָטער, צו ווען זי פילט אי א בענקשאַפט, אי א וואַרעמע ליבע, א סענטימענטאַלע הייסע ליבע...

ער פילט, אז דער קאָפּ ווערט אים שיעור ניט צעפּלאַצט, ווען ער טוט א קלער וועגן דעם, אז אלע זיינע יאָרן איז ער געווען א צוויי-פּנימדיקער, פארנומען זיך מיט מיאוסע, פּוסטע עולם-הזה׳דיקע זאַכן, ניט רעכענענדיק זיך אפילו מיט געבאָט פון מענטשלעכן גייסט און מאָראַל. און נאָכמער, ניט רעכענענדיק זיך מיט סענ־טימענטן, וואָס באַוועגן א סך מאָל דעם גורל, אז ער זאָל נקמה נעמען. ביטער זיך נוקם זיין אין אזא איינעם.

אך! אך, ווען איך זאָל איצט זיין יונג — טראַכט יוסף, וואָלט איך זיך גאָר אַנדערש אויפגעפירט. ער דערפילט פלוצלינג שטאַרקע חרטה, ווי אויך א פארלאַנג,

א נאָגענדיקן באגער, אָנצומון טלית און תפילין און גיין אין שול אריין, זיך צו-נויפגיסן מיט די אַלע יידן, וואָס טראָגן נאָך ערנסט און הייליק דעם יאָך פון די דאָזיקע מצוות, און מיט טרערן אין די אויגן הייסן שפּיעַן אויף זיך.

* * *

ווי נאָר ס'האָט זיך פאַרענדיקט די ערשטע העלפט פון זיין עבר, ווי נאָר ס'זיי-נען פאַרשוואונדן די קינדער־אותיות פון דער טעלע, און שוין האָט זיך ראַפּטאַם גענומען פונאַנדערוויקלען די צווייטע העלפט פון זיין פאַרגאַנגענהייט:

זיין קומען קיין בראַזיל, דאָס אריינכאַפּן א היפּש ביסל געזאַלצענע צרות אין דער ערשטער צייט. זיין חרטה־געפיל צוליב זיין עמיגרירן, זיין שפּעטערדיקער אויפשטייג אין מסחר, זיין קאַלאָסאַלער דערפאָלג ביי פרויען. זיין סימפּאַטיע און באַגייסטערונג צו בראַזיל, ווי ס'איז אים געלונגען זיך אַזוי גיך און לייכט ארויפ־צואַרבעטן און אויך זיין הייסע, איבערגעגעבענע ליבע צו פּעלימיען, מיט וועמען ער האָט חתונה געהאַט באַלד נאָכן אהיימשיקן דעם גט. און ס'האָט זיך קיינער נים געקאָנט פאַרגלייכן מיט אים אין גליק, ווען ס'איז ביי זיי געבוירן געוואָרן א קינד.

זייער אימפּאָזאַנט איז געפּראַוועט געוואָרן דער נאָמען־יום־טוב, מ'האָט גע-טרונקען און געלאָזט זיך ווילגיין. ער, יוסף, איז געווען איבערגליקלעך און עס איז אים אפילו נים געקומען אויפן רעיון, אז ער האָט צעבראָכן דבורה'לעס לעבן, און אויך פאַרפינצטערט ס'לעבן פון זיין רבקה'לען; ער האָט צומאָל נים געדענקט, אז עפּעס איז אמאָל אין דער אַלטער היים מיט אים געשען, אז עמיץ פאַרגיסט דאָרט ערגעץ צוליב אים א טרער. ניין, ניין, ר'האָט גאָרנים געדענקט. ס'איז אים אַלצדינג אזוי ארויס פון געדאַנק, אז ווען עמיץ זאָל אים פרעגן עפּעס וועגן זיין פאַרגאַנגענהיים, אָדער בלויז דערמאָנען אים וועגן דעם, וואָלט ער געלייקנט, גע-שווירן, אז דאָס אַלץ איז בלויז געווען א חלום, א בייזער חלום און נים מער.

זיין דערפאָלג, סיי מאַטעריעל, סיי געזעלשאַפטלעך, האָט אים פאַרשיכורט און ארויסגעשיילט פון זיין מוח די גאַנצע פאַרגאַנגענהייט זיינע, צוזאַמען מיט די פאַטערלעכע סענטימענטן. ער האָט גאָרנים געדענקט פון אמאָל, און געפילט זיך גליקלעך מיט זיין זיג. און ער האָט נים געוווסט, אז זיג איז בכלל א געפערלעך שיכרות און ספּעציעל אין זיין פאַל. ער האָט נים פאַרגעפילט, אז ס'וועט אמאָל קומען א צייט, וואָס וועט מאַכן א סוף צו זיין באַטויבונג; אז ס'וועט אמאָל קומען

א צייט, ווען דאָס לעבן וועט אים זיין א לאַסט, פּשוט א זייער שווערער לאַסט. ער האָט ניט געקלערט קיינמאָל וועגן דעם, אַז דער גורל קען נאָך אַמאָל זיך נוקם זיין.

ער האָט געהאַלטן, אַז דאָס קוקן צוריק צו דער פאַרגאַנגענהייט איז אַלט־מאָדיש, אָפּגעלעבט. דאָס איז פאַנאַטישקייט, אָפּגעשטאַנענקייט. דאָס פלעגט פּאַסירן אַזוי, ווען ער פלעגט מוסר־בריוו פון שטעטל באַקומען. וואָס ווייסן דאָרט די עלטערע מענטשן! וואָס ווייסן אַזעלכע אַלטע לייט — פלעגט ער זיך אַליין ווען פאַרענטפערן נאָכן איבערלייענען די מוסר־בריוו פון זיינע עלטערן, אָדער פון זיינע שווער און שוויגער. אפילו די האַרצרייסנדע בריוו פון דבורה'לען און רבקה־לען האָבן אים ניט פאַרטרויערט, ניט גערירט. ער האָט זיך גאָרניט געמאַכט פון דעם אַלעם. זיי ווייסן ניט וואָס אַזוינס ס'איז די וועלט — פלעגט ער טענהן צו זיך זעלבסט; זיי זיינען צו ווייניק פּראָגרעסיוו, אַז זיי זאָלן אים קענען פאַרשטיין. זיי זיינען קליינשטעטלדיקע, אָפּגעשטאַנענע מענטשן און זיי ווייסן ניט, וואָס מ'מיינט לעבן. „איך, איך ווייס וואָס איך טו: איך האָב שוין געזען א וועלט, אַדורכגעפאָרן לענדער און שטעט און איך קאָן זייער גוט ס'לעבן", האָט ער גע־האַלטן אין איין באַרעכטיקן זיין האַנדלונג.

יאָ, אמת, ס'לעבן האָט ער געקאָנט. אָבער די לערע פון לעבן איז פאַר אים געווען ניט געגנוג פאַרשטענדלעך, ניט קלאָר און ניט באַגרייפּבאַר. זי איז אַבסאָלוט ניט אַריינגעדרונגען אין זיין מוח און האַרץ. ביז ס'איז געקומען דער טאָג, און דאָס לעבן גופא איז געקומען און געלערנט אים דאָס, אָן רייד און אָן אויפקלע־רונגען און דערקלערונגען. אָן שום מאָטיווירונג און ביישפּילן.

און מערקווירדיק. כאָטש ער האָט זיין פּעליסיען ליב ביז גאָר, און נאָכמער האָט ער ליב זיין עליזאַבעט, און דבורה'לען האָט ער, דאַכט זיך קיינמאָל ניט ליב געהאַט, אָדער בעסער געזאָגט, ער האָט זי פיינט געהאַט בתכלית השנאה, פילט ער גאָר איצט אין זיין האַרץ א בונד מיט דבורה'לען! אָן איבערטרייבונג. אפשר א נאָך א סך פעסטערן בונד ווי מיט זיין איצטיק ווייב און טאָכטער. יאָ, ער פילט דאָס הונדערט פּראָצענטיק. ער פילט א פיל שטאַרקערע ליבע צו דבורה'לען מיט רבקה'לען, ווי צו פּעליסיען און עליזאַבעטן.

אך! אך דבורה'לע! דער דאָזיקער נאָמען גייט אים לעצטנס ניט אַרויס פון קאָפּ. א סך מאָל האָט ער זאָגאר מורא, אַז ר'זאָל זיך ניט אַרויסכאַפּן מיט דעם דאָזיקן נאָמען אין פּעליסיעס קעגנוואַרט. אך דבורה'לע! יאָ, איצט, איצט פאַר־

שטייט ער ערשט, פאַרוואָס ער איז געווען אַזוי גליקגליקלעך צו איר. ער איז געווען צופיל צעלאָזן, רעשיק און הייסבלוטיק. ער איז געווען בלויז גוף. און זי, דבורה'לע, די חנ'עוודיקע דבורה'לע איז געווען צניעותדיק. און דערפאַר האָט זי אים ניט אימפּאָנירט. זי, דבורה'לע, וועלכע איז דערצויגן געוואָרן אין קדושה און טהרה איז געווען פאַר אים צופיל באַשיידן, נאַאיוו און שעמעוודיק און דערפאַר האָט זיך צעבראָכן, צעקרישלט דער שלום-בית, און זי, די צניעותדיקע דבורה'לע, האָט נעבעך געטיילט אַזאַ שלעכטן גורל — האָט יוסף געטראַכט, און זיפצענדיק אויסגעווישט אַ טרער פון זיינע אויגן, אין וועלכע עס איז שוין לאַנג, לאַנג אויסגעלאָשן געוואָרן דער אַמאָליקער פריילעכער לעבנס-גלאַנץ.

צווייטער קאַפּיטל

רבקה'לע, וועלכע האָט אין דער לעצטער וועלט-מלחמה מיטגעמאַכט דעם גאַנצן גיהנום, דעם גאַנצן גרויל, איז נאָך דער מלחמה געווען זייער דערשעפּט און געמוזט גיין אין שפּיטאָל אריין. איר קראַנקהייט איז באַשטאַנען אין האַלוציאַנאַציעס און מעלאַנכאָליע. תמיד איז איר געשטאַנען פאַר די אויגן דאָס בילד פון איר מאַמען, ווו זי ליגט אויף דער הוילער ערד, אַ נאַקעטע ליגט זי אויף דער ערד, און צוויי געזונטע, פעסט-געבויטע, פלאַקס-האָריקע עס-עס-לייט גראָבלען איר אויס מיט לאַנגע גליענדיקע שפּיזן די אויגן, שינדן אראָפּ די הויט, און דאָס פלייש איז רוי, צעריסן, צעגראָבלט, און גייט אָפּ מיט בלוט, מיט פריש-וואַרעם בלוט. און זי, די מוטער, די קדושה, קוקט מיט אַ פאַר מוראַדיק-גלאַציקע אַרויסגעזעצטע אויגן צו איר, צו רבקה'לען, וועלכע שטייט אַ טויט-בלאַסע, אַ ביז-גאָר צעבראָכענע האַרט נעבן איר. יאָ, זי, רבקה'לע, איז געשטאַנען נעבן איר מאַמען, בעת די עס-עס-לייט האָבן אויסגעפירט זייער גרויל-אַרבעט, ווייל אַזוי האָבן די ברוטאַלע, ווילדע, קאַניבאַלישע באַרבאַרן דוקא געוואָלט. זייער בעסטע און שענסטע פאַרווילונג, זייער גרעסטער און טייערסטער פאַרגעניגן איז געווען, צו פאַרפּייניקן די מוטערס אין די אויגן פון זייערע אייגענע קינדער, און אָפּצושניידן אָדער צעשמעטערן קינדער-קעפּעלעך אין די אויגן פון זייערע מאַמעס. יאָ, אין קעגנוואַרט פון די מוטערס האָבן די תליונים געשענדעט זייערע טעכטער, צעריסן קינדער-גופים, צעטראָטן האַלב-פאַרחלשטע און דאַן אַלע צוזאַמען געפירט צום שייטער-הויפן.

יאָ, אַזעלכע מוראַדיקע גרויל-בילדער זעט זי, רבקה'לע, כסדר פאַר אירע

אויגן. זיי, די דאָזיקע בילדער און סצענעס, ווילן בשום אופן ניט פארשווינדן. זי הערט אויך כסדר געשרייען. ווילדע, שרעקלעך-ווילדע קולות. זי הערט דייטלעך די הארצרייסענדע וויי-געשרייען פון די ביטער געפייניקטע, דאָס פארשטיקטע, שווערע כאָרכלען, דאָס גסיסה־כאָרכלען פון די גוססדיקע, דעם צערפולן יאָמער פון די יונגע אומשולדיקע קליינע קינדער, פון די נאָר וואָס געבוירענע, וואָרעם־צאַפּלדיקע נשמה׳לעך, פון די אזוי ריינע, גאָט די נשמה שולדיקע, עופּה׳לעך. זי זעט אויך די כלערליי מאַטער־אינסטרומענטן: טאַרטור-בענק, צוואַנג־קלעצער, ברען־אייזנס, קלעם־שערן, שפּיזן, שפּיצריטער, מעסערס, שאַרפע חלפים, לעדערנע ביימשלעך, און נאָך א סך, א סך אנדערע טויט-אינסטרומענטן.

זי פילט די גוואַלדיקע היץ, דאָס גהינומדיקע פייער פון די קאַלך-אויוונס, און צוזאַמען מיט דעם אלעם פילט זי א זייער ביטערן האַס צו איר פאָטער. און ווען זי האָט לעצטנס אָנגעהויבן דערהאַלטן בריוו פון אים, נאָכדעם ווי ער האָט זי אויסגעפונען, מאַכט זי זיי אפילו ניט אויף, נאָר זי צעפּיצלט זיי מיט כעס און וואַרפט זיי אריין אין מיסט-קאַסטן. זיין נאָמען איז אויסגעמעקט אין איר האַרץ. זי וואַשט לאַנג די הענט, זי זייפט זיי לאַנג נאָכן אוועקוואַרפן די דאָזיקע מיאוסע בריוו און זי צעוויינט זיך ביטער.

עס נעמט איר א שטאַרקער חשק, א הייסער באַגער מתפּלל זיין צו דעם גייסט פון איר מוטער, וועלכע איז נעבעך אומגעקומען אויף קידוש-השם. און ווען זי דערמאָנט זיך דעם נאָמען פון איר פאָטער, דאָס הייסט, ווען עס קומט איר ניט ווילנדיק אויפן געדאַנק זיין נאָמען, ווערט זי קרייט־ווייס און זי שפּייט אויס דריי מאָל. ניין, קיינמאָל וועט זי אים ניט מוחל זיין. ניין, קיינמאָל ניט. זי האָט אים שטאַרק פיינט. זי וויל פון אים ניט וויסן, ניט הערן. זי וויל אים קיינמאָל אין איר לעבן ניט זען. זי באַרויערט טיף אין האַרצן, וואָס זי האָט אמאָל אזוי שטאַרק געשטרעבט, געבענקט צו זיין מיט אים צוזאַמען. ניין, זי וויל זיין פּנים ניט אָנקוקן.

זי האָט שוין בעסער ליב אין חלום צו זען די שווער־אויסגעמאַגערטע, פאַר-הונגערטע און אויסגעדייוועטע קערפּערס פון טרעבלינקע און אוישוויץ־לאַגער, ווי דאָס אָנגעפרעסענע פּנים פון איר פאָטער. אפילו די פּנימער פון די דייטשישע בעסטיעס, וועלכע האָבן אָפּגעטון אלערליי מעשים תעתועים, זיינען איר שוין ליבער צום האַרצן, ווי זיין ברוטאַל־פלייִשיק פּנים. אך ווי זי האָט אים פיינט! בררר! זי ווייס אליין ניט, פונוואַנען עס קאָן זיך נעמען צו א מענטשן אזא ביטער־צאָרנדיקער האַס, ווי זי פילט צו איר פאָטער, וועלכן זי האָט אמאָל אזוי הייס ליב געהאַט; צו וועמען זי האָט געגאַרט און געבענקט.

זיים דאַמאָלט, ווען זי האָט געזען, ווי מ'האָט איר מוטער אַזוי בעסטיאַליש פאַרפּייניקט, האָט זי געפילט, ווי עס וואַקסט אין איר האַרץ אַ מכה. און איצט, איצט, ווען זי האָט פון אים באַקומען דעם ערשטן בריוו, האָט די מכה זיך אויפגעעפנט, צעפּלאַצט געוואָרן און גענומען אייטערן. עס רינט פון איר אַן אויפהער בלוט. ניט סתם עפּעס אַ קליין ביסעלע בלוט, נאָר עס רינען פון איר גאַנצע טייכן בלוט. זי פילט, ווי איר האַרץ פּלושקעט זיך אַזש אין ווארעם בלוט. עס טובלט זיך אין אַ מבול פון בלוט און אייטער. פון תמיד אָן, איז זי, רבקה'לע, געווען אַזעלכע, אַזוי איז שוין געווען איר נאַטור. ווען זי איז געקומען אין קאָנטאַקט מיט עפּעס אַן אומגערעכטיקייט, האָט זי גלייך דערפילט דעם ווייטיק און צער פון דער עוולה ווי אַ ברי אויף איר נאַקעטן לייב.

און ווען זי, רבקה'לע, איז אַזוי געווען פאַרזונקען אין די דאָזיקע געדאַנקען פון דער פאַרגאַנגענהייט, האָט זיך איר פּלוצלינג אויסגעוויזן, עס האָט זיך איר געדאַכט, אַז אַ קברדיקע שטילקייט האָט ראַפּטאָם איינגעהילט די גאַנצע וועלט, גלייך ווי דער גאַנצער באַשאַף וואָלט קדושה'דיק איינגעהאַלטן דעם אָטעם, און מיט פּחד און קוריאָזיטעט געוואַרט אויף אַן „עפּעס" און זי, רבקה'לע, האָט זיך פּלוצלינג אויך דערפילט אינגאַנצן אַן אַנדערע. עפּעס גאָרניט די זעלבע ווי ביז איצט. עפּעס גאָרניט ווי אַ פּראָסטער בשר ודם.

שאַ... עס דאַכט זיך איר, אַז זי הערט ווי ס'דונערט, ס'דונערט שטאַרק און רעשיק. ס'בליצט, און דער הימל האָט זיך געשפּאָלטן. אַ מלאך האָט אַראָפּגענידערט, צו איר זיך דערנענטערט און איר אָנגעשפּיליעט פליגל; אָנגעשפּיליעט פליגל, און געהייסן איר זיך אויפהויבן הויך, הויך, וואָס אַמאָל העכער און העכער, אַזוי, אַז זי האָט שוין באַלד געקענט דערגרייכן דעם הימל מיט דער האַנט. און דאַן, דאַן האָט ער איר באַפוילן אין דער באַגלייטונג פון אַ גאַנצע מחנה מילך-ווייסע וואָלקנס, צו מאַכן אַ לופט-שפּאַציר איבער די חורבות.

אך ווי שיין, עס זיינען די וועגן! אך, ווי וואונדערבאַר־שיין זיי זיינען — טראַכט רבקה'לע. די פעלדער, לאָנקעס, וועלדער און גערטנער; די צעצווייגטע ווערבעס, די יאָדלעס און אַקאַציע-ביימער; אך ווי פּראַכטפול צעבליט זיי זיינען! און די שיינע בלומען־קנאָספּן! אך די דאָזיקע וואונדערשיינע בלומען מיט זייער אַראָמאַט און בונטפאַרביקייט אין אָנבליק פון זון־פאַרגאַנג, לאָקט אַזש פון דערווייטנס! עס רייצט, עס כישופט פּשוט דאָס מענטשלעכע אויג. עס בלענדט אין די אויגן די וואונדערפולע שיינקייט פון דער נאַטור! אך ווי שיין, ווי פּראַכטפול עס איז די דאָזיקע פּאַנאָראַמע, טראַכט זי, און עס ווילט זיך איר גאָרניט גלויבן,

אַז טאַטע דורך דעם זעלבן שיינעם וועג האָט מען געפירט מחנה׳סווייז אומשולדיקע מענטשן צו די קאַלך־אויוונס. ניין, עס ווילט זיך דאָס בשום אופן ניט גלויבן, אַז אָט־אָ דער שיינער, דער פּראַכטפול־שיינער וועג, האָט געפירט צום אַריינגאַנג אין גיהנום.

יאָ, אַ בלוטיקער אמת! אַ סך, זייער אַ סך זיינען מיטן דאָזיקן וועג געגאַנגען צום טויט... פאַרחלשטע האָבן זיי מאַרשירט צום טויט, און די נאַטור איז געבליבן גלייכגילטיק, און עס האָט זיך אפילו דער הימל ניט פאַרוואָלקנט. זי, די נאַטור, איז געבליבן אין איר פולער אומבאַרירטער גאַנצקייט. פּונקט פאַרקערט, אַנשטאָט צו באַהאַלטן זיך פון חרפּה, האָט די זון גאָר העל געשיינט! ווי אויף צו להכעיס האָבן די גאָלדענע זון־שטראַלן נאָך צוגעלויכטן צו דער טויט־חתונה. זיי, די דאָזיקע בלענדעדיקע שטראַלן, האָבן זיך רחבותדיק צעלייגט איבער דער שוואַרצער חופּה, וואָס האָט געהאַנגען איבערן מאַרק פון לעבעדיקן בראָכוואַרג. זיי האָבן ווי מיט רעפלעקטאָרן באַלויכטן די מאַסן־לויה. זיי האָבן זיך גערייצט מיט די צום טויט־פאַרמשפּטע, רוצחיש זיך גערייצט. ניט נאָר, וואָס זיי האָבן באַלויכטן די אויסגעמאַטערטע, צעקאַליעטשעטע און אויסגעדייוועטע גופים, נאָר אפילו שפּעטער דאָס אַש זייערס. זיי, די ליכטיקע זון־שטראַלן, האָבן געוואַרעמט דאָס אַש פון די לעבעדיקערהייט־פאַרברענטע. זיי האָבן עס געוואַרעמט און געטרוקנט, ווייל ס׳איז געווען נאַס, קלעפּיק און פעט.

אַך, ווי עס ווילט זיך איר, רבקה׳לען, קריגן מיט דער נאַטור! עס ווילט זיך איר פּשוט אַ שפּיי טון אויף דער זון פאַר איר חוצפּה; עס וואָלט זיך איר אויך שטאַרק געוואָלט אַראָפּנידערן און נעמען אַזאַ קליין ביסעלע קלעפּיק־גרויע מאַסע, אַזאַ ביסעלע אַש פון אירע אייגענע און נאָענטע. יאָ, כאָטש אַ קליין ביסעלע אַש פון איר מאַמען ע״ה, און עס פּעסט צודריקן צו איר האַרץ און אויסוויינען איר גאַנצן צער און צאָרן. וויינען אָן אויפהער, אַז איר האַרץ זאָל זיך צעפּיצלען, צעפּלאַצט ווערן, פאַרברענט ווערן און אויסמישן זיך מיט דער דאָזיקער גרויער מאַסע. אַך, ווי עס ווילט זיך איר זיין מיט איר מאַמען! עס ווילט זיך איר אויך שרייען, פּראָטעסטירן פאַר דער בעסטיאַלישער האַנדלונג, פאַר דער אכזריותדיקייט פון מענטש צו מענטש, פאַר דער גזלנישקייט צו די אומשולדיקע נאָר־וואָס געבוירענע עופה׳לעך, וועלכע מען האָט דערשטיקט אויף די הענט פון זייערע מוטערס. זי וואָלט געוואָלט שרייען, רופן צו נקמה פאַר דער גרויסער מאַסן־שחיטה, אָבער די צונג איז איר ווי געליימט. זי קען דאָס מויל רעכט ניט אויפמאַכן. זי וואָלט שטאַרק געוואָלט אַזאַ געשריי־טון, אַז די גאַנצע ערד זאָל אויפציטערן, אויפטרייס־

לען זיך מיט דער גאַנצער קראַפט פון דער נאַטור. עס ווילט זיך איר מיט אירע האַרצרייסנדע קולות די לופט צעשניידן, אָבער די צונג אירע איז שטייף. עס העלפט ניט קיין אָנשטרענגען זיך. זי וויינט ביטער און שרייט שטיל, אָבער איר געשריי איז אַזעלכעס, וואָס צעשניידט ווי מיט מעסערס די שטילקייט אַרום איר, אָבער ווייטער ניט. און אַ שטילער וואַלד-עכאָ ענטפערט אָפּ, מיט אַ טאָן פון אַ הספד. אַ קדיש נאָך דער מיליאָנענדיקער עקדה; אַ קדיש נאָך איר טייערער מאַמען, וועלכע געפינט זיך שוין איצט ביים רבונו של עולם.

* * *

יאָ, אָבער, אָבער פאַרוואָס מאַכט זי עפּעס די דאָזיקע לופט־רייזע? פאַרוואָס שפּאַצירט זי אַרום די חורבות? — פרעגט רבקה׳לע ביי זיך זעלבסט. פאַרוואָס האָט זי גראַד איצט אַרומגענומען אַזאַ חשק צו נעמען נקמה? פאַרוואָס איז זי עפּעס אַזאַ פאַרמוח׳טע? יאָ, עפּעס פילט זי, אַז ס׳איז עפּעס דערמער מיט אירע געדאַנקען. יאָ, און ווער איז דער, וואָס האָט איר די דאָזיקע פליגל צוגעשפּיליעט און באַפוילן איר זיך אויפהויבן אין דער לופטן? אָ!... זי ווייס שוין, זי האָט שוין אָן ענטפער אויף די אַלע פראַגן — צעשמייכלט זי זיך און איז צופרידן. יאָ, איר טייערע מאַמע האָט ביים רבונו של עולם אויסגעפּועלט, אַז זי, רבקה׳לע, זאָל ווערן אַ הייליקע. יאָ, זי זעט דייטלעך, אַז זי איז איבערגעאַנדערשט געוואָרן, אַז זי איז איצט אַ הייליקע...

און ס׳איז ניט געווען קיין חידוש, וואָס זי, רבקה׳לע, האָט וועגן זיך געהאַט אַזאַ מאָדנע מיינונג. זי איז באמת געווען אַ הייליקע. זי איז אָפּגעקומען פאַר אַלע אירע חטאים, דורכן זיין געצוווּנגען צו זען, צוצוקוקן זיך צו דער אכזריותדיקער פאַרפּייניקונגס־סצענע פון איר טייערער מוטער, וועמען זי האָט גרענעצלאָז ליב געהאַט. יאָ, דאָס צוזען ווי מ׳האָט איר מאַמעס צעקאַליעטשעטן קערפּער אַרויפגעשליידערט אויף אַ גאַנצן באַרג הרוגים, וועלכע האָבן צוגעדעקט די ערד מיט בלוט, דאָס צוזען די בלעכליי אויסטערלישע מיתה משונות, די פאַרשידענע סע-לעקציעס און בכלל דעם מאַרק פון לעבעדיקן ברוכוואַרג, האָט זי געמאַכט פאַר אַ הייליקע. די שטאַרק־שווערע צרות און פּיין, די גייסטיקע און פיזישע יסורים, האָבן זי פאַרהייליקט, אָבער אויך גלייכצייטיק שטאַרק רואינירט, צעבראָכן. זיי, די שרעקלעכע צרות, האָבן אומרחמנותדיק צעשטערט איר גייסט. זייט דעמאָלט, ווען זי האָט צוגעזען, ווי גאַנצע מחנות פרויען, מענער און קינדער, אומשולדיקע

יונגע קינדער, ווערן איבערגעגעבן די פארצערענדיקע פלאמען פון די קאלך־אויוונס, האט זי ניט געקאנט געפינען איר שלווה, איר גלויבן און בטחון. זייט דעמאלט, זייט דעם גרויסן חורבן, האט זי ניט געלעבט, נאר געפלאקערט, געברענט מיט אן אינערלעך פייער, אזא פייער, וואס האט זי פארצערט, קראנק געמאכט. אזא מין פייער, וועלכעס האט רוצחיש צעשטערט איר גייסט, וועלכער האט זיך אונטערגעבראכן פון די ענויים־קשים, וואס זי האט מיטגעמאכט.

און ווער ווייס, וואס עס וואלט פון דעם ארעם־אומגליקלעכן מיידל געווארן, ווען ניט איר מוטערס ברודער, איר שטיין־רייכער פעטער, וועלכער האט זי ארי־בערגענומען קיין נארד־אמעריקע, ווו זי האט זיך נאכן אויסקורירן זיך, געווארפן מיטן גאנצן ברען און ענערגיע צום לערנען, ביי וואס זי האט געהאט זייער א סך דערפאלג. זי האט בכלל געהאט גרויס דערפאלג, ווייל זי, רעיטשל, ווי מ׳האט זי איצט גערופן, האט געהאט א פון גאט געבענטשן קאפ. זי איז געווען א זייער אויפנאמס־פעאיקע און אן אינטעליגענטע. זי איז געווען א לעבעדיקע קאפיע פון איר מוטער, און דאס האט זי טאקע געשראקן. זי האט שטארק מורא געהאט, אז זי זאל ניט טיילן דעם זעלבן גורל, וואס איז אויסגעפאלן אויף איר מוטער.

אך, איר ליבע, גוטע מאמע! פאר איר אויפריכטיקייט און געטריישאפט, פאר איר הייסער, ערלעכער ליבע און צניעותדיקייט האט דער גורל זי צעקוועטשט ווי א לימענע — האט רעיטשל געטראכט, און טרערן האבן איר געשטיקט אין האלדז. עס זיינען אומזיסט אלע פארזוכן אויסצובעסערן די וועלט, ביז וואנען מענטשן זעלבסט וועלן ניט בעסער ווערן; נאר דורך דעם בעסער ווערן פון יעדן איינצעל־נעם מענטשן, וועט און קען די וועלט בעסער ווערן. אבער ווו זעט מען, ווו געפינט מען היינט צו טאג אן ערלעכן גוטן מענטש — טראכט זי, און קומט צום באשלוס, אז עס לוינט גאר ניט צו זיין אויפריכטיק. דאס הארץ פון דער וועלט איז קראנק — פילאזאפירט זי ווייטער, ווייל ווען ניט, טא פון וואנען־זשע נעמען זיך אזוי פיל מלחמות, אזא אייביקע בלוט־פארגיסעניש, אזא מוראדיקע שנאה צווישן פאלק און פאלק, לאנד און לאנד, מענטש און מענטש? פונוואנען נעמען זיך אזויפיל מיאוסע מדות און חיהשע אינסטינקטן אינם מענטש? פון וואנען־זשע נעמען זיך די אלע סאדיסטישע ווילדקייטן, וואס אפילו חיות אין וואלד וואלטן זיך שעמען מיט דעם? ניין, ס׳לוינט ניט צו זיין אויפריכטיק, ווען ס׳הארץ פון דער וועלט איז קראנק, ווען מענטשן זיינען געמיין, שלעכט און נידערטרעכטיק — האט רעיטשל געטראכט יעדעס מאל, ווען זי האט זיך דערמאנט וועגן איר מוטערס טרויעריקער פארגאנגענהייט. ניין, עס לוינט ניט צו זיין אויפריכטיק — האט זי געטענהט צו

זיך גופא. די צווי-פּנימדיקע נעמען בעסער אויס אין לעבן. זיי געניסן דערפון א סך מער און ליידן פיל ווייניקער, ווי די אויפריכטיקע.

אמת טאקע, אז עס איז א חרפה, א שטארקע זינד, א גראָבקייט פשוט, אזא מין צוגאנג צום לעבן. ליידער אָבער איז עס שוין אזוי. ס'איז א טרויעריקער אמת. אז דער וואס וויל נים פארשפּילן זיין וועלט, זיינע יאָרן און לעבן, מוז גיין מיטן שטראָם, ווי שמוציק ער זאָל נאָר נים זיין. מ'דארף נעמען ס'לעבן לייכט, מ'דארף פראווען שיכרות - ארגיעס און אפילו, אויב מ'דארף, שפרייזן דורך קברים צום אייגענעם גליק! גליק? גליק מ'שטיינסנגעזאָגט — טראכט רעיטשל שטיל פאר זיך זעלבסט, צי קען נאָך פאראן זיין גליק פאר אזא מענטשן, וועלכער האָט צוגעזען אזעלכע אכזריותדיקע מעשים פון מענטש צו מענטש ?

צי קען נאָך עקזיסטירן גליק פאר אזעלכן, וועלכער האָט איבערגעלעבט אזא גרוילפולער צייט, ווען די לופט איז געווען פול מיט צערפולע הילפסרופן, וועלכע זיינען אויפגעגאנגען פון אלע פיר ווינקלען און דער געמורמל פון ריזלדיקן בלוט האָט געמאכט אָפּשטעלן ס'הארץ ?

ניין, ניין, פאר די אלע, וועלכע האָבן דאָס אלץ מיטגעמאכט, דאָס אלץ צוגע־זען, איז קיין שום גליק מער נים פאראן... אייביק וועלן שוועבן פאר זייערע אויגן די אזוי גרוילפולע בילדער און סצענעס פון יענער אינקוויזיטאָרישער צייט און וועט זיי נים לאָזן רוען. ניין, פאר אזא איינעם איז נים דאָ מער קיין נחמה'דיקס, נים דאָ מער פאר דעם נערוון-סיסטעם קיין נאָרמאלע טעטיקייט. ניטאָ מער קיין מנוחה. ניטאָ מער קיין שום גליק. ניטאָ מער גאָרנים !!!

יאָ, זי האָט אזוי לאנג געטראכט, אזוי לאנג געווען פעסימיסטיש, מעלאנכאָ־ליש, ביז וואנען זי האָט זיך באקענט מיטן שיינעם און הומאָרפולן בראזיליאנער דאָקטאָר בערנארדאָ, וועלכער איז געשיקט געווארן קיין נאָרד־אמעריקע מיטן צוועק צו שטודירן דאָרט א יאָר צייט אויף די הוצאות פון דער רעגירונג. ערשט ער, בערנארדאָ, האָט צוריקגעשטעלט איר גלייכגעוויכט. אין זיינע פעסטע אָרעמס, האָט זי, רעיטשל, צוריקגעפונען איר מנוחת-הנפש... און אויך ער, בערנארדאָ, וואָלט אפשר געווען איבערגליקלעך, ווען נים דער סוד, וועלכן ער באהאלט אוים פאר רעיטשלען.

אין מאָמענטן פון גליק און ליבעס-געננוס, ווען ער פילט רעיטשלס הייסן אָטעם, ווען ער דריקט זי צו זיין ברוסט און קושט אירע פארחלומטע אויגן, דער־שיינען פאר זיינע אויגן אכט פייערדיקע אותיות, וועלכע צעשטערן זיין גאנץ פארגעניגן. אָט-אָ די דאָזיקע אכט אותיות מאכן א גאנצע רעוואָלוציע אין זיין

מוח, און צעטרייסלען מוראדיק זיין גייסט. מאָדנע, אכט קליינע אותיות, וואָס פאַרמירן א גאָר קליינעם זאַץ, וואָס באַשטייט פון קוים דריי ווערטער, האָבן אזא מאַגנעטישע קראַפט, אזא כישוף־כח. און דאָס איז „לא זו הדרך" און מאָדנע, כאָטש ער, בערנאַרדאָ, איז פון תמיד אָן א פּאַראַנטוואָרטלעכער מענטש, מיט א לויטער און ריין געוויסן, א קאַרעקטער און פיינער מאַן, קען ער ניט ביישטיין דעם נסיון פון ליבע. דאָס וואַרעם־ברויזענדיקע לעבן, דאָס קאָכעדיקע לעבן, איז א סך שטאַרקער פון אלע מענטשלעכע פליכטן. און דאָס קול פון יונגן, הייסן בלוט שרייט א סך העכער פון אלע מאָראַלישע אָנווייזונגען און געזעצן. א געהיימע שטים אין זיין אונטערבאַוווסטזיין הייסט אים זיין אָפּנהאַרציק און אויפריכטיק צו רעיטשלען, דערציילן איר, אז ער האָט אין בראַזיל א ווייב. דאָס אָפּנאַרן אזא אומגליקלעך מיידל איז א זינד, טענה'ט די זעלבע שטימע, וואַרענענדיק אים: לא זו הדרך, אָבער ער האָט מורא; ר'האָט שטאַרק מורא צו אַנטפּלעקן פאַר רעיטשלען דעם דאָזיקן סוד, מורא האָבענדיק, אז ר'זאָל זי חלילה ניט פאַרלירן. ער האָט זי גרענעצלאָז ליב! נאָך קיין שום פרוי האָט אים אזוי באַצויבערט, אזוי פאַרכישופט און אזוי געצונדן זיינע בלוטן ביז פאַרגעסונג, ווי זי, רעיטשל. און פאַרלירן זי הייסט פאַרלירן זיין גאַנץ גליק. און אפשר אפילו זיין לעבן גופא. ער פילט זיך אזוי געאייניקט מיט איר, אז ער קען גאָרניט פאָרשטיין, ער קאָן זיך גאָרניט פאָרשטעלן זיין לעבן אָן איר. זי, איז זיין גאַנצער אינהאַלט אין זיין לעבן. זי איז זיין אַלץ אויף דער וועלט... זי איז זיין שיינער שיר השירים!

אירס א צאַרטער האַנט־באַריר רירט אים ביז פאַרגעסעניש, צעשטערט זיין גלייכגעוויכט. אירע זיסע ליבעס־רייד גלעטן זיין האַרץ און נשמה און אירס א קוש — דאָס איז דער שטאַרקסטער תענוג זיינער. זי איז אַן אויסגעחלומטער, גוטער מלאך! יאָ, אזוי לאַנג פילט ער זיך גליקלעך, און די גאַנצע וועלט איז זיינע, ביז וואַנען די מחשבות זיינע טראָגן אים ווידער אַוועק קיין ריאָ דע זשאַנעיראָ, אין זיין פּראַכטפול־רייכער וווינונג אין קאָפּאַקאַבאַנאַ, וווּ עס וואַרט אויף אים זיין ווייב.

דעמאָלט, ווען ער דערזעט זיין ווייב, ווערט ער זייער שטאַרק פאַרצווייפלט. א טיפע חשכות צעגיסט זיך אויף זיין אַליוּו־פּנים, און א יאָושדיקער נעמט ער זיך צוריקציען אין זיין אינערלעכקייט. ער שלעפּט צוריק זיינע מחשבות. ער לויפט באַלד אַוועק צו רעיטשלען אין שטוב, און א געהיימער פיבער צעוויגט זיין בלוט, וואָס שרייט פון אים אַרויס דעם אים אזוי ליבן נאָמען: רעיטשל! רעיטשל!

ניין, ניין, ווערט ער פּעסט ביי זיך, איך טאָר גאָר אפילו ניט טראַכטן וועגן

צוריקגיין וווינען מיט מיין ווייב! דאָס לעבן דויערט צו לאַנג, אַז ס'זאָל זיין דער־טרעגלעך עס אויסצוהאַלטן אָן שום ליבשאַפט. זי, זיין ווייב, איז גאָר ניט מסוגל צו געבן אים אַזוי פיל גליק און ליבע, ווי רעיטשל גיט אים. ביי איר, ביי רעיטשלען באָדט ער זיך ממש אין אַ ים פון גליק און ליבע. זי איז באַשאָנקען מיט אַ פּרעכטיקן אינטעלעקט און אַן אומגעהויערע וויטאַליטעט. זי האָט אַ שטאַרקע נשמה און אַ פעסטן כאַראַקטער. און נאָר אַזעלכע איז פאַר אַזאַ גרויסער און הייסער ליבע, פאַר אַזאַ הימליש-געטלעכער ליבשטפט! בלויז אויף שטאַרק־אָנגעשפּאַנטע [illegible]

און אויפגעבן איר ליבע, ציט ער ווייטער זיין מחשבה, הייסט פאַרלירן זייער אַ סך אויפן חשבון פון גליקזעליקייט. ער דערמאָנט זיך אַ שטיקל פון בונם צוקערס אַ ליד:

סילעבן לייענט זיך ווי אַ פּאָעמע,
מ'ווייסט ניט פון לעבן דעם סוף;
ס'האָט קיינער פון דער פּאָעמע
ניט אויסגעלייענט די לעצטע סטראָף.

יאָ, סיי־ווי קומט מען ניט צו צו די לעצטע סטראָף — טראַכט בערנאַרדאָ, טאָ דאַרף מען, ווי לאַנג מ'לעבט, כאַטש נעמען פון לעבן, וויפיל עס לאָזט זיך נאָר. מען דאַרף זען וואָס מער צו געניסן. סיי־ווי קאָן מען דאָך אַלעמען ניט צופרידן שטעלן, טאָ קומט ביי אים אויס, אַז מען דאַרף כאָטש זיך אַליין צופרידן שטעלן. און טראַכטענדיק אַזוי שפּרייזט ער איבער די רעשיקע ניו־יאָרקער גאַסן, ווו פאַרשידנקאָלירטע עלעקטרישע רעקלאַמעס און ריזיקע שוי־פענצטער ווינקען צו אים שעלמיש... די זייער עלעגאַנטע מאַנעקינס מיט די טיפע דעקאָלט־אויסשניטן אויף די ראָזאַווע באַלייבטע פּלייצעס, און די פּאַרפירערישע־פּאַרלייגטע הענט אַרום דער טאַליע האָבן אים נאָכמער אַרויסגעבראַכט פון די כלים. עס איז אים מאָדנע היים געוואָרן אין ברוסט, און וועלכער עס איז אָנגעגאַנגען אַ געראַנגל פון צוויי יונגע פרויען, פון צוויי יונגע, שיינע פרויען, וועלכע זיינען געווען אין סאַמע צעבלי און אויפשטייג.

בערנאַרדאָ האָט געפילט אַ שטאַרקן רחמנות און מיטגעפיל צו זיין ווייב, וועלכע האָט קוים געהאַט עפּעס טועס געווען פון זיין ליבע, אָבער ער איז געווען אַזוי פאַרליבט און פאַרכישופט פון רעיטשלען, אַז ער איז געווען אינגאַנצן אומ-

באהאַלטן. ער ווייס, אַז ער האָט זיך פאַרגענומען אויף אַ הפקרדיקן וועג; ער ווייס, אַז דער פון תמיד אָן גוטער נאָמען פון זיינע עלטערן וועט אַ סך פון דעם ליידן. דאָס אַליין טוט אים שטאַרק וויי, ווייל ער ווייס פּאָזיטיוו, אַז זיין משפּחה וועט האָבן אַ סך אויסצושטיין; אָבער ער האָט ניט קיין שום עצה צו דעם. די ליבע צו רעיטשלען איז פיל שטאַרקער פון אַלץ.

דריטער קאַפּיטל

רעיטשל, וועלכע האָט אַדורכגעמאַכט אַ זייער שווערע, אַ חושכדיקע יוגנט, צענויפגעשטויסן זיך מיט די מורא'דיק־שרעקלעכסטע דערשיינונגען פון אונדזער לעבן נאָך איידער זי האָט זיי אַפילו געקענט באַגרייפן, האָט אין אים, בערנאַרדאָ, געפונען איר איינציק-אויסגעחלומטן אידעאַל, איר גאַנץ גליק.

איז טאַקע קיין וואונדער ניט, וואָס זי איז שטאַרק טרויעריק געוואָרן, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן דערנענטערן די צייט פון זיין צוריקפאָרן קיין ריאָ דע זשאַנעיראָ. זי איז געוואָרן אינגאַנצן אַ דערשלאָגענע; פאַרלוירן דעם חשק צו אַלץ; פאַרלוירן דעם אינטערעס, דעם מוט און אַפילו אויך דעם אַפּעטיט צום עסן. זי איז אַרומגעגאַנגען אַ שטאַרק פאַרביטערטע. עס האָט איר געשווינדלט פאַר די אויגן, און זי האָט זייער אָפט געהאַט שטאַרקן קאָפּ-ווייטיק. דאָס גאַנצע לייב אירס האָט געברענט, געשרפה'ט ממש. זי איז אַרומגעגאַנגען גאַנצע טעג מיט שטייף־פאַרפּרעסטע ליפּן, אַ פאַרחלומטע, כמעט אינגאַנצן אַ ביז גאָר שווייגענדיקע, אַ פאַרשלאָסענע אין זיך. אַפילו מיט אים, בערנאַרדאָ, מיט וועמען זי פלעגט מיט אַזויפיל האַרציקייט און פאַרגעניגן שמועסן, האָט זי אויך גאָר ווייניק גערעדט. זי האָט בלויז געקוקט אויף אים מיט אַ פּאָר ברייט - פונאַנדערגעעפנטע, פאַרליבטע אויגן, און טיף אין האַרצן געחלשט נאָך זיינס אַ באַרירונג... דאָס האַרץ אירס האָט זיך געוויגט האַסטיקער, שטאַרקער, ווייל עס האָט געלעכצט נאָך אַ פונק פון ליבע. עס האָט געבענקט, כאָטש נאָך אַ גאָר קליינעם ליבעס־פונק... און מאָדנע, אָט-אָ די זעלבע רעיטשל, וועלכע האָט שוין ניט איין מאָל געהאַט רעזיגנירט פונם לעבן, ווייל זי האָט געגלויבט, אַז פאַר איר עקזיסטירט ניט מער קיין גליק, האָט איצט געגליט ווי אַ ברענענדיקער קאַלך־אויוון.

אירע אויגן זיינען געווען אנגעפילט מיט טרערן, ווען זי האט געקוקט אויף דעם ברויזענדיקן ים, אויף דעם ווילד-ברויזענדיק כוואליענדיקן ים, וואס האט זיך זייער שטארק געבייכט, געהויבן הויך, און מיט טראסק און געבראזג זיך אפגעשלאגן מיט ווייסער שום, וואס האט מיט רוגזה געשפריצט אין דער לופטן, ווי כ'איז פארשלונגען געווארן דער עכא פון בערנארדאס אזוי היים-ליבענדער אפשייד־קוש, ווען ער האט זיך פארשיפט צוריק קיין ריא דע זשאנעירא... עס האט זיך איר געדאכט, אז די גאנצע וועלט גייט פאר איר אונטער, ווען זי האט געזען, ווי דער אומענדלעכער ים האט זיך רעשיק צעוויגט און מיטגענומען מיט זיך די שיף, אין וועלכער איר אזוי היים־געליבטער בערנארדא איז אוועק...

אירע פארטרערטע אויגן האבן געקוקט נאך ווייטער, אריבער די אלע גרויסע שיפן מיט די ריזיק-הויכע קוימענס, פונוואנען עס האט זיך פון צייט צו צייט ארויסגעריסן א משוגה'דיק רעווען, ווי פון א בייזער אדער ווילדער חיה.

לאנג, לאנג איז זי אזוי געשטאנען און געקוקט אויפן ים, אויף די שטיינערנע פארט־ווענט, אויף די אזוי ברויזענדיקע כוואליעס, אויף וועלכע עס האט זיך לאנגזאם געגליטשט די שיף מיט איר ליבן בחור...

מיט א שטארן בליק האט זי נאכגעקוקט דער אפפארענדיקער שיף, וועלכע האט פארוואלקנט דעם לויטערן, ווייס־בלויען הימל, מיט א סך, זייער א סך שווארצע קנוילן רויך.

און זי האט פלוצלינג א שטארקן ציטער געטון. עפעס האט זי געפילט, ווי דאס הארץ וואלט זיך אין איר אפגעריסן. עס האט זיך איר געדאכט, אז אט־א די שווארצע, אט-א די גרויסע, שווארצע רויך־קנוילן, ציען זיך דווקא אין איר ריכטונג. יא, דירעקט צו איר, און ווילן זי ווידעראמאל איינהילן אין א שווער-געדיכטן גרויען נעפל.

אוי גאטעניו! גאטעניו מיינער! — שעפטשען שטיל אירע ליפן. כ'האב שטארק מורא פאר דעם דאזיקן מיאוסן נעפל, פונוואנען עס איז ניטא קיין שום אויסוועג.

און ווידעראמאל איז זי באהערשט געווארן פון א שווערער מעלאנכאליע. די רויך-קנוילן האבן אין אירע אויגן אויסגעזען ווי שווארצע פליגל פון מלאך המות. ניין, דאס זיינען ניט קיין פראסטע רויך־קנוילן — טראכט זי. דאס זיינען מיאוסע שדים, וואס האבן זיך אנגעזעצט אויף איר און ווילן ווידעראמאל פארטונקלען איר גליק. זיי, די בייזע שדים, האבן פארצויגן א בלייערנעם נעפל, פונוואנען מען קאן זיך בשום אופן ניט ארויסשיילן. און דאס איז גראד דעמאלט, ווען עס האבן

זיך אין איר צונויפגעזאמלט אזוי פיל הייסע באגערן און גלוסטונגען, אזוי, אז זי שפארן אזש פון אירע בלוטן...

אך ווי שרעקלעך! ווי שרעקלעך עס איז דער גורל! ווי מוראדיק ער איז! — טראכט רעיטשל. — פשוט אכזריותדיק איז ער.

פאר׳וואס איז דאס אזוי? פארוואס שטראפט דער גורל זי אזוי שווער? האט זי דען שוין ווייניק פורעניות אראפגעשלונגען? האט זי דען נאך ניט גענוג ביטערניש און טראגיזם געהאט אין איר לעבן? פארוואס קומט איר אזוי פיל צרות! — קלאגט זי ביטער. — פארוואס? — הערט זי ניט אויף צו פרעגן מיט א שטימע, וואס באדט זיך אין טרערן. עפעס דאכט זיך איר, אז דער גורל רייצט זיך מיט איר, גלייך ווי ער וואלט געוואלט נקמה נעמען אין איר.

אבער פאר וועלכע, און פאר וועמענס זינד ?

פערטער קאפיטל

עס איז א זייער הייסער ערב יום-כיפור. אין שול הערשט א פייערלעך-אימהדיקע שטילקייט. ס׳איז פאר כל־נדרי. פארן עמוד, נעבן ארון־קודש, שטייט מיט אן איינגעהאלטענעם אטעם דער בעל-תפילה, ר׳ דוד׳ל זינגלבערג, אנגעטון אין ברייטן שניי-ווייסן קיטל און טלית, און גרייט זיך מיט קדושה און פחד צו דעם גרויסן געטלעכן יום-הדין.

אין שול איז אזוי שטיל, אז עס הערט זיך אזש דאס קנאקן און שפריצן פון די פון היץ זיך שמעלצענדיקע ליכט, וועלכע גליען נאך מער אן, די אזוי אויך שוין גענוג שווערע שול-אטמאספערע. עס איז שטארק דושנע. דער עולם האלט זיך אין איין פאכען, אבער דער בעל־תפילה, ר׳ דוד׳ל, פילט דאס אלץ גארניט. ער שטייט מיט פרום־פארקוועטשטע אויגן און טיף אין הארצן בעט ער צום רבונו של עולם, אז ער, דער אלמעכטיקער, זאל אים און בכלל אלע יידן מוחל זיין פאר די אין משך פון א גאנץ יאר אפגעטועגע זינד. א שווערער חרטה-געפיל באהערשט זיין גאנץ וועזן און טרערן, פערלדיקע טרערן, נעמען שווענקען זיינע קליינע אויגן, וועלכע נעסטן אונטער א פאר גרויסע, געדיכטע ברעמען, שוין כמעט מער ברעמען ווי אויגן. אבער מיטאמאל אומדערוואַרט, ציטערט ער איינגאנצן אויף. ער דערהערט פלוצלינג א צארנדיק־שטרענג געשריי, א געשריי, וואס מאכט פרירן פ׳בלוט אין זיינע אדערן:

— גיי אוועק פון עמוד! גיי אוועק! דו טאָרסט בשום אופן ניט זיין קיין שליח־ציבור! גיי אוועק דו גזלן! דאָס אָרט איז צופיל הייליק און דו טאָרסט דאָ ניט שטיין! — שרייט זיין מחותן, זיין זונס שווער. — גיי אוועק פון עמוד! דו שיינער ייד!

ער דערשרעקט זיך שטאַרק, דאָס מחזור׳ל פאַלט אים ארויס פון די הענט און גרויסע טראָפּנס שווייס באדעקן זיין געקנייטשטן שטערן. ער ציטערט אינ־גאַנצן. ער ווערט אזוי צעטומלט פון די דאָזיקע צאָרנדיקע קולות, אז די הענט פאַלן אים שווער אראָפּ, די פיס זיינע נעמען ציטערן און ער בלייבט א בלייך־צעשראָקענער מיט א שטאַרן בליק, ווי א פארחלשטער. — ניט דאָ איז דיין אָרט! — שרייט ווייטער זיין זונס שווער. דו ביסט א פארברעכער! דו, אלס טאַטע, האָסט ניט געדאַרפט דערלאָזן, אז דיין זון, דיין בענאָק, זאָל מיין קינד אזוי מיאוס פארשעמען, אומגליקלעך מאַכן, צעברעכן זי ווי א שארבן. יאָ, אומגליקלעך אויפן גאַנצן לעבן. ער האָט זי קראַנק געמאַכט, פשוט משוגע געמאַכט, ווייל זי האָט צו־פיל אין אים געגלויבט, און ס׳איז איר קיינמאָל ניט געקומען אויפן רעיון, אז ער, דער דאָקטאָר, דער פיינער און אָרנטלעכער מענטש, וועלכער פארנעמט זיך מיט קהלישע זאכן, זאָל אזוי ברוטאָל קענען האנדלען לגבי זיין אייגן ווייב. און טאַקע דערפאר איז איר געווען צו שווער דאָס אראָפּצושלינגען. זי האָט נעבעך דאָס אלץ אזוי לאַנג געדריקט אין זיך, ביז זי איז קראַנק געוואָרן. פון עגמת־נפש און חרפה האָט איר גייסט געפּלאַצט. אוועק פון עמוד! אוועק! — הערט ער ניט אויף צו שרייען און זיינע אויגן צינדן זיך פון כעס.

עס ווערט אין שול א גרויסער טומל. דער גאַנצער עולם מישט זיך אריין. מ׳פּרובירט מאַכן אויף דער גיך א פשרה, ווייל ס׳רוקט זיך צו די צייט פון כל־נדרי. און ווען דעם בעל־תפילה׳ס מחותן הערט ניט אויף צו זידלען און שרייען, שטופּט מען אים מיט כח אוועק פון נעבן עמוד און די שול איז מיטאמאָל פול געוואָרן מיט כל-נדרי-ניגון, מיטן ביטער־דערשטיקטן יידישן געוויין, מיט זיפצן און קרעכצן. ממש א יללה האָט אויסגעבראָכן, ווען ס׳האָט זיך דערהערט דער כל־נדרי-ניגון.

דער כח פון דעם דאָזיקן הייליקן ניגון האָט ווי אויפגעטרייסלט דאָס מענטש־לעכע הארץ און נשמה, אויפגעמאַכט די טרערן-קוואלן און געמאַכט שנעלער פליסן דאָס בלוט אין די אָדערן. מ׳האָט געוויינט, ביטער געוויינט, אויפן גורל פון אייגענע און נאָענטע, וועלכע מ׳האָט אזוי אכזריותדיק אויסגעהרגעט, פארברענט, צעשניטן און אומגעבראַכט אויף קידוש־השם. מ׳האָט ערנסט אריינגעקוקט אין

די מחזורים און מ'האָט געיאָמערט. מ'האָט געוויינט און ניט געדענקט גאָר וועגן דעם נאָר־וואָס פאַרגעקומענעם סקאַנדאַל. ערשט נאָכן דאַווענען, איז דער גאַנצער ענין ווידעראַמאָל באַנייט געוואָרן. ר' דוד'ל זיגלבערגס זון איז געווען דער צענטער, אַרום וועמען ס'האָט געקאָכט אין שול ווי אין אַ קעסל.

— אָוואַ! אַזאַ מעשה! האָט אַ פּעטלייביקע יידענע געדרשנט אין דער ווייבערישער שול. אַזאַ מעשה פאַרלויפט זיך ניט יעדן טאָג! — האָט זי כסדר געטומלט. אָפּגעהיטן זאָל מען ווערן פון אַזאַ אומגליק! אַזאַ אָרנטלעכער ייד, דער ר' דוד'ל און גיי ווייס, אַז ר'וועט האָבן אויסצושטיין אַזויפיל צרות און חרפּות פון זיין יינגסטן זון, וועלכער האָט דווקא אויסגעזען צו זיין דער ווילסטער און לייטישסטער פון אַלע זיינע קינדער. — איר ווייסט — האָט זי ניט אויפגעהערט צו ריידן, — איך זאָג אייך, אַז פּשוט אַן עין־הרע האָט ער געהאַט, דער ייד. יעדער איינער האָט נעבעך געהאַט גרויסע אויגן אויף זיין געראָטענעם זון. וואָס ווייסט איר, מענטשן, וואָס עס קאָן אַלץ אַרויסקומען פון גרויסע אויגן! — מאָלט זי אַלץ אָן אָפּשטעל.

פאַר גרויס קנאה, גלויבט מיר, האָט מען געקענט גאָר אפילו אַ בילבול אויף זיין זון אויסטראַכטן. אויף די ניט פאַרגינערס קען מען אַלץ גלויבן. אָפּגעהיטן זאָל מען ווערן פאַר מענטשלעכע מיילער! כ'זאָג אייך, מענטשן, באמת'דיק, אַז מיר דאַכט זיך, אַז דאָס איז אַזאַ מיאוסע אינטריגע פון אַ שונא; אַ בילבול פּשוט.

— גייט, גייט נאַריש מענטש, — האָט אַ צווייטע יידענע איבערגעשלאָגן. יאָ, יאָ אַ שיינער בילבול איז דאָס. ס'איז שוין פון לאַנג אַ סוד פאַר גאַנץ בראָד. מ'ווייסט שוין ניט פון היינט, אַז דער דאָקטאָר בערנאַרדאָ האָט אין אַמעריקע זיך אויסגעזוכט עפּעס אַ שיינע, יונגע אשה, אַ לעבן־געבליבענע פון די היטלער־לאַגערן...

— יאָ, אַז מען זאָגט שיכור, זאָל מען זיך לייגן שלאָפן — זאָגט אַ דריטע יידענע.

יאָ, אַזוי איז עס! — מישט זיך אַריין אַ פערטע. ביי די רייכע, ביי די נגידים, האַלט מען אַלץ בסוד. זיי האָבן אַלץ אויסבאַהאַלטן, ווייל ווי פאַסט דאָס עפּעס, אַז ביי די יחסנים זאָל אַזעלכעס פאָרקומען. מ'האָט געהאַלטן אַלץ בשתיקה און קיינעם וועגן דעם גאָרניט געזאָגט; מיט קיינעם זיך ניט געעצה'עט, ווייל זיי האָבן אַלץ געמיינט, אַז עס וועט זיי נאָך געלונגען שלום צו מאַכן. וואָס געווען, איז געווען, און שאַ שטיל. ס'וועט זיין ווידער גוט. נאָר ערשט דעמאָלט, ווען דער שיינער, אָרנטלעכער יונגערמאַנטשיק האָט זיך מטריח געווען, געגאַנגען צום רב און געבעטן רופן אַהינצו זיין ווייב, אויף צו געבן איר אַ גט — ערשט דעמאָלט

האָט די מכה געפּלאַצט. נו, וואָס וועט ער זיך שעמען, דער טאַטע אירער? ר׳האָט גאַנץ גלייך געטון! ר׳האָט זייער גוט געטון, וואָס ר׳האָט זיין מחותן אוועקגעטריבן פון עמוד, ר׳האָט אים געדאַרפט מאַכן נאָך א גרעסערן סקאַנדאַל, דעם מחותן זיינעם. ר׳האָט אים געדאַרפן דעם קאָפּ צעהאַקן! כ׳זאָג אייך, מענטשן, ווי ר׳זעט מיך לעבן, ווי ס׳איז היינט יום־כיפור פון גאָט, אז ווען דאָס טרעפט חו״ש ביי מיינס א קינד, ווי איר זעט מיך דאָ שטיין, אז איך צעפּלעט אים דעם קאָפּ, אז איך דזשובע אים אויס די קליינע, בינעזישע אויגעלעך. איך וואָלט אים, דעם שיינעם ייד, געמאַכט יענע גרויסע חתונה. איך וואָלט אים באַזונגען בעסער, ווי דער מאַרשעליק האָט אים באַזונגען. איך וואָלט ניט געוואַרט, ביז מיין קינד וואָלט חו״ש משוגע געוואָרן. איך וואָלט זיין גאַנצע משפּחה מיט אים, דעם איי־דעלן דאָקטאָרל בראש, משוגע געמאַכט. איך, איך זעט איר, וואָלט זיי געגעבן צו זינגען און צו זאָגן. כ׳וואָלט זיי דערציילט די אמתע מעשה! א סוף, א וויסטן סוף, וואָלט איך פון זיי אַלע געמאַכט — האַלט זי אין איין שרייען און שפּייט אזש אויס פון כעס. — איך וואָלט ניט געוואַרט, ביז דער רב וועט עפּעס פּסקענען, אָדער דאָס געריכט וועט זיך ארויסזאָגן — זשומעט זי ווייטער. איך וואָלט אליין מיר געמאַכט דעם פּסק; איך וואָלט אזא איידעם די אויגן אויסגעברענט און א סוף. נאָר זיי, זיינען נעבעך זייער שטילע, בכבודיקע מענטשן. שוין צופיל שטילע. אָבער איך גלויב באמונה שלימה, אז עס וועט די זיגלבערגס געצאָלט ווערן פאַר דער בושה, וואָס זיי האָבן אָנגעטון דעם ווייבל נעבעך.

— גלויבט מיר, מענטשן, — רופט זיך אָן א שיין יונג ווייבל, וואָס זיצט די גאַנצן צייט שטיל און הערט זיך איין אין די אַלע שמועסן, גלויבט מיר, אז די נאָוועליסטן, ראָמאַניסטן, וואָס זוכן מאַטעריאַל פון לעבן, דאַרפן נאָר א גאָר קליין ביסל טיפער אריינקוקן אין א סך היימען און זיי וועלן לייכט אויסגעפינען, אז העכסט אינטערעסאַנטער מאַטעריאַל ליגט ממש אונטער די הענט. איר מיינט — זאָגט זי שמייכלענדיק, אז נאָר אָט דער פאַל איז דער איינציקער. א טעות! א סך אַנדערע מענער זיינען ניט בעסער. זייער א סך, פירן היינט צו טאָג א טאָ־פּלטע בוכהאַלטעריע, נאָר מען ווייסט ניט פון זיי, ווייל די ווייבער זייערע שעמען זיך און מאַכן א שווייג. אז מען זאָגט ניט אויס, האָט מען א גוט מזל. איך גלויב בכלל ניט אין ליבע. איך גלויב ניט, אז ס׳איז פאַראַן אמת׳ע ליבע; ליבע, אויב זי עקזיסטירט יאָ, געדויערט זי בלויז א זייער קורצע צייט. ליבע אויפן גאַנצן לעבן — רעדט זי מיט א היציקן טאָן, דאָס איז נאָר פאַראַן אויף די פילמען, אין די ראָמאַנען און אין די מעשה־ביכלעך, אָבער ניט אין דער ווירקלעכקייט. און

נאָך מער, אפילו די ליבע, וואָס איז יאָ פאַראַן אויף א קורצער צייט, איז אויך ווייט ניט קיין אידעאַלע, נאָר א ריין־פיזישער, ליידנשאַפטלעכער באַגער פון יעדן מאַן צו יעדער פרוי אָן אונטערשיד. און וואָס מיינט איר, זיינען חתונות? — פילאָזאָפירט זי, — חתונות קומען גאַנץ אָפט פאָר בלויז צוליב פאַלשקייט און גאַרעריי, כדי דורכדעם צו שאַפן אַזאַ מין שלייער, וועלכער זאָל פאַרדעקן דאָס לעבן מיט א חשבון פון א טאָפּלטער בוכהאַלטעריע.

און ווי אַן עלעקטרישער שטראָם האָבן אָנגעהויבן גלאַנצן אירע ברייט־צעעפנטע אויגן, פונוואַנען מען האָט געקענט זייער א סך אַרויסלייענען אויפן חשבון פון איר אייגן לעבן...

— גייט שוין, גייט — זאָגט זי ווייטער. נעמט אייך א גראָשן פאַרן גאַנצן לעבן מיט דער ליבע צוזאַמען. ס'איז צען מאָל גאָרניט. ס'איז אַלץ איין גרויסער בלאָף — פאַרענדיקט זי און ווישט זיך דעם שווייס פון שטערן.

די ווייבער־שול איז געגאַנגען אויף רעדלעך. אַלע זיינען אַזוי געווען פאַרטון אין ריידן און אין הערן ריידן, אַז זיי האָבן אפילו גאָרניט באַמערקט, אַז דער אַזוי שטאַרק אָנגעגליטער אָוונט האָט זיך מיטאַמאָל געביטן. דער הימל איז געוואָרן שטאַרק פאַרוואָלקנט, שוואַרץ און ווי מיט בליי אָנגעגאָסן. א שווערער שטורם, א הוראַגאַן, האָט גענומען בושעווען און שנעל גענומען באַוועגן די פלעמלעך פון די יום־כיפּור־ליכט. זיי האָבן זיך געוויגט אין אַלע זייטן און אָנגעטראָגן איבער אַלע שול־ווענט מאָדנע משונהדיקע שאָטנס: עפּעס אַזאַ מין מאָדנע אומ־טערלישקייט, וואָס האָט אָנגעוואָרפן אויף אַלעמען א שרעקלעכע אומהיימלעכקייט, א מורא ממש. עס האָט זיך באַקומען א געפיל, אַז דאָס זיינען ניט קיין פלעמלעך, נאָר נשמות פון די לעבעדיקערהייט־פאַרברענטע און באַגראָבענע... נשמות פון די אומגעקומענע אויף קידוש־השם.

יאָ, אויך ר' דוד'לען האָט זיך געדאַכט, אַז אויף די ווענט שוועבן נשמות. א גאַנצע מחנה נשמות. און ווען א פלעמל האָט זיך א צי־געטון אַרויף, האָט זיך אים געדאַכט, אַז א מת ציט אויס זיינע לאַנגע הענט צו אים און וויל אים דווקא אָנ־כאַפּן פאַרן האַלדז און וויל אים וואָרגן, דערשטיקן, פּעסט דערוואָרגן. און האָט ווידער א פלעמל א בלענד געטון אַרונטער, האָט זיך אים אויסגעזען, אַז אָט־אָ דער זעלבער הויכער, געל־הויטיקער, אויסגעביינערטער מת שלעפּט אים מיט כעס אין צאָרן אין אַן אָפּגרונט, ערגעץ אין א חושך־פינצטערן אָפּגרונט אַריין.

און דאָרט, אין דעם דאָזיקן פייכטן אָפּגרונט, האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער זעט ווי עס זיינען פאַרזאַמלט זייער אַ סך נפשות, נפשות, אָנגעטון אין ווייסע מלבושים, וואָס זיצן אַלע אויסגעזעצט אויף דער הוילער ערד. יאָ, אַלע זיצן זיי אויף דער קלעפּיקער ערד, און זאָגן מיט געוויין איכה, אָנשטאָט כל־נדרי...

זיי זאָגן איכה און שאָקלען זיך אבלדיק, און וויינען און קלאָגן ביטער אויף דעם גרויסן חורבן, אויף דער פאַרוויסטונג און בראַך. און בלוטיקע טרערן רינען קוואַלנוויז פון זייערע אויסגעברענטע, אויסגעשטאָכענע אויגן-לעכער. אַביסל טיפער אינעם אָפּגרונט הויבט שוין אָן ליכטיקער ווערן. ער דערזעט אויך דאָרט יום־כיפּור־ליכט. יאָ, אויך דאָרט ברענען זייער אַ סך ליכט, אָבער יענע ליכט פלאַטערן עפּעס מיט אַ גאָר באַזונדערער טהרה און קדושה, מיט עפּעס אַזאַ מין אויסערגעוויינלעכער מאָדנער צניעות. שטילע, רואיקע און זייער צאַרטע. און טאַקע די דאָזיקע צאַרטקייט האָט אים, דוד׳לען, אַ קליין ביסעלע באַרואיקט; אַביסעלע אָפּגעקילט זיינע צעהיצטע נערוון. די דאָזיקע רואיקייט זיינע האָט לאַנג ניט אָנגעהאַלטן. ער האָט פּלוצלינג אַ שטאַרקן צאַפּל געטון; ר׳האָט ראַפּטאַם אויפגעציטערט אינגאַנצן, ווייל עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז אויך דאָרט הערט ער די ווילדע קולות: גיי אוועק פון עמוד! „גיי אוועק פון עמוד, דו גזלן“! און די דאָזיקע ווילדע געשרייען, די רעשיקע קולות קומען ניט פון זיין מחותנ׳ס מויל, נאָר פון יענע אויסגעדייוועטע מתים, וואָס זיצן אַזוי אבלדיק פאַרצערטע אויסגעזעצט אויף דער נאַסער, שוואַרצער ערד. יאָ, אַלע מיט איין מאָל האָבן זיי די דאָזיקע ווערטער אויסגעשריגן און אַלע אינאיינעם האָבן זיי אויסגעביילט די פויסטן זייערע. אַלע האָבן ראַפּטאַם זיך צוזאַמענגענומען און פאַרמאָסטן זיך אויף אים, דוד׳לען, געוואָלט אים פּשוט אויף שטיקער צערייסן, אַ מיאוסן סוף פון אים מאַכן. צעטרעטן אים, ווי אַ וואָרם.

ער, ר׳ דוד׳ל זינגלבערג, וועלכער פלעגט תמיד זיך וויצלען און זאָגן, אַז פאַרן טויט איז זיך ניטאָ וואָס צו שרעקן, ווייל דאָס איז סוף כל סוף די ענדע פונם מענטש, די ענדע פון דעם שפּיל, פון דעם געיאָגעניש, פון דעם רעשיקן הו-האַ, וואָס הייסט לעבן, האָט איצט מאָדנע געציטערט. ער האָט ניט אַזוי שטאַרק מורא געהאַט פאַר דעם אַזוי נאָענט-שטייענדן טויט, ווי פאַר די צאָרנדיקע געשרייען, פאַר די קולות פון זיין שנורס פאָטער, וועלכע ער הערט אויך פון דער מתים-חברה. יאָ, די דאָזיקע מתים האָבן, זעט אויס, אויפגעכאַפּט די טרויעריקע קולות פון זיין מחותן און זיי הערן ניט אויף זיי בכסדר איבערצוחזרן. זיי האָבן פון די דאָזיקע געשרייען אויסקאָמבינירט אַזאַ מין מאָדנע קלאָג-ניגון, וואָס צעחושט אים אינ־

גאַנצן. און ער איז זיכער, אז קיינמאָל וועלן אָט־אָ די דאָזיקע יללות שוין ניט אויפהערן. זיי וועלן אים תמיד באַגלייטן. זיי וועלן אים באַגלייטן ביז צו די קבר־דיקע ברעטער, ביז אין גרוב אריין.

טויזנטער מאַרעווקעס זיינען אדורך זיין לייב. ער האָט געפילט, ווי שפּיציקע דראָטן, עפּעס אזעלכע שפּילקעס שטעכן זיין גאַנצן גוף. עס האָט אים אויך שטאַרק געברענט אין האַלדז, און ער האָט געפילט א מוראדיקן ווייטיק אין אַלע זיינע גלידער. ער האָט איינגאַנצן געציטערט, ווייל ער האָט פאַר זיינע אויגן געזען די שוואַרצע פליגל פון טויט. און ר'האָט אויך גלייכצייטיק געהערט דאָס שטילע גע־וויין פון זיין שנור און די צערפּולע ביטערע קולות, די האַרצרייסענדע געשרייען פון א צעבראָכענעם פאָטער, די שטימע פון א יסורימדיק־פאַטערלעך האַרץ...

די שרעק האָט תמיד זייער גרויסע אויגן, זאָגט מען. און דאָס איז אמת. א טרויעריקער און הייליקער אמת. ווען עמיצן באַפאַלט א פּחד, ווען מען האָט מורא, זעען אַלע אומוואַרשיינלעכקייטן אויס וואַרשיינלעך. ער, דער איבערגעשראָקענער מענטש האָט מורא פאַר יעדן מעגלעכן צופאַל, ר'האָט מורא פאַרן ארום, ר'האָט מורא פאַרן אייגענעם שאָטן...

אויך ער, דוד'ל, איז באַהערשט פון אזא מין שרעקלעכער מורא. עס דאַכט זיך אים, אז מ'שלעפּט אים, מ'שליידערט אים הין און צוריק, מ'רייסט פון אים שטיקער, מ'שרייט פון אַלע זייטן, און ער קאָן זיך בשום אופן קיין עצה ניט געבן. עס זעט אים אויס, אז די גאַנצע וועלט האָט זיך מיט צאָרן אָנגעזעצט אויף אים. עס דאַכט זיך אים אויך, אז נאָכן טויט זיינעם, וועט זיין קבר אויפן בית־עולם זיין אַנדערש ווי אַלע אַנדערע קברים. ס'וועט זיין אן אויסנאַם, אויף וועלכן יעדער אדורכגייער וועט ווייזן מיטן פינגער. עס וועט זיין פּשוט א קברים־שענדעריי.

ניין, ער דוד'ל, האָט אבסאָלוט ניט קיין מורא פאַרן טויט. עס קומט אים גאָרניט אויפן רעיון עפּעס מורא צו האָבן. פּונקט פאַרקערט: דער טויט וואָלט גאָר אפשר געווען פאַר אים אן אויסלייזונג פון זיינע גרויסע און שרעקלעכע צרות. אָבער, אָבער וואָס וועט זיין מיט די שרעקלעכע יללות פון זיין שנורס פאָטער? און וואָס וועט זיין מיט דעם ברענענדיקן עמוד? וואָס וועט זיין מיט די קולות? זיי וועלן דאָך אים באַגלייטן אויפן עולם־האמת אויך. יאָ אומעטום וועלן אים די דאָזיקע יללות נאָכגיין און פאַרפאָלגן. מיט די דאָזיקע שרעקלעכע רעיונות האָט ער זיך ארומגעטראָגן א זייער לאַנגע צייט, ביז ער איז געוואָרן גייסטיק ניט מיט

אלעמען. ר'איז געווארן קראנק און מעלאנכאָליש. לכתחילה איז געווען זייער בי־טערע צרות מיט אים. ער איז געזעסן ווי פארשטיינערט, פארגליווערט אינגאנצן. ניט געוואָלט זיך רירן פון אָרט, ניט געוואָלט אפילו א וואָרט ארויסריידן און ניט געוואָלט עסן.

עס האָבן ניט געהאָלפן קיין שום אויפקלערונגען, קיין שום טענה'ס און בעטן. זיין ענטפער אויף אלע ווענדונגען צו אים, איז געווען פאָלגנדער: — וואָס האָט איר זיך אלע אָנגעזעצט אויף מיר? פארוואָס ארט אייך, וואָס איך עס ניט? וואָס האָט איר עפּעס מורא פאר מיין לעבן? אין אזא צייט, ווען די וועלט האָט אינגאנצן פארגעסן אין דעם „לא תרצח" און באָדט זיך אין היים מענטשלעך בלוט, האָט איין מענטשלעך לעבן ניט קיין שום באַדייט. לאָזט מיך צורו! שטערט מיר ניט מיין רואיקייט! לאָזט מיך שטאַרבן! לאָזט מיך שטאַרבן, נאָר טרייבט אוועק די אלע, וואָס שטייען ארום מיר און שרייען אזוי הויך און פארהילכן די לופט מיט זייערע יללות. טרייבט זיי אוועק פון דאנען! טרייבט זיי אוועק ווייט, ווייט פון מיר!

דאָס איז געווען זיין שטענדיקע בקשה און אויך זיין קרענק, פון וועלכער ער האָט זיך שוין קיינמאָל ניט מער אויסגעהיילט. ער איז שוין קיינמאָל ניט געקומען צו זיך...

דאָס הארץ האָט ביי אים געקלאפּט, ווי מיט טויזנטער האמערס און פון זיינע אויגן האָט ארויסגעקוקט א גרענעצלאָזער פּחד, א מוראדיקע ווילדע שרעק, וואָס קאָן משוגע מאכן. יאָ, ער האָט זיך שוין קיינמאָל ניט אויסקורירט פון דער דאָזי־קער קרענק.

אָדער ער האָט זיך גאַנצע טעג געבייזערט, געבעסט זיך אויף די היינטיקע קינדער, ביי וועמען די עלטערן האָבן ניט קיין שום דעה, אָדער ער איז גאָר גע־זעסן אינגאַנצן א שווייגענדיקער, א שטילער, ניט ארויסרעדענדיק אפילו קיין איינציק וואָרט צו קיינעם, ביז ער האָט פּלוצלינג אָנגעהויבן שיכורן. אָנגעשיכורט זיך אויף אָן אמת, נאָכדעם איינגעשלאָפן, אויפגעשטאַנען און באלד ווידער זיך גענומען צום ביטערן טראָפּן, ווידער זיך געכאַפּט צום פלעשל, איבערגעקערט איין כוסה נאָך דער צווייטער און רחבותדיק מהנה געווען זיינע קראנקע, צעטרייסלטע, שוואַר־צעשרויפטע נערוון, וועלכע האָבן דוקא שטאַרק ליב געהאָט דעם שלאָף.

לאַנג האָט שוין ר' דוד'ל זיגלבערג ניט געלעבט. ער איז פארברענט געוואָרן פון עגמת נפש, חרפּה און בראָנפן...

פינפטער קאַפּיטל

באַלד נאָך ר׳ דוד׳ל זינגלבערגס טויט, האָט דער זון זיינער, דער דאָקטאָר בערנאַרדאָ, אויף צופּיקעניש און צו - להכעיס זיין שווער, איבערגעבראַכט זיין געליבטע קיין ריאָ דע זשאַנעיראָ און איינגעאָרדנט אַ שיינע, פּרעכטיקע, לוקסוסדיקע רעזידענץ, וווהין עס פלעגן אריינקומען זיינע חברים און חברות, אַ גאַר פיינע און גוטע געזעלשאַפט, וועלכע פלעגט דאָרט זייער גוט פאַרברענגען, גוט זיך פאַרווײַלן, ווײַל רעיטשל האָט פאַרמאָגט געניג טאַקט און טאַלאַנט אויף צו קענען ווי געהעריק אויפנעמען געסט.

נאָך אַזויפיל גיהנומדיקע צרות, נאָך אַזויפיל קריע-ריסן אינם יונגן האַרצן אירן נאָך אַזויפיל אכזריותדיקע פייניקונגען, נאָך אַזויפיל מיתה משונה׳ס און תליות, וואָס זי האָט צוגעזען, האָט זי איצט דווקא געוואָלט לעבן, נוקם זיין זיך אינם לעבן. זי האָט געוואָלט שעפּן פון לעבן מיט פולע עמערס. זי האָט געוואָלט נעמען פון לעבן נאָך מער ווי „לעבן”. זי איז געווען פריילעך ביז גאָר און אויך אַנדערע פריילעך געמאַכט. מיט אירע שיינע וויצן און גוטן הומאָר האָט זי אַלעמען אָנגעשטעקט מיט מוט און פריילעכקייט. האָבן טאַקע דערפאַר אַלע זי ליב געהאַט. מען האָט זי ליב געהאַט ווי אַן אייגענע, אַ גאָר נאָענטע, און מ׳האָט געהאַלטן איר הויז ווי די מוסטערהאַפטע, געשמאַקפול־איינגעאָרדנטע היים, וווּ מען קאָן פאַרברענגען אַנגענעם גוט און רואיק אין אָוונט אין אַ היימישער סביבה; אַן אָוונט, וואָס בלייבט אין זכרון...

און עס איז קיינעם פון זיי אַלע אפילו אויפן רעיון ניט געקומען, אַז אין איינעם אַזאַ אָוונט וועט זיך אָט־אָ אין יענעם שיינעם, לוקסוסדיק־איינגעאָרדנטן הויז פונאַנדער־וויקלען אַ זייער שרעקלעך-מוראַדיקע טראַגעדיע, אַזאַ טראַגעדיע וואָס האָט ווייניק פאַרגלייכן אין די טאָג־טעגלעכע געשעענישן: אַזאַ טראַגעדיע, וואָס איז מוראַדיק און פּוירט ס׳בלוט אין די אָדערן, אַ טראַגעדיע, וואָס איז די פרוכט פון אַ פאַרמלאָזער, שטורמישער צייט, פון אַ צעדרייטער, צעקרומטער, פאַרקריפּל־מער צייט... געווען איז דאָס אַזוי: אין אַ געוויסן אָוונט, ווען די גאַנצע חברה האָט ווי תמיד זיך פאַרווײַלט ביי אַ קערטל און מיט אַפּעטיט געשמאַק געזופּט די שוואַרצע קאַווע׳לעך, האָט זיך דערהערט אַ קלונג און אין דער אָפענער טיר איז שטיין געבליבן דעם דאָקטאָר בערנאַרדאָס שווער.

אויף בערנאַרדאָס פּנים האָט זיך ראַפּטאַם געביטן די קאָליר. ער איז געוואָרן ווייס ווי קאַלך און שטאַרק נערוועאיש, זיין אונטערשטע ליפּ האָט אָנגעהויבן

ציטערן און ער איז געווען בדעה צו פארהאקן די טיר פאר דער נאָז פונם אומגעבעטענעם גאסט. אָבער א בליץ-געדאַנק איז שנעל אדורכגעלאפן זיין מוח, וואָס האָט אים אָפּגעהאַלטן פון זיין טאַט. אפשר איז ער געקומען אונטערהאַנדלען סוף-כל־סוף וועגן א גט? — האָט ער א טראכט געטון. דאָס איז דאָך טאַקע זיין באַגער; טאַקע צוליב דעם האָט ער דאָך אריבערגעבראכט קיין ריאָ דע זשאנעיראָ זיין ליבע רעיטשלען, אַז זיין פרוי און אירע עלטערן זאָלן זען, אַז זיי האָבן שוין ניט מער אויף וואָס צו האָפן און ווארטן. טאַקע דערפאר, האָט ער דאָס אזוי געטון, אז זיי זאָלן גאָר פון אים בעטן א גט. און נאָך מער: אַז זיי זאָלן אים נאָך באַצאָלן א זייער גוטן פרייז פארן אָפּגטן זיין ווייב.

און פאקטיש איז דאָך דאָס זיין איינציקער באגער, ווייל סוף כל סוף וואָלט ער דאָך זייער שטאַרק געוואָלט קענען געזעצלעך חתונה האָבן, ארויסקריכן פון דער דאָזיקער מיאוסער, קלעפּיקער בלאָטע און איינמאָל פאר אלעמאָל פארמאַכן די מענטשן די מיילער. עס ארט אים ניט, עס ארט אים אבסאָלוט ניט, וואָס מען רעדט אויף אים שלעכטס. אָבער דאָס, וואָס מען שווענקט זיך אוים מיט רעיטשלען ס׳מויל, דאָס, וואָס מען באַשמוצט זי און מען מאַכט פון איר א גאָרניט, א נול פשוט, דאָס טוט אים שוין גראד שטארק וויי, ווייל זי האָט דאָס ניט פארדינט. זי, רעיטשל, איז א זייער פיינע און גוט-דערצויגענע. זי איז א צניעותדיקע נשמה ממש. א מלאך פשוט! — האָט ער זיך באַהערשט, ארייננגעבעטן דעם גאסט, זיין שווער, מיט א געקינצלטער העפלעכקייט אין שטוב געבעטן אים זיצן, כדי זיך דורכצושמועסן. דאָקטאָר בערנארדאָס שווער, וועלכער האָט דערווארט אן אנדערן אויפנאַם, זיך געריכט אויף א זייער מיאוסן פסק, אויף ארויסגעווארפן צו ווערן, אָדער אויף גאָר נאָך ערגערס, דערזעענדיק די דאָזיקע העפלעכקייט — האָט ער זיך דערפילט אין די פעדערן, און מיט היציקע רייד גענומען אפּעלירן צו בערנארדאָס געוויסן, הלמאי ער האָט אזוי גראָב, מיאוס און אומדערהערט געהאַנדלט לגבי אן אייגן ווייב, וועלכע איז אים איבערגעגעבן, געטריי, און האָט אים שטארק ליב.

— אך ווי אומגלויבלעך דאָס איז! — האָט דער אָנגעווייטיקטער פאָטער געזאָגט. ווי מאָדנע אומגלויבלעך! א מאן פאָרט אוועק אזוי פרידלעך, געזעגנט זיך מיט זיין ווייב אזוי ליב און הארציק און צום שלום, צום סוף, פאראט ער זי אזוי ברוטאַל, אזוי מיאוס און נידעריק־געמיין!

— הערט אויס מיינע ליבע פריינט — ציט ער ווייטער זיינע טרויעריקע מוסר־רייד. דאָס איז דאָך א שווערע זינד אזוי צו האַנדלען. אזא זינד איז ניט פארגעבלעך! יאָ, אומפארגעבלעך! ווען מען פאָרט כאָטש אוועק נאָך א קריגעריי,

מילא! אָבער אוועקפאַרן אַזוי גוט און פיין, צערטלען אַזוי וואַרעם ס'ווייב בײַם געזעגענען זיך, אַרויסווייזן אַזוי פיל געטריישאַפט, צוגעבונדענקייט און פאַרגיסן אַזוי פיל קראָקאָדיל-טרערן, און אָן א פאַרוואָס זי שפּעטער אַזוי ביטער אַנטוישן, אוועקוואַרפן זי אין שום דערקלערונג, אָן שום אָנגעגעבענעם מאָטיוו, דאָס איז אַ זייער שרעקלעכע זינד. א מיאוס פאַרברעכן! ניין, דאָס איז אומדערהערט! וואָס הייסט עפּעס, א מענטש זאָל גאָר און פאַר קיינעם קיין מורא ניט האָבן! וואָס הייסט עפּעס, אַזא מיאוסע הפקרות! וואָס הייסט עפּעס אָן א פאַרוואָס, איבערצו-לאָזן א ווייב, צעברעכן א יונג לעבן! וואָס מיינט מען דאָס עפּעס גיין צום אייגע-נעם גליק, צום אייגענעם פאַרגעניגן דורך מתים, דורך קברים! און וואָס הייסט עפּעס, ניט צו רעכענען זיך מיט יענעמס געפילן, מיט דעם צווייטנס ליידן! וואָס הייסט עפּעס, ניט צו האָבן קיין פּיצל רחמנות אויף אַן אייגן ווייב! — שרײַט ער און בעת-מעשה נעמען זיינע אייגענע אויגן שטאַרק גלאַנצן, ווי בײַ א פּלוצלינג משוגע געוואָרענעם.

ער וויל נאָך עפּעס זאָגן, ער צעעפנט ברייט די אויגן און מאַכט אויף ס'מויל, גלייך ווי ער וואָלט געוואָלט רעוועלירן עפּעס א גאָר א וויכטיקע זאַך, אַרויסשרייען עפּעס א שווערן ווייטיק, אויפדעקן עפּעס א פאַרבאָרגענעם סוד, עפּעס זאָגן, אויפקלערן. אָבער ער טוט זיך א כאַפּ מיט דער האַנט פאַר דער לינקער ברוסט. א שטילער, קוים הערבאַרער קרעכץ, רייסט איבער די שטילקייט און ווי אַן אונ-טערגעזעגטער בוים לאָזט ער זיך שווער אַראָפּ אויפן דיל.

זייער טראַגיש און רירענד ביז גאָר איז געווען די דראַמאַטישע סצענע, ווען בערנאַרדאָס שוועד האָט נאָכן קומען צו זיך, אָנגעהויבן דערציילן זיין לעבנס-געשיכטע. מיט א זייער שוואַכער, קוים הערבאַרער שטימע האָט ער גענומען שיל-דערן זיין טרויעריקע לעבנס-פּאַסירונג, פון וואָס רעטשל האָט א שווערן צאַפּל געטון. זי איז קאָנוולסיוו אויפגעטרייסלט געוואָרן, ווייל זי האָט פון זיינע רייד זיך געכאַפּט, אַז ער איז איר אייגענער פאָטער, איר פאָטער, וועגן וועלכן איר מאַמע ע"ה פלעגט איר אַזוי פיל דערציילן...

די גאַנצע מאָדנע סצענע און דאָס, וואָס בערנאַרדאָס שוועד האָט דערנאָך דערציילט איז בכלל פאַר אַלע אָנוועזנדע געווען אויסערגעוויינלעך איבעראַשענדיק, ממש מיסטעריעז, אומגלויבלעך; און באַזונדערס פאַר רעטשלען. די גאַנצע פאַ-

סירונג דאָ, דאָס דאָזיקע שוידערלעכע בילד, די גאַנצע שווערע איבערלעבונג איז פאַר איר געווען אַזוי צעטרייסלענדיק, אַזוי שטאַרק ווירקענדיק, אַז זי איז אַזש שווער קראַנק געוואָרן דערפון.

אָבער אַפילו דעמאָלט, ווען זי האָט מוראַדיק געפיבערט, ניט געוווּסט פּשוט וואָס מיט איר טוט זיך, ניט גערעדט צו דער זאַך, און איז געווען נערוועאיש־צעטרייסלט, האָט זי דעם פּאָטער אירן געטריבן פון זיך, אַרויסווייזענדיק צו אים פאַראַכטונג און האַס. אַזאַ מין האַס, וואָס גרענעצט זיך מיט ביטער־פאַרביסענע אומדערטרעגלעכקייט, מיט עקל און נקמה־באַגער. זי האָט אָפּגעקערט איר קאָפּ און ניט געוואָלט אַפילו זען און ניט הערן, ווי ער בעט זיך מיט טרערן אין די אויגן ביי איר, אַז זי זאָל אים מוחל זיין; אַז זי זאָל אים אַלץ פאַרגעסן און אים פאַרגעבן; זי זאָל אים כאָטש איין איינציק מאָל אָנרופן „טאַטע”, אַז זי זאָל אים כאָטש עפּעס דערציילן וועגן איר מוטער, ווי אַזוי זי איז אומגעקומען און וועלכע עס זיינען געווען אירע לעצטע ווערטער.

דערצייל, דערצייל, קינד מיינס, דערצייל טייערע רבקה׳שי — האָט ער זי געבעטן, רוף מיך טאַטע; איך בין דאָך דיין פּאָטער, האָב אויף מיר רחמנות! אָבער זי האָט אים אַפילו ניט געוואָלט הערן. זי האָט פאַרמאַכט די אויגן, בכדי אים ניט צו זען. ניין, ניין! ס׳איז ניטאָ קיין שום רחמנות פאַר אַזעלכן! — האָט זי מיט אַ זייער שוואַכער שטימע געזאָגט. ניין, ס׳איז פאַר אַזאַ האַרצלאָזן מענטשן ניט פאַראַן קיין פּיצל רחמנות. דאָס, וואָס דו האָסט געטון איז אומפאַרגעבלעך, דאָס איז אומדערהערט! — האָט זי געהאַלטן אין איין איבערחזרן, באַנוצענדיק די זעלביקע רייד, מיט וועלכע ער האָט געמוסרט בערנאַרדאָ׳ן, זיין איידעם. יאָ, ס׳איז אַכזריותדיק!

יאָ, יאָ, אומדערהערט, אומפאַרגעבלעך! — האָבן כסדר געמורמלט אירע פון פיבער־קאַרמעזין־רויטע ליפּן, וועלכע האָבן פון ווייטיק אַזש זיך אויסגעקרימט יעדע רגע. ניין, ניין! אַ שאָד יעדעס וואָרט. כ׳וועל ניט מוחל זיין, און כ׳וויל ניט מוחל זיין, ווייל צוליב אים, דעם דעמאָן, האָט מיין אָרעמע מוטער אַזויפיל געליטן און סוף כל סוף אַזוי יונג אוועקגעגאַנגען פון דער וועלט, אוועקגעריסן געוואָרן פון לעבן, און פון איר איינציקער טאָכטער, וועלכע מאַטערט זיך דאָס גאַנצע לעבן, און אַלץ, אַלץ צוליב אים, דעם שיינעם ייד, וואָס האָט ערשט מיט אַ קליין שטיקל צייט צוריק אַזוי פיין געפּרעדיקט מאָראַל, געמוסרט און אַפּעלירט צום געוויסן!

זעקסטער קאפיטל

אָט־אָ דאָס איז טאַקע אַ מיאוסע און ביטערע איראָניע פון גורל! — האָט יוסף אויסגערופן, ווען ער האָט זיך דערוווסט, אַז די דאָזיקע געליבטע פון זיין אידעם, די דאָזיקע קאָנקורענטקע פון זיין עליזאַבעט, וועמען ער האָט אַזוי שטאַרק געזידלט, אַזוי מיאוס באַשמוצט, און אפילו אַ סך מאָל געשאָלטן, אפילו געבעטן פשוט אויף איר דעם טויט — איז ניט קיין אַנדערע, ווי זיין אייגענע טאָכטער, זיין אייגן בלוט און פלייש, זיין ליבע און טייערע רבקה'לע, נאָך וועלכער ער האָט אין דער לעצטער צייט אַזוי שטאַרק און היים געבענקט, כאָטש ער האָט זי, אַ חוץ אויפן בילד, נאָך קיינמאָל ניט געהאַט געזען. יאָ, זיין רבקה'לע, וועלכע איז אַ לע־בעדיקע קאָפּיע פון זיין ערשטן ווייב, פון זיין דבורה'לען.

אַך, דבורה'לע! דבורה'לע! — האָט ער מיט אַ געבראָכענער שטימע אויסגע־רופן. ווען זי, דבורה'לע, וואָלט איצט דאָ געווען און געזען דאָס דאָזיקע טרויע־ריקע בילד, וואָלט זי נאָכאַמאָל געשטאָרבן — האָט ער געטראַכט פאַר זיך, און טרערן האָבן זיך געקייקלט איבער זיין צעאַקערטן פּנים. אַ גוואַלדיקע דערשלאָ־גענקייט און שווערמוטיקייט איז אים באַפאַלן און אים אינגאַנצן צעבראָכן, רואי־נירט זיין האַרץ און זיין גאַנץ וועזן.

די עלעקטריזירענדע ווירקונג פון דער מאָדנער אויסגעשיילטער דערשלאָ־גענקייט האָט אים אינגאַנצן צערודערט, צעחושט פשוט. ער האָט אַ טאַפּ געטון דעם שטערן, אפשר האָט ער אביסל וואַרעמקייט? אפשר אַ סך, גאָר אַ סך וואַרעמ־קייט? אפשר איז דאָס אַלץ גאָר אַ חלום? אפשר האַלוציאַנאַציעס? ניין, ניין, — טראַכט ער און וויל זיך באַרואיקן. וואָסזשע? וואָסזשע צאַפּלט זיך עפּעס ביי אים ווי אויסצוגיין? וואָס קלאַפּט זיך עפּעס ביי אים צווישן גומען און צונג? און וואָס זיינען דאָס פאַר אַ מחשבות, וואָס עגבערן אין זיין מוח? יאָ, עפּעס גאָר מאָדנע מחשבות האָבן זיך ווי בליי אין זיין פאַרווייטיקטן מוח אָנגעלייגט, פון דאָרטן זיך פאַרגנבעט אין זיין לינקער ברוסט, און דלובען ווי מיט אייזערנע צוואַנגען גאַנצע שטיקער פון זיין האַרץ. עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז עפּעס אַזוינס, ווי שטאַרק שפּיציקע נעגל וואָלטן אים געהאַלטן אין איין קראַצן און רייסן פּאַסנווייז גאַנצע שטיקער פלייש מיט הויט פון זיין פאַרגליווערטן קערפּער. וואָס איז מיט מיר היינט געשען? — האָט ער געפרעגט אין זיין געדאַנק — וואָס איז בכלל געשען אין דער לעצטער צייט — האָט ער ניט אויפגעהערט טראַכטן. ער האָט דאָך אין זיין גאַנצן לעבן ניט איבערגעלעבט עפּעס אַזאַ מאָדנע סיטואַציע, עפּעס אַזעלכעס, וואָס ער

לעבט איצט איבער. ער האָט אין זיין גאַנצן לעבן ניט געהערט און ניט געלייענט וועגן אזא מין לעבנס-פּלאָנטער, וועלכן ער לעבט היינט איבער. צי חלומט ער אָדער געשעעט דאָס טאַקע אין דערווירקלעכקייט? איז דאָס טאַקע באמת אזוי? — האַלט ער אין איין ברעכן זיין מידן מוח. עפּעס פילט ער, ווי עס נאָגט מאָדנע אינעם הארצן זיינעם. עס צאַנקט, ס׳בריט און עס פילט זיך א גוואַלדיקע, נשמהדיקע צעריסענקייט, וואָס טארטורירט זיין גוף, זיין גאַנץ וועזן. אך ווי שלעכט עס איז דער גורל! ווי מוראדיק ער איז! — האָט יוסף ביטער געקלאָגט, ווי שטאַרק נקמה־דיק ער איז, דער מענטשלעכער גורל! יאָ, נקמהדיק איז ער — האָט ער אויסגע-שריגן און א ווייסע קאָכעדיקע שוים האָט זיך געגומען כוואַליעווען אין זיין מויל.

ניין, עס וואָלט אים אבסאָלוט ניט געאַרט, ווען דער גורל פאַרלייגט זיך אויף אים גופא, און צערייבט אים, צעקוועטשט אים ווי א מיאוסן, גיפטיקן ווארם צווישן די גורל־רעדער, ווייל ער האָט דאָס גאָר היילק פאַרדינט. יאָ, ריכטיק פאַר־דינט א הארבע שטראָף, צוליב דעם, וואָס ער האָט לגבי זיין דבורה׳לען, לגבי זיין ליבער דבורה׳לען, געהאַנדלט ווי א גזלן. אָבער וואָס וויל דער אזוי ביטערער גורל פון זיינע צוויי גוטע, אומשולדיקע קינדער? וואָס וויל ער פון זיינע טייערע טעכטער? — הערט ער ניט אויף צו יאָמערן. פאַרוואָס האָט דער אכזריותדיקער גורל זיך אָנגעזעצט אויף זיינע צוויי טעכטער און זיי מוראדיק רואינירט, צעבראָכן אָן א פיצל גנאָד? אָן א ברעקל רחמנות זיי צוקוועטשט. אך ווי שלעכט ער איז דער גורל! ער איז נאָך ערגער ווי דער טייוול! יאָ, טויזנטער מאָל ערגער ווי דער טייוול גופא. ווייל ניט אפילו דער טייוול אליין וואָלט געקענט צוטראַכטן אזא הארבע, ביטערע שטראָף, ווי די דאָזיקע, מיט וועלכער דער גורל האָט אים באַ־שטראָפט. דער טויט איז א שפּילעכל, א גאָר ניט, א נול פּשוט אין פאַרגלייך מיט די דאָזיקע שרעקלעך־ביטערע נשמה-יסורים, וועלכע קאָרטשען זיין צעבראָכן פאָ-טערלעך הארץ און טרייסלען אָן אויפהער די געדאַנקען זיינע אינם מוח, אין וועלכן עס האָט מיט א סך יאָרן צוריק געהערשט אזא נאריש-זינלאָזע הפקרות, וואָס האָט דערפירט צו אַזאַ אויסערגעוויינלעך-שרעקלעכער און מוראדיקער פאַמיליען־טראַ-געדיע. צו אַזאַ שווערן חורבן. צו אזא פאַרפּלאָנטערטער סיטואַציע אָן אן אויסגאַנג.

אין א גרויען, כמאַרענדיקן הארבסט־פרימאָרגן, ווען אין דרויסן האָט גע־קאַפּיעט א דריבנער רעגן, וואָס האָט זיך טיף איינגעגעסן אין די ביינער, האָט זיך אָן אויטאָמאָביל אָפּגעשטעלט ביים שטאָטישן בית־הקברות. פון אויטאָ איז

אויסגעשטיגן אן עלעגאַנטע פרוי אין די מיטעלע יאָרן, וועלכע איז זייער שנעל אריין אין טויער, און איידער וואָס ווען איז זי שוין געשטאַנען אָנגעבויגן איבער דעם פרישן קבר פון איר מאן, ווען זי איז געקומען אָנזאָגן די גוטע בשורה, אז זייער איידעם, בערנאַרדאָ, איז צוריקגעקומען צו זיין ווייב, צו עליזאַבעט. זי האָט אים דערציילט, ווי ער, בערנאַרדאָ, האָט לאַנג געגלעט עליזאַבעטס קאָפּ און צום סוף זיך צוגעבויגן און איר א שטומען קוש געטון אין שטערן, און זיי זיינען ווידער גליקלעך... אויך דיין טאָכטער רעיטשל איז גליקלעך — האָט זי הויך אריינגעשריגן אין קבר. זי, די צניעותדיקע רעיטשל, די זיסע, טייערע רבקה'לע, האָט באַנג ווי זי איז נאָר געזונט געוואָרן געהייסן בערנאַרדאָן זיך צוריקערן צו זיין ווייב אָפּזאָגנדיק זיך צו זיין מיט אים צוזאַמען. און אדאָלפאָ, בערנאַרדאָס בעסטער חבר, זענדיק איר אזוי נאָבעלן זשעסט, זעענדיק איר הארציקע איידלקייט, האָט זיך איר דערקלערט אין ליבע, און אויך זיי זיינען גליקלעך! אך, יוסף, יוסף! — האָט פעליסיע אויסגערופן — דער גורל איז באמת געווען צו דיר מער ווי שלעכט, וואָס ער האָט דיר ניט געגעבן די מעגלעכקייט צו זען דיינע קינדער גליקלעכע. דיין לעבן איז פארשניטן געוואָרן פאר דער צייט, און דו האָסט ניט געקאָנט זען, ווי דיינע צוויי טעכטער לעבן זיך גליקלעך און צופרידן מיט זייערע מענער, און ווי שטאַרק זיי האָבן זיך ליב... דו ביסט אוועקגעגאַנגען פון דער וועלט מיט א זייער שטאַרקן ווייטיק אין הארצן און ניט געהאַט די זכיה צו זען זיי גליקלעכע — האָט זי געזאָגט. און טאָקע אין דעם ליגט די נקמה פון גורל.

אינהאלט:

פּרעזענטאַציע	3
אויגן	5
די קללה פון ווייסן	11
א יאָרצייט־ליכט	15
צוליב קאַרטן	19
א בלוטיקער שפּאַס	26
א דועל מיטן גורל	30
א קוק אויפן זייגער	34
די ודוי פון א פרוי	37
זכרונות און בילדער	42
טרערן	46
חרוה	49
דער פארמשפּטער	53
וווהין ?	58
פּסח׳דיקע מחשבות	62
חלום און וואָר	69
ימים נוראים אין אסטראָוועצ	73
קדיש נאָך אָסטראָוועצ	79
ליכט	83
ס׳געזאַנג פון מזרח	84
נייע און אלטע היים	87
די נקמה פון גורל	89

MALKA APELBAUM

NAIE UN ALTE HAIM

(NOVO E VELHO LAR)

MALKA APELBAUM
Rua Benevenuto Berna, 20 apt. 202
RIO DE JANEIRO
—— BRASIL ——

דרוק מ. לאנדער — ריא דע זשאנעירא — בראזיל